STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02753

DI KOVED ZUKHER

Bernard Mirvish

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע רעכטן רעזערווירט 1945.
איבערדרוקן אָן ערלויבעניש פון מחבר
שטריינג פארבאָטן.

Printed by the Prompt P. & P. Co.
7 Harris Street, Westgate,
Johannesburg.

ערשטער טייל

די כבוד זוכער

א סאטירע איבער גבאים, קאָמיטע לייט, רבנים, כלי קודש,
ניט געבעטענע בעלי־טובות, כלל פארזאָרגער, ארטיסטן,
שרייבער, רעדאקטאָרן, פאָעטן, דאָקטוירים, אינטעליגענטן,
און סתם פראָסטע חי וקימס, בעלי צדקה און הולטאיעס.
מיט איין וואָרט א גאלעריי פון טיפּען און בילדער איבער
שטעדט און שטעדטלעך פון דרום אפריקע.

איר וועט לאכן און האָבן הנאה. זאָל אייך זיין צו געזונט.
ווי זאָגט „שלום עליכם" „דאָקטוירים הייסן לאכן".

בנציון מירוויש

P.O. Box 1387. CAPETOWN.

במקום א פארעדע!

אלע נעמען און כאראקטערס וועלכע ווערן דערמאָנט אין מיין בוך זיינען אויסגעטראכטע, און אויב ווער ניט איז וועט זיך דערזען אין מיין קרומען שפיגל וויל איך יענעם דערמאָנען די אלטע געשיכטע פון אַ היטל־מאכער, וועלכער פלעגט מאכן היטלען צו פארקויפן אויף די מערק, און ווען אימיצער האָט זיך אָנגעמאָסטן זיין היטעל און עס האָט געפאסט, פלעגט דער היטל־מאכער זאָגן: „גוטער ברודער, פאר דיר אליין האָב איך עס געמאכט, טראָג געזונטערהייט". זאָל אייך אלעמען זיין צו געזונט און האָט ניט קיין פאראיבעל.

דער מחבר.



דער מחבר

אינהאלטס-פערצייכענונג

(ערשטער טייל)

		זייטע
1)	א ביסעלע סטאטיסטיק	7
2)	צוליב צוויי ברוינע היט פארלירט א שמש זיין פרנסה	13
3)	גלות מיוזענבערג	18
4)	א קאָמיטע מעמבער	27
5)	דער גבאי היט שטריינג די תקנות פון שול	29
6	טייערע הענט	35
7)	א רעדאקטארס דאגה	39
8)	קאָנקורענץ און פעטש	44
9)	א דרשה פון א רב	49
10	איצאלע באראבאן	54
11)	דער קארגער ספּאָרטסמאן	58
12)	שמעריל שלים־מזל	68
13)	די שווערע לאגע פון העברייאישן לערער	73
14)	דער פארפעלטאנער הומאריסט	79
15)	דער עלפטער נס	86
16)	רייזע איינדרוקן	94
17)	די גט מגפה	99
18)	פּאָרט א איד נאָך קאלעדאן	103

ערשטער קאפיטעל.

אַ ביסעלע סטאַטיסטיק

מערקווירדיק איז, אַז ווען איינער וויל זיך פאַרנעמען מיט די אויס־פאַרשונג פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין דרום אפריקע, באַמערקט ער זייער אַ קוריאָזען פּאַראַדאַקס:

לויט די לעצטע רעגירונגס צענזוס וועלכע איז דאָ פאָרגעקומען ווערט אָנגעוויזן אַז די צאָל פון די אידישע באַפעלקערונג אין דרום אפריקע איז אומגעפער קנאַפּע 100,000, דאָך פאַרמאָגט דער אידישער קבוץ אין אונזער מדינה איבער 241 קהילות מיט 5687 פאַרשידענע חברות, אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען אנשטאַלטן מיט בערד און אָנע בערד אָבער מיט אַ דורכשניט־לעכן מיטגלידערשאַפט פון 162.

דאָס הייסט אויפן פּשוטן לשון אַז אויב מיר זאָלן נעמען זיך די מיה און צוזאַמענרעכענען דעם סך הכל פון אַלע מיטגלידער פון די קהילות און חברות וועט אויסקומען אַז מיר האָבן קיין „עין הרע” 860,336 אידן ערוואַקסענע, פאַרעגיסטרירטע, טעטיקע מיטגלידער, כן ירבו.

אויב דאָקטאָר מאַלאַן מיט עריק לאו וועלן לייענען דיזע שורות וועט זיי געוויס פּלאַצן די האַרץ פאַר ווייטאָק. שטעלט זיך פאָר מיט אַ מאָל האָב איך אַרויסגעגעבן דעם שרעקלעכן סוד, אַז אחינו בני ישראל האָבן פאַר־פלייצט דרום אַפריקע. דער גאַנצער אַפּאַראַט פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי דער „ברודער באָנד” די „אָסעוואַי בראַנדוועג” און אויך אַלע אונזערע „גוטע פריינד” פון די פאַראייניקטע פּאַרטיי וועלן קומען אין באַוועגונג און וועלן מאַכן אויצעקו עד השמים. דער „בורגער”, דער „טראַנסוואַלער” און צענדליקע אַנדערע וואָכנבלעטער, מאַגאַזינס און צייטשריפטן וועלן שרייבן גאַליגע לייט־אַרטיקלען און אויפווייזן די גרויסע סכנה.

לצים אַפילו וועלן דאָס ערקלערן גאַנץ איינפאַך, פּשוט, יעדער איד איז אַ מיטגליד, אַ מעמבער אין עטלעכע צענדליק חברות, אַ פאַקט וואָס איך

אליין קען באשטעטיקן מיט א אינטערעסאנטן עפיזאד וועלכע וועט ווארפן א ליכט אויף דעם דאָזיקן דערמאָנטן פאראדאקס.

מיט אייניגע יאָר צוריק האָב איך געלעבט אין די פרי סטייט אין א געוויסע שטעטל, וואו דער אידישער האָטעל אייגענטימער האָט זיך פאר־וועלט אויסגעקליבן צו ווערן אלס א ראטמאן אין די אָרטיקע שטאָט־פאר־וואלטונג.

דער מאן, לאָמיר אים אָנרופן „מיסטער אלף״ האָט מיר אָנגעבעטן איך זאָל וועגן אים אריינשרייבן א קורצן נאָטיץ אין די אָרטיקע וועכנטליכע צייטונג.

קורץ פאר די וואלן האָט זיך אין יענע וואָכנבלאט געדרוקט א באשריי־בונג פון מיסטער אלף זיינע גרויסע פארדינסטן צו די געזעלשאפט און אז ער איז א מיטגליד און שטיצט 94 אידישע חברות אין דרום אפריקע און 19 אין ארץ ישראל.

איר קענט זיך פאָרשטעלן די סענסאציע וואָס דאָס האָט ארויסגערופן אין שטעטל אז זיי האָבן מיט א מאָל זיך דערוואוסט וואָס פאר א פילאנטראפ און בעל צדקה גייט ארום צווישן זיי, איך דארף אייך ניט דערציילן אז מיסטער אלף האָט מען איינשטימיק אויסגעקליבן פאר א ראטמאן און אים זאגאר געמאכט פאר א דעפיוטי מייער. פון יענע צייט אָן איז מיסטער אלף געוואָרן אזוי שטאָלץ ביי זיך אז ער פלעגט מיר קוים דערקענען צום באגריסן. ווען ער פלעגט מיר באגעגענען, האָט ער אלעמאָל האסטיק פאר־בייגעלאָפן ווי טויזנט רוחות וואָלטן אים מיט א מאָל גענומען יאָגן.

איך מוז זיך מודה זיין פאר אייך אז קיין גוטער איד זאָל ניט קענען דעם וואָס האָט אויסגעטראכט די חכמה פון סטאטיסטיק. ווען איר לאָזט זיך אריין אין שטודירן ציפערן און ווילט עס וויסנשאפטליך ברייננען צו א לאגישן אויספיר, קומט אוים אז מיר האָבן 5687 טשערמאנס, פרעזי־דענטס, אָדער הויפט גבאים. רופט עס ווי איר ווילט אָבער עס איז די זעלביקע יאכנע. מיט 11374 וויים־טשערמאנס, 5687 טרעזשורערס און 5687 סעקרעטארן צוזאמען 28735 א חוץ 51183 קאָמיטע מיטגלידער כמעט יעדער דריטער איד אין דרום אפריקע איז א גבאי אָדער א פרעזידענט און יעדער צווייטער איד איז א קאָמיטע מעמבער.

דער נאטירלעכער צווואוקס פון די היגע אידישע באפעלקערונג איז 14 אויף יעדן טויזנט. דאָס הייסט אז יעדן יאָר ווערט דער אידישער קבוץ

פארגרעסערט מיט 1400 נייגעבאָרענע קינדער און יעדער קינד האָט אַ נוואלדיקן פּראספּעקט אָנצונעמען עטלעכע גבאים שטעלעס.

מיר דארפן אויך ניט פארגעסן אַז אויסער די אַלע דערמאָנטע הויכע אמטן פארמאָגן מיר 424 „אויבינע" אָדער „לעבעדיקע" גבאים איך מיין „לייף"-פּרעזידענטס, אַזא טיטול מיט וועלכע אונזערע אינסטיטוציעס זיינען זייער ליבעראל צו באשיינקען יעדן איינעם וועלכער גיט אַ גרעסערע מטבעה פאר זייערע הצטרכות אָדער וועלכער נעמט אַ מערערן גרעסערן אקטיוון אנטייל אין זייער טעטיקייט.

די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע צוטיילונג פון די היגע אידן באשטייט פון פּאָליטישע נאציאָנאלע, סאָציאלע, געזעלשאפטלעכע, וואלטעטיקע און רעליגיעזע חברות.

פון די פּאָליטישע איז דער „באָארד אָוו דעפּוטיס" דער איינציקער וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיין גלענצנדע טעטיקייט — פון שווייגן. קיין פשוטער בשר ודם. איך וועל גיין ווייטער און זאָגן אַז קיין ילוד אשה ווייס ניט וואָס עס טוט זיך דאָרטן „מאחורי הפרגוד" הינטער די קוליסן אויסער די שטריינג צענזורירטע וואסערדיקע פּרעסע ביולעטן וועלכע ווערט ארויסגעגעבן איינמאָל אַ חודש כדי מען זאָל חלילה אינגאנצן אָן זיי ניט פארגעסן וואָס זיי טוען אָדער בעסער געזאָגט וואָס זיי טוען ניט.

מיר דוכט זיך אַז ערגעץ וואו אין עטלעכע שטעט געפינט זיך אַ ברעטל אָנגעקלאפּט צו אַ טיר וואו עס שטייט אָנגעשריבן מיט קדוש-לבנה אותיות „געזערד" אָדער „אָרט-אָזע" איך האָף אַז מיינע לעזער וועלן מיר ענט-שולדיקן אויב איך קען קיין גרעסערע אויסקונפטע וועגן זייער אקטיוויטעט ניט געבן. איך האָב פּרובירט זוכן, נישטערן, געפינען עפּעס אַ רמז אָבער ליידער צו מיין גרויס באדויערן האָב איך ניט קיינע וויכטיקע מעשים פון זיי ניט געהערט.

די נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס פארשטייט זיך זיינען אונזער ציונים-טישע פּארטייען, די אַלגעמיינע ציוניסטן, די מזרחי, פּועלי ציון (האָבן אפילו אַ סאָציאליסטישן אונטערשלאָג. רחמנא לצלן) רעוויזיאָניסטן און סתם גוטע געטרייע הארציקע איבערגעגעבענע אידישע פּאטריאָטן וועלכע העלפן בויען אונזער היימלאנד אָנע חקירות און גיבן געלט מיט שמחה ווען נאָר זיי ווערן אויפגעפאָדערט צו טאָן און צו געבן.

עס האָט זיך אַ ביסעלע אַ טומל געטאָן ווען איניקע פון אונזערע ציוניסטישע כלל טוער האָבן זיך דערוואוסט אַז ארץ ישראל ליגט ביים ים און אַז משה רבינו האָט דעם ים געשפּאָלטן אלזאָ זיינען מיר דאָך גרויסע מחותנים מיטן ים. אויב אזוי טאָר מען אזא געלעגנהייט ניט פארביילאָזן און מיט גאָט'ס הילף איז געשאפן געוואָרן אַ חברה „ים מענטשן" וועלכע וועלן ענטוויקלען אונזערע ים אנגעלעגנהייטן.

די שיפן וועלכע מיר גייען בויען וועלן געווים קענען שווימען אויפן ים התלמוד אומגעשטערט און ניט דארפן מורא האָבן פאר אונטערוואסער שיפלעך אָדער מינעס, אזוי האָט מיר פארזיכערט דער נייער אדמיראל איר קענט זיך אויף אים פארלאָזן.

דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן דאָס אויב די ציוניסטישע באוועגונג אין דרום אפריקע צייכנט זיך אוים מיט איר גרויסע וויכטיקע, ענערגישע אויפבוי ארבעט פאר ארץ ישראל, פארנעמט קייפּטאנער דורשי־ציון, דעם פארדינטן „אויבן אָן" פון נאציאָנאלן שאפן. ניט קוקנדיק אויף די אויבער־פלעכליכע מיינונגס פארשידענהייטן פון אונזערע ציוניסטישע פארטייען וועט דאָך דער בנין פון מלכות ישראל האָבן אַ גרויסע צאָל ציגעל פון אפריקאנער ציוניסטן וועלכע גיבן מיטן גאנצן הארצן און מיט אַ פולע האנט. צו די קלאסיפיקאציע פון די סאָציאלע געזעלשאפטלעכע ווערט איינגערעכנט אלע אידישע ארדענס, קלובן, קולטור־ליגיעס, קולטור־פראנט און יוגנט פאראיינען.

ביז יעצט איז מיר נאָך ניט געלונגען פעסטצושטעלן דעם ריכטיקן באגריף פון „יוגנט" אָרגאניזאציעס, צי עס מיינט קינדער ביז 14 יאָר, ביז 20 אָדער ביז 55 יאָר. ווײַלע איך קען גראדע אַ סך מיטגלידער פון אונזערע „יוגנט" פאראיינען וועלכע קענען זיין מיינע זיידעס און באָבעס. נאָך שווערער איז פאר מיר די פראבלעמע אויסצוגעפינען וויפיל „יוגנט" פאראיינען געפינען זיך אין דרום אפריקע. איר קענט אליין זען דאָס אין קייפּטאון צום ביישפּיל איז דאָ אַ מחלוקת הפוסקים וויפיל „יוגנט" אָרגאַ־ניזאציעס געפינען זיך דאָרטן איין טייל גלויבט אַז זיי האָבן בלויז פופצען סאָסייטיס און אנדערע פארקערט האלטן אַז עס געפינען זיך איבער 55. דער קומענדיקער סטאטיסטיקער וועט מסתמא האָבן מער מזל און וועט געפינען זיי אלע בלויז 55. דער קומענדיקער סטאטיסטיקער וועט מסתמא האָבן מער מזל און וועט געפינען וויסן זייער צאָל.

אויף וואלטעטיקע אָרגאניזאציעס איז ברוך השם דאָ אַ גאנצער גערעטעניש, גמילות חסד, בקור חולים, חברה קדישא, כשר־קיטשען, מושב

זקנים, בית היתומים, די ליגיע צו העלפן די מלחמה קרבנות, די פריינט פון ראטן רוסלאנד און די אומגעהעריקע גרויסע לײדים סאָסייטיס, לאנד־שאפט פאראיינען. זיי אלע טוען ערלעך געוויסענהאפט זייער וויכטיקע נוצלעכע ארבעט, יעדערער אין זיין ספערע און יעדערער לויט זיינע יכולת און דערמיט וועבן זיי ווייטער די פעדים פון אונזער אידישע טראדיציע.

צו די רעליגיעזע געזעלשאפטן געהערן אלע קהילות מיט מחלוקת און אָנע מחלוקת, תלמוד תורה'ס, חברה משניות, חברה תהילים, חברה ש"ס. אויב מיר זאָלן אורטיילן נאָך די סיום'ס וואָס ווערט אזוי אָפט געפראוועט וועט אויסקומען אז דרום אפריקאנער אידן זיצן נאָר על התורה ועבודה.

דאן איז דאָ א סך אזוי גערופענע „פארעווע חברות" וועלכע איז שווער צו קלאסיפיצירן, נעמט למשל די „ראמי" און „פאָיקער" אויך „ברידזש" קרייזליך זיי שפילן דאָך לשמה אויך, זיי העלפן דאָך „געווינען די מלחמה" און העלפן אויך צו פינאנסירן אונזערע צדקה אנשטאלטן. מיט איין וואָרט זיי זיינען ניט סתם „געמבלערס" נאָר פאטריאָטן און פילאנטראפן וועלכע שוויצן נעבעך טעג און נעכט לטובת המדינה והכלל. באר אזוינע פארשווינען וואָלט געוועזן א יושר צו מאכן אן עקסטרא מעדאל מיט וואָס זיי זאָלן קענען שטאָלצירן.

עס וועט ניט זיין ריכטיק פון מיר אויב איך וועל פארגעסן צו דער־מאָנען אז א נייער באָארד האָט גינומען וואקסען אויפן פנים פון דרום אפריקאנער אידנטום און דאָס איז דער באָארד אָוו עדיוקיישן. זיינע פאמפלעטן, ביכלעך און פלוג בלעטלעך וועגן כשרות, שבת און ימים טובים זיינען ליטעראַרישע פערל. א פארגעניגן צו לעזן עוד לא אלמן ישראל. עס איז נאָך דאָ טאלאנט ביי אונז אידן, זייערע בקיאות און אידישע געשיכטע און זייערע חריפות און פסיחילאגיע איז ווערט צו באוואונדערן.

מיט איין וואָרט אחינו בני ישראל זיינען אקטיוו, באוועגלעך און טומלען זיך. איך האָב שוין אָנגעגעבן אזוי פיל שווערע ציפערן אז איך האָב שוין מער ניט קיין חשק צו באלעסטיקן מיינע לעזער מיט די צאָל פסוקים פון שעקספיער וועלכע מאנכע פון אונזערע רבנים וויסן און פון די צאָל מאמרי חז"ל וועלכע זיי וויסן ניט.

הײנט װעט רעדט שױן פֿון די צאָל באַנקעטן און באַנקעטלעך, קבלת פּנים און אָבשײד אָװנטן. עס קען אָנפּאַלן אַ שרעק אױב איך װעל נעמען אױסצײלן די צאָלרײכע רעדעס און באַגריסונגען װעלכע װערן געהאַלטן אױף אַלע באַנקעטן, אָדער זאַמלען די האָניק־זיסע, שמן זית'דיקע לױב־געזאַנגען און קאָמפּלימענטן צו אַלע אונזערע גדולים און עסקנים, אַזאַ סטאַטיסטיק װעט געװיס קײנער ניט קענען אױסהאַלטן.

צווייטער קאפיטעל.

צוליב צוויי ברוינע היט פארלירט א שמש זיין פרנסה

גרונם פחדן איז א גרויסער העלד, אזוי בארימט ער זיך פאר זיין פרוי יאכנע גיטעל, אדער „דזשעסי" ווי מען רופט איר אין איר „ראמי" קרייזעל. גרונם פחדן איז ברוך השם א איד קרוב צו 70 זעט אויס ווי 50, האט רויטע בעקלעך, גלייכע ניט צעקנייטשטע געזיכטסציגע, א גרויסן שטערן מיט א פאר שארפע אויגן וועלכע שטייען ניט רואיג און קענען אויף א מענטשן ניט קוקן לייננער ווי צוויי סעקונדן. ער גייט זיך גלייך, ניט געבויגן, די קאפ הויך, און רעדט מיט שטאלץ און ווירדע, ווייל ער וויים, אז ער איז א גרויסער יחסן, דער פאטער זיינער איז געווען א רב ערגעץ וואו אין א קליינע שטעטעלע אין ליטע. דעם פאקט אז ער איז א בן הרב לאזט ער קיינעם ניט פארגעסן. ער זעט צו גיין אלע שבת אין שול און צו קריגן אפט אן „עליה".

גאט זאל שומר ומציל זיין דעם בעל קירא אויב ער וועט אויפרופן ר' גרונם פחדן און וועט ניט הויך בקול רם אויסשרייען „יעמוד מורנו ר' גרונם בהרב ר' זרח „חזק" דאן וועט ער שוין האבן אויסגעריסענע יארן פון ר' גרונען, אים וועט ניט העלפן קיינע תרוצים.

ר' גרונם איז בטבע אנוקם נוטר ער געדיינקט אן עוולה און פארגעסט ניט אז מען האט אים באליידיקט. ר' גרונם פחדן איז א סוחר, האלט זיך זייער אנגעזען, קריכט פון הויט צו מאכן א פיינעם איינדרוק, ער איז ניט קארג צו צוזאגן יענעם „הרים וגבעות" אבער ווי נאר ער קערט זיך אוועק פון יענעם, פארגעסט ער גלייך וואס ער האט צוגעזאגט. לצים זאגן אז ער האט געמאכט א ספעציאלן קאנטראקט מיטן מלאך השכחה אז ער זאל אים מאכן פארגעסן וואס ער זאגט צו.

אויף די עלטערע יארן האט זיך ר' גרונם פחדן ארומגעזען אז אים פעלט א ביסעלע כבוד. די עטלעכע מענטשן, וועלכע קומען מאכן ביי אים

אַ קערטעל האָט ער פּילע מאָל פון זיי גאָר קיינע נחת ניט, יעדער האָט אנאנדער שפּראך, וועגן זיין שפּילן, און זייערע וויצן אויף זיין חשבון געפעלט אים קיינמאָל ניט. ער מוז נעבעך שווייגן, וואָס קען ער נעבעך טאָן, ער איז פּארט אַ קאליקע און פארשטייט ניט גוט דעם שולחן ערוך פון קאָרטן, ניט נאָר ער פארשפּילט, נאָר זיי האָבן נאָך טענות אַז ער „שפּאָילט די גיים". פּארפאלן אַ איד איז אין גלות, און מען מוז זיך מאכן ניט וויסנדיק און אלץ מקבל באהבה זיין. וואָלט נאָך אלץ געווען גוט, האָט זיך מישב געווען די ווייב זיינע יכנע גיטעל און האָט אויך גענומען אונטער בורצעווען אַז אַזאַ פיינער איד ווי ער, מיט אזא גרויסן יחוס פּאסט זיך צו זיין אַ גבאי אין שול אָדער בית המדרש.

ר' גרונם פּחדן איז דער געדאנק פון זיין פּלוניתטע גראדע אריין אין נאָז און האָט גענומען פארקאשערן די ארבעל און עפּעס טאָן אין דעם ענין.

ווי עס פירט זיך ביי אונז אידן „הבא לטהר מסיען לו" האָט דער בורא ברוך היא געהאָלפן און אין איין שיינעם פרימאָרגן, אזונטאָג, ווען עס איז געווען אַ מיטינג פון שול „אנשי בית חיים" האָט מען ר' גרונם מיט מזל און מיט כבוד אויסגעקליבן פארן גבאי, און פון יעצט אָן מעג ער שטיין אין שול אויבן אָן, מיטן צילענדערהוט אויפן קאָפּ און געבן באפעלן דעם שמש, דעם חזן, דעם חזן שני און אפשר אַ מאָל דעם רב אויך.

ווי ער איז געוואָרן גבאי האָט ר' גרונם פּחדן גיקראָגן אַ נשמה יתירה, געוואָרן מער תקיף ביי די ווייב, און אויך אפילו זיינע מיטשפּילערס פון גרינעם טישעל,האָבן מיטאַמאָל זיך ארומגעזען, אַז ער איז פּאָרט ניט אַזאַ לא יוצלח ווי מען האָט פריער געמיינט. ער ווייס ווען מען דארף די „מלכה" האלטן און ווען מען קען זיך פארגינען ארויסצוווארפן אַ „מלך".

מערער פאר אלעמען האָט דערפילט זיין ממשלה דער שמש, אַ שטילער איידעלער יונגערמאן וועלכער צעפּעט ניט אַ פליג און לויפט און באמיט זיך איבער זיינע כחות צופרידן שטעלן די בעלי בתים פון שול און איבערהויפּט געפינען חן ביים נייען גבאי.

גיי זיי מיר אַ חכם און געפין חן ביי אַ מענטשן ווען ר' גרונם האָט נאָר איין געדאנק, איין אמביציע צו באווייזן פאר זיין ווייב, פאר זיינע קאָרטן-חברים און אויך פאר אלע מעמבערס פון שול אַז ער איז ניט אבי ווער, נאָר גבאי, וועלכע פונקציעס גיט אים די פּאָלמאכט פון אַ דיקטאטאר.

אַ קליינעקייט, קענט איר אפשר איינעם געבן הוצאה והכנסה, און דעם אנדערן הגבה וגלילה אָדער גאָר אַ פּעטע עליה ווי למשל שלישי, אָדער שישי, אָדער גאָר מפטיר? ניין! איר קענט דאָס ניט. אָבער דער גבאי קען און טוט, מי יאמר לו מה תעשה?

אויב האָבן די מאכט איז אַ גוטע זאַך דען אויסנוצן די מאכט איז אַ סך בעסער, און ר׳ גרונם פּחדן האָט דאָ געגומען קלערן אויף וועמען קען ער זיין ממשלה פאַרשפּרייטן און לאָזן עס פילן. דעם רב פּאַסט ניט, ער איז אַן אַלטער מאַן און דערצו אַ שטיקל קרוב. דעם חזן געוויס ניט, ער איז דער גאַנצער ברויט געבער פון שול, אויב ניט זיין נגינה וואָלט די שול ניט האָבן קיין מעמבערס און ממילא וואָלט ניט קענען נעמען גרויסע פּרייזן פאַר די „פּלעצער" ווען עס קומט די ימים נוראים. דעם חזן שני קען מען אויך ניט אָנרירן, ער איז שוין אין שול פון קדמונים אָן, פון לאַנגע יאָרן און איז מיט יעדן מעמבער פון שול גרויסע פריינט, ער קומט אַלעמאָל צוגייען אַלס „אַ האַנט" ביי דעם גרינעם טישעל, און ווייס געגוי ווען די שוויגערס יאָרצייט דאַרף זיין, אַלזאָ קען ער אים געוויס ניט אָנרירן. בלייבט איבער דער שמש, ער איז אין שול ניט לאַנג, מער ניט ווי פיר יאָר און איז ניט קיין היגער, געקומען פון אנדערע מקומות, שפּילט ניט אין קאָרטן, טויג ער דאַך ניט פאַר קיין האַנט, אַזאַ יונגערמאַן איז אַ מצוה אָנצולערנען ווי צו האָבן דרך ארץ פאַר אַ גבאי.

ווי פלעגט זאָגן מיין באָבע ע״ה אַז גאָט שיקט צו דעם שפּינער זיין פלאַקס, און דעם טרינקער זיין וויין, האָט ער צוגעשיקט ר׳ גרונם פּחדן זיין געלעגנהייט ווי זיך אָפּצורעכענען מיטן שמש און מיט דעם דערגרויסט און דערהויכט ווערן ביי די קאָנגרעגיישן, אַז זיי זאָלן וויסן אַז די שול געפינט זיך אין לייטישע הענט, ווי דער פּסוק זאָגט בקרובי אקדש.

עס איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג יום כפּור ווען די גאַנצע שול איז געווען געפּאַקט און אָנגעפּילט פון די מעמבערס, דאָ איז געווען „דער טאָג" פאַרן גבאי, אַלע האָבן געקענט זען אַז ער איז אַ מושל יחידי, אַ זעלבסט־הערשער, אַ כפּרה היטלער, מוסאָליני, פראַנקאָ, אַנטאָנעסקאָ און אַנדערע דיקטאַטאַרלעך. ר׳ גרונם האָט אַ וואונק געטאָן צום שמש און יענער איז ניט טויט און ניט לעבעדיק גלייך צוגעלאָפן צו זיין זייט, „זעט איר יענעם מאַן מיט די ברוינע הוט" גייט צו און זאָגט אים אַז איך בין אים מכבד מיט פּתיחה". דער שמש איז גלייך אַוועק אויספילן דעם באַפעל,

און גראדע מעשה שטן שטייען צוויי יונגע לייט איינער לעבן די אנדערע און ביידע האָבן ברוינע היט, פאַרלאָזט זיך דער שמש אויפן רבש"ע, ווײַלע לויפן צוריק פרעגן דעם גבאי וועמען ער מיינט קען ער ניט, דער חזן האלט שוין ניט ווייט ווען מען דאַרף דעם ארון קודש עפענען, האָט ער אַ צופּ געטאָן דעם ערשטן יונגנמאן מיט די ברוינע הוט און אַ זאָג געטאָן „זייט אזוי גוט, קומט מיט מיר עפענען דעם ארון קודש, ווײַלע דער גבאי איז אייך מכבד מיט פּתיחה. דער שמש, שפּרייזט פאַרויס און דער יונגערמאן מיט די ברוינע הוט שטאָלץ נאָך אים, אָבער פאַרבײַגייענדיק דעם גבאי האָט דער שמש דערזען אויפן גבאי'ס פּנים אַז ער פירט ניט דעם וועמען דער גבאי וויל, פאַרפאַלן טראַכט זיך דער שמש וואָס קען מען טאָן, איין ברוינע הוט איז אזוי גוט ווי אַ צווייטע, אין „כל ישראל קדושים", יעדער מעמבער פאַרדינט און איז ווערט אַז מען זאָל אים מכבד זיין מיט פּתיחה און די אנדער ברוינע הוט וועט קריגן אן אנדער פּתיחה. איז זיך דער שמש געגאַנגען ווייטער צום ארון קודש, אָבער, ער האָט געמאַכט דעם חשבון אָן בעל הבית, ר' גרונם פּחדן דערזען אַז זיין אויטאָריטעט קען חלילה ליידן, האָט ער אַ צי געטאָן דעם שמש פאַרן אַרבעל און אַ זאָג געטאָן, זאָגט אים אַז די פּתיחה איז ניט פאַר אים! איך האָב געמיינט אַן אנדער פּערזאָן! דעם שמש איז געוואָרן קאַלאַמיטנע אויפן הארצן, ווי איז מען דאָס מבייש אַ אידן בפני כל עם ועדה אום יום כיפור אָבער דערזעענדיק די רציחה אויפן גבאים געזיכט איז פּרחה נשמתו פון שמש און ער האָט זיך אומגעקערט צום יונגנמאן און מיט הכנעה געזאָגט „ענטשולדיקט איך האָב געמאַכט אַ טעות, דער גבאי האָט געמיינט מכבד צו זיין מיט פּתיחה דעם צווייטן יונגנמאן מיט די ברוינע הוט וואָס זיצט לעבן אייך.

זייענדיק אַן אדעלמאן האָט זיך דער יונגערמאן מיט די ברוינע הוט אומגעקערט צוריק צו זיין פּלאַץ און זיך ניט געמאַכט וויסנדיק.

אָבער פילע פון די מתפּללים פון שול האָט דאָס זייער פאַרדראָסן אויפן גבאי וועלכער האָט עפנטליך פאַרשעמט אַ אידן אָהנע וועלכע אורזאַכע. ווי ר' גרונם פּחדן האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן צו זיינע מקורבים, יוצר משרתים וועלכע דרייען זיך ארום אים „דער שמש טויג ניט, ער איז שולדיק" און גלייך האָט זיך צוטראָגן איבערן שול דער לאָזונג אַז „דער שמש טויג ניט ער איז שולדיק", קיינער האָט ניט געפרעגט אין וואָס באַשטייט דעם שמש שולד, דער גבאי האָט

געזאָגט איז געווען, בלייבט עס, אַז דער שמש האָט געמאכט אַ פעלער און ער אליין איז פאראנטוואָרטלעך פאר דעם אינצידענט. ווי נאָך יום כפור איז אריבער האָט גלייך דער גבאי פארופן אַן אסיפה פון קאָמיטע אום חול המועד סוכות און האָט פארגעלייגט אַז מען זאָל דעם שמש אנטזאגן פון זיין שטעלע, כדי צו ווייזן אַז ער ר׳ גרונם פחדן וועט ניט צולאָזן אַז אַן אָנגעשטעלטער פון שול זאָל באליידיקן אַ מעמבער.

די קאָמיטע האָט איינשטימיק אָנגענומען דעם פארשלאג, נאָך איין קאָמיטע מיטגליד ר׳ זרח האפער וועלכער האלט זיך פאר אַ למדן און אַ גרויסער ירא שמים האָט נאָך געפאָדערט אַז מען זאָל ניט שרייבן קיין פראטאקאָל פון די אסיפה ווייל חול המועד טאָר מען ניט שרייבן. מען מעג צונעמען פון אַ אידן ברויט, אָבער שרייבן חול המועד פאסט עס ניט. צוליב איין אַקס איז חרוב געוואָרן ביתר און צוליב אַ ברוינע הוט האָט אַ איד אָנגעוואָרן זיין פרנסה.

דריטער קאפיטעל.

גלות מיוזנבערג

דערציילט מיר א גוטער באקאנטער א גרויסער סוחר, אז ער איז א פערזאָן וועלכער איז כסדר פערנומין, און זיין געשעפט פאָדערט גרויסע אנשטריינגונגען כדי צופרידן צושטעלן זיינע קונדן.

ער איז ניט פון די „פינסטערע שפעקולאנטליך” וועלכע זיינען ארויס־געוואקסן אין די מלחמה יאָרן, וועמענס געשעפטס־ליניע איז נאָר וואָס מערער געלט צו מאכן און ניט זאָרגן וועגן דעם מיינונג פון זייערע צייט־ווייליקע קונדן. פארקערט, אים קומט אוים צו ארבעטן שווער און ביטער צו זען אז זיין נאָמען זאָל ווערן געאכטעט אויך נאָך די מלחמה און אין די קומענדיקע פרידענסצייט זאָל ער קענען הויך האלטן די קאָפּ און שטאָלצירן פאר זיינע קונדן אז ער האָט זיי פיין באהאנדעלט און האָט ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון ספעקולאציע.

ווען איינער ארבעט שווער, ווילט זיך אויף א ווילע אן אָפּרו, האָט ער באשלאָסן ווי פילע אנדערע צו פאָרן קיין מיוזענבערג וואו דער ים מיט זיינע ווארימע כוואליעס ציט צו צענדליקע טויזנטער קאנדידאטן וועלכע זוכן צו פארבעסערן זייער געזונט און זיך ערהוילן. אגב פאסט עס ניט פאר א אידן א סוחר ניט צו פאָרן אין מוזענבערג. עס איז שוין געוואָרן אזא מאָדע צו דערציילן „ווען איך בין געוועזן אין מוזענבערג”, דאָס איז פונקט אזא כבוד ווי א סאָלדאט אָנטאָן א בענדל אויפן ארבעל.

וואָס טוט א איד נעמט ער עטלעכע אידישע און ענגלישע צייטונגען און קוקט איבער די פארשידענע מודעות פון די האָטעל אייגנטימער און פאנסיאָנען אינהאבער פון מיוזענבערג.

אז מען זוכט, געפינט מען, האָט מיין באקאנטער גראדע באמערקט, א מודעה אז אין מוזענבערג האָט זיך יעצט גראדע אויסגעבויט א שפּאָגל נייער האָטעל מיט א הויך קלינגענדן נאָמען וועלכער קען צופרידן שטעלן דעם גרעסטן ענגלישן פאטריאָט און דער האָטעל איז איינגעשטעלט מיט

אלע באקוועמע מאָדערנע איינריכטונגען. שיינע, גרויסע לופטיקע צימערן, רייך מעבלירט, ריינע זויבערע ווייכע בעטן, מיט ווארענדעס און באלקאנעס וואו די אויג קען זען דעם בלויען הימל מיט אַ שפּיץ פון בארג און איז דורכגעווייגט מיט ים לופט. ווײַלע דער האָטעל געפינט זיך ניט ווייט פון ים. דער גרעסטער כבוד איז צו שטיין אין אזא האָטעל. ווער שמועסט וועגן עסן האָט דער האָטעל אלעס פון די בעסטע, זיין קיך איז בארימט איבערן גאנצן פּראָווינץ, די געשמאקסטע מאכלים ווערט צוגעגרייט פאר די געסט און אלעס איז שטריינג כשר אפילו למהדרין מן המהדרין. עס איז אסברא אז ווען משיח וועט קומען און מען וועט דארפן פראוועווען די גרויסע סעודה פון לויתן מיטן שור הבר וועט מען געוויס איינלאדן די קעכין פון דעם האָטעל צו צוגרייטן אלע געריכטן פאר די צדיקים.

דערזען אזא רעקלאמע האָט מיין באקאנטער גלייך טעלעגראפירט דעם האָטעל אייגענטימער אז ער באשטעלט פאר זיך, פאר די פרוי און זיינע צוויי קינדער, צוויי צימערן אויף אַ מאָנאט צייט פון 10־טן דעם מאָנאט ביז דעם 10־טן פון קומענדיקן מאָנאט, לויט דעם פרייז וואָס דער האָטעל רעכענט. זאפארט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראפישער ענטפער, אז זיין באשטעלונג איז אָנגענומען און ר קען קומען צו דער באשטימטער צייט.

מיין באקאנטער האָט גלייך זיך גענומען מכין זיין צום פאָרן. זיין פרוי איז געוואָרן פארנומען מיטן גייען איינקויפן די נויטיקע זאכן, קליידער וואָס מען דארף אויף אזא לאנגע נסיעה.

מען גייט דאָך שטיין אין גרעסטן, שענסטן, מאָדערנעם האָטעל, וואו מען וועט געוויס טרעפן גרויסע בארימטע פערזענלעכקייטן, מען וועט דארפן מיט זיי זיצן ביי איין טיש, פארברייננגען אין אויפנאמס־זאַל, זיך באגעגענען אויף יעדן שריט און טריט, דאן מוז מען זיין אויסגעפוצט אין עסיג און האָניג.

ער ווידער האָט גענומען ארבעטן ער זאָל קענען קריגן אַ פּלאַץ אויפן באַן (טריין) פאר זיין פאמיליע, ווײַלע לעצטנס אין מלחמה צייט איז די באַן באוועגונג פארבונדן מיט גרויסע שוועריקייט, מען דארף אָפּשטיין טעג אין ריי אוןווארטן ביז וואנעט מען קען צוקומען צום פענסטערל און קויפן דעם באַן־בילעט. דערפון אליין איז געוואָרן אַ גאנצער מסחור און עס האָבן זיך געפונען אַ מין „בורזשע" „סטאָק עקטשיינדזש" וואו אַ נומער צו שטיין אין ריי און ווארטן אויף אַ בילעט אָדער „טיקעט" האָט אַ גרויסע ווירדע און מען צאָלט דערפאר טייערער ווי פאר גאָלד שערם

פון די בעסטע גאָלד־מיינס. דער פּרייז דערפאַר פאַלט און הויבט זיך יעדער צוואַנציק מינוט און די בראָקערס זיינען שטאַרק פאַרנומען און מאַכן דערפון גאַנץ גוטע געשעפטן.

מיט מזל און מיט גליק מיין באַקאַנטער האָט זוכה געווען פאַר אַ גאַנץ היפּשע מטבעה צו קריגן „אַ נומער" און אָפּשטייענדיק צוויי טעג אין ריי, איז אים געלונגען זיך צו באַזאָרגן אַן אָרט אויפן באַן פאַר זיין פאַמיליע אַהין און צוריק, נאָכדעם ווי ער איז איבערגעקומען די סדרה פון איינפּאַקן זיך, צוגרייטן און אָנגרייטן, אינסורן, פאַרזיכערן, באַזאָרגן אַלע קליינקייטן און איבערקומענדיק אַלע שוועריקייטן, האָט זיך מיין באַקאַנטער מיט זיין פאַמיליע אָפּגעפאָרן נאָך מוזענבערג.

דער באַן איז ווי געוויינטלעך געווען פול געפּאַקט, צום דיינינג סאַלאָן איז געווען שווער אַריינצוקומען, אין די קאָרידאָרן זיינען געשטאַנען מענטשן, קעפּ אויף קעפּ. זיין גליק איז נאָר געווען, דאָס ער האָט געהאַט אַ קליינעם קופּע פאַר זיין פאַמיליע. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן האָבן זיי זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אָט וועלן זיי אָנקומען אין מוזענבערג און וועלן זיך שוין אָפּרוען און פאַרגעסן די אַלע אומבאַקוועמ־לעכקייטן.

קיין זאַך דויערט ניט אייביק, אפילו אַ טריין, אַז מען האָט נאָר געדולד קומט אויך אָן וואו מען דאַרף, אַלזאָ איז מיין באַקאַנטער מיט זיין פאַמיליע אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָנגעקומען נאָך מיוזענבערג.

צוגייענדיק צום האָטעל, מוזענבערג ברוך השם, נויטיקט זיך ניט אין קיין „טעקסים" אַלע גייען, מען רופט דאָס בלשון „סגינהור" מען „שפּאַצירט", פון באַן סטאַנציע ביז יעדן האָטעל אָדער פּאַנסיאָן שפּאַצירט מען זיך צו ווי אין די גוטע אַלטע צייטן, ווייל די האָטעלס און די פּאַנסיאָנען מיטן ים און די באַן סטאַנציע זיינען נאָענט איינע לעבן די אַנדערע, איבערהויפּט גלויבט מען אין מיוזענבערג פון גיין. דאָרטן גייט אַוועק אַ העברעאישער לערער אין די אַרמיי, אַ שמש האַלט אין איין אַוועקגיין פון שול, קריגן זיי אויף אַ ווײַלע אַ גוטן חזן, געדויערט עס ניט לאַנג און ער „גייט" אַוועק, דער איינציקער וואָס גלייכט ניט צו גיין, איז דער „גבאי" פון שול, אַז מען קלייבט דאָרטן אויס אַ גבאי „גייט" ער ניט פון אָרט, און עס נעמט גוטע עטלעכע יאָר ביז מען ווערט פון אים פּטור.

זיך אומקערענדיק צו אונזער ענין, ווי מיין באקאנטער מיט זיין פאמיליע זיינען צוגעקומען צו זייער באשטימטן האָטעל, איז זיי גלייך אנטקעגן געקומען דער אייגענטימער, מיט אַ שמייכעלע אויף זיין פנים און געזאָגט „עס פארדריסט מיר זייער, אייערע צימערן זיינען נאָך ניט אָפּגעליידיקט", סטייטס האָט געגומען מיין באקאנטער פרעגן, איך האָב דאָך אייער טעלעגראמע אַז איר הייסט מיר קומען צו די באשטימטע צייט. פּערשטייט איר מיך, האָט געגומען דער האָטעל אייגענטימער זיך פאר־ענטפערן, עס זיינען דאָ קיין עין הרע אָנגעקומען זייער אַ סך געסט און יעדער דארף אַן אָרט, מיר זיינען דאָך אידן, ווי לאָזט מען אַ אידן אויפן גאַס? אלזאָ פרעגט מיין באקאנטער, איר זייט געוואָרן אַ כּלל פארזאָרגער? און ווילט אריינגעמען צו זיך אין האָטעל אלע געסט וועלכע קומען צופאָרן אין מיוזענבערג? איר קענט דאָך די וועלט ניט אריינכאפּן!

ניין, ענטפערט דער האָטעל אייגענטימער, איך וויל ניט די וועלט אריינכאפּן נאָר איך וויל אַז וואָס מערער מענטשן זאָלן קומען צו מיין האָטעל און זען וואָס פאר אַ טייערע האָטעל איך האָב.

אָבער, פרעגט ווייטער מיין באקאנטער, וואו קענט איר פאר אלעמען געפינען פּלאַץ? אַ איד גיט זיך אַן עצה, האָט דער האָטעל אייגענטימער געענטפערט, קומט אריין וועט איר זען אַז איר וועט אויפן גאַס ניט דארפן שלאָפן.

פאר אייער פרוי וועל איך ארײנשטעלן נאָך אַ בעט אין צימער וואו עס זיינען שוין דאָ פינף פרויען געסט. פאר אייך האָב איך אַ באקוועמען געלעגער אין באדע־צימער, פאר אייער זון וועל איך געפינען אַן אָרט אין גאראזש, דאָרטן שלאָפן נייען אינגלעך געסט וועט ער זיין אַ צענטער, וועט דאָך זיין אַ מנין. און פאר אייער מיידל, האָב איך אַ פּלאַץ וועלכע וועט פּאסן פאר אַ פּרינצעסן. זי וועט קענען שלאָפן אויפן באלקאן מיט דריי אנדערע מיידלעך. די לופט איז פריש, אַ מחיה מוזענבערג ים לופט. די באלקאנע איז הויך, גוט פארשטעלט מיט אַ ברעזענטענעם פאָרהאנג. די זאכן אייערע, וועל איך אָפּשליסן אין פינסטערן קעמערל הינטער די טרעפּ, זעט איר, האָט דער האָטעל אייגענטימער געענדיקט, אַז צווישן אידן ווערט מען ניט פארפאלן. דער עיקר צוליב וואָס מענטשן קומען אהער איז ניט צוליב שטיין אין אַ האָטעל נאָר צו אטעמען ים לופט און באָדן זיך אין ים, און דאָס וועט איר האָבן אין אַ פולן מאָס, איר וועט זיך מעגן באדן עטלעכע מאָל אַ טאָג און אויב איר ווילט מחדש זיין די לבנה אין ים

מעגט איר דאָס אויך טאָן, איך וועל פון אייך דערפאר קיין עקסטרא ניט נעמען.

מיין באקאנטער איז געוואָרן אלערליי קאָלירן, נאָר זיינדיק א סוחר און זעענדיק אז ער איז אריינגעפאלן האָט ער באשלאָסן מסכים צו זיין מיט זיין פלאן, וואו ער זאָל גיין זוכן אן אנדער האָטעל? מסתמא איז אנדערשוואו ניט בעסער און אפשר אויך ערגער, אלזא דארף מען זיין צופרידן און מקבל באהבה זיין, א איד איז דאָך אין גלות. די פרוי און די קינדער האָבן אפילו שטארק פראטעסטירט און געזאָגט אז עס איז „נאָט פעיר", דער בעל הבית פון האָטעל האָט מיט זיי איינגעשטימט אז עס איז „נאָט פעיר" ניט ריכטיק, אָבער וואָס קען מען מאכן, ער מוז דאָך אלעמען צופרידן שטעלן און איבערהויפט ער האָט א נייען האָטעל וועלכער מוז ווערן בארימט, קען ער קיינעם ניט אנטזאגן ווער עס בעט באשטעלן א פלאץ נעמט ער אים אָן בכבוד גדול און אויב עס איז פאָרט קיין פלאץ ניטאָ, וועט דער גאסט אים אויך ניט בלייבן קיין דם שונא אז ער זאָל דארפן א ביסל אָפּקומען, אייביק איז דאָך דאָס ניט, דער גאסט איז דאָך געקומען בלויז אויף געציילטע טעג אָדער וואָכן, קען מען דען אויף דער וועלט און איבערהויפט אין מלחמה צייט האָבן אלעס ווי מען וויל? געוויס ניט! אונזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך אויב זיי וואָלטן איצט נאָר געקענט קוקן אויף מיין האָטעל אין מוזענבערג, נעווער מאינד שטיין אין אים.

מיין באקאנטער האָט איינגעזען אז דער בעל הבית איז דאָך גערעכט, אין אייראָפּע איז די לאגע פאָרט ערגער און האָט גענומען איבעררײדן מיט זיין פרוי און קינדער אז זיי זאָלן מער וועגן דעם ניט מאכן קיין איבעררייד.

אז עס איז געקומען מיטאָק שטונדע האָט מיין באקאנטער געבעטן דעם בעל הבית אז ער וואָלט וועלן אמווייניקסטענס האָבן א טיש פאר זיך. דער אינהאבער זייענדיק א גוטער מענטש וועלכער קען קיינעם ניט אנטזאגן האָט אים צוגעזאָגט אז יר וואָלט אים געבן דעם סאמע מזרח פון עס-זאָל, דייגינג רום, נאָר אזוי ווי ער האָט נאָר פלאץ פאר 88 פערזאָנען און אין האָטעל האָט ער אָנגענומען 352 פונקט פיר מאָל אזוי פיל, האָט ער איינגעשטעלט אז מען זאָל עסן לויט דעם פאָלגענדן אָרדענונג, צווערשט גייען די יונגע, די קינדער, ווײלע זייער עסן געדויערט ניט, זיי היילען צו גיין שפילן זיך אָדער שטיפען א ביסל ביים ים, דערנאָך גייען די דאמען,

ווילע „לײדיס פירסט". עס איז דאָך אַ כשרער האָטעל פּאַסט דאָך אויך ניט אַז מענער מיט פרויען זאָלן עסן צוזאַמען, וואָס איז דאָ אַ רעפּארעם טעמפּעל, דאָרטן קענען זיי זיצן צוזאַמען. אַז די דאַמען האָבן געענדיקט ווערט געלייגט די טישן פאַר די עלטערע געסט, מען קען דאָך ניט לאָזן איבערהלשן די האַריץ פון אַן עלטערן מענטשן און דערנאָך צולעצט גייען די איבעריקע געסט. מיין באַקאַנטער האָט ניט ווילנדיק, אויך דאָס געמוזט איינשטימען, ווײלע ער האָט געזען אַז דער בעל הבית איז אַ מענטש מיט יושר, מיט אויסרעכענונג. ווי דען קען מען איינשטעלן? זייט איר אַ חכם און לאָזט די יונגוואַרג עסן שפּעט, אָדער גיט די מענער עסן איידער איר פּאַרטיקט זיך אָפּ מיט די לײדיס, וועט איר זען וואָס פאַר אַ פּסק איר וועט כאַפּן. אַז מיין באַקאַנטער האָט שוין ענדלעך זיך דערוואַרט זיין ריי צו גיין צום טיש, פרעגט ער דעם סערווירער, דעם „ווייטער" וואָס האָט פּאַסירט מיט די פּוטער, פאַרוואָס איז ניטאָ אויפן טיש קיין פּוטער איז גלייך צוגעלאָפן דער בעל הבית און האָט געזאָגט, „גאָט איז מיט אייך ביי מיר איז דאָך שטריינג כשר ווי וועל איך ערלויבן ארויפשטעלן פּוטער אויפן טיש, טאָמער חלילה עסט ווער מיט פליייש", איך זע דאָך קיין פליייש האָט איר דאָך אויך ניט היינט! דען איז דאָך אָבער דאָ פליישיקע כלים אויפן טיש און מען קען דאָך שמירן די פּוטער מיט אַ פליישיקן מעסער.

נערעכט טראַכט זיך מיין באַקאַנטער, אָבער זאָגט מיר בעל הבית לעבן קיין פּוטער, ניט, פליייש איז ניט בנמצא, עס איז מלחמה, די פאַרמערס ווילן מערער געלט פאַר זייערע בהמות און דער מיניסטער פון אַגריקולטור מיט זיינע קאָנטראָלירס דאַרפן דאָך זיין מיט וואָס פאַרנומען אָבער פאַרוואָס האָט איר ניט קיין „דזשעלי" דאָס איז דאָך אַ פאַרעווע שפּייז, אַ לייכטע אכילה, געשמאַק און נאַרהאַפטיק און פאַרלויפּיק איז אין דעם קיין דוחק ניטאָ. איר האָט דאָך געהערט פריער ענטפערט דער בעל הבית, ביי מיר איז אַ שטריינג כשר האָטעל, הגם איך אליין קען ניט לערנען, אָבער איך האָב געהערט פון אידן וועלכע קענען לערנען, אַז מען זאָגט דאָס עס איז פאַראַנען אַ דעה ביי אַנדערע פרומע, אַז מען טאָר קיין „דזשעלי" ניט עסן.

פיש איז דאָך יאָ דאָ, אין ים, באַמערקט מיין באַקאַנטער, און אויל קריגט מען דאָך אויך, צו פאַרוואָס גיט איר אַלץ געבאַקטע אָדער געקאָכטע פיש און ניט קיין געפּרעגלטע?

אויל דאַרף אויך זיין כשר, האָט געענטפערט דער בעל הבית, און מיין גראסער האָט מיר ניט געשיקט קיינע אויל מיטן צעטעלע „כשר לפסח" קען איך דערפאַר ניט ערלויבן צו פּרעגלען פיש מיט אויל וועלכע האָבן ניט קיין הכשר פון בית דין.

זעט מיין באַקאַנטער אַז ער וועט מיטן בעל הבית קיין זאַך ניט געווינען, יענער האָט גלייך אַ תירוץ צו זיין פראַגע און דאַרף עס אין קעשענע ניט זוכן. האָט ער גענומען זיך באַקענען מיט זיינע מיט־עסערס, וועלכע זיינען געווען ביי זיין טישעל.

אנטקעגן אים איז געזעסן אַ פאַרשוין מיט אַ אָפענע העמד און קורצע הויזן און אַ טענים רעקעט אָנגעשפּאַרט צווישן די פיס, ווײַלע שטעלט ער זיך פאָר, איך אַליין היים מיסטער קענמיך, האָב אַ „קאַפּעריטע" אין ספּרינגס, האָב קיין מאָל ניט קיין צייט צו שפּילן טענים, האָב איך מיט־גענומען מיין טענים רעקעט און געדיינקט אפשר דאָ אין מוזענבערג וועל איך קענען מיט וועמען האָבן אַ פאָר גיימס. דערביי לעבן טענים שפּילער איז געזעסן אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן איינגעוויקעלט אין אַ שלאָף ראָק מיט אַ פּאַטשיילע ארום האלז, ער הייסט מיסטער פורקאַן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ער קומט ערגעץ פון דער קארו וואו ער האָט אַ שאָפּקע פאר קאַפּערס, דאָרטן זאָגט ער ציט די זון ארויס די מאַרך פון די ביינער, ווילט זיך קומען אין מוזענבערג אָפּכאַפּן עטוואָס דעם אָטעם, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ שווים־קאָסטיום און אויבן דעם שלאָף ראָק און געוואָלט גיין צום ים, דערווײַלע האָט זיין ווייב שפּרינצע געזאָגט אַז ער קען זיך פאַרקילן, זאָל ער מיטנעמען די פּאַטשיילע ארום האלז, איר באָבע פלעגט זאָגן אַז אַ פּאַטשיילע ארום האלז איז אַ סגולה פאר א פאַרקילונג אפילו איר פעטער ברוך דער בעל תפילה פלעגט אַ גאַנץ זומער ארומגיין מיט אַ פּאַטשיילע ארום האלדז כדי צו פאַרהיטן זיין האלז, זיין „כלי" נאָר אזוי ווי ער האָט געהאַט פחד טאָמער וועט ער פאַרזאַמען זיין „ריי" אין דייניגנ רום איז ער דערפאַר אריין כאַפּן „אַ פאָר ביסן" און גיין זיך באָדן.

דער דריטער איז געווען מיסטער יאַט, אַ בלעכער, אַ גרויסער הארע־פּאַשניק, ער גלייכט ניט קיין שניפּס מיט אַ קראַגן, זאָגט ער, און דאָ וויל ער אויך ניט טראָגן, זיינע קונדן וועלן אים דערפאַר קיין זאַך ניט טאָן, ער דאַרף פאַר זיי קיין דרך ארץ ניט האָבן, זיי האָבן פאַר אים אויך ניט קיין איינזעהעניש, ווען זיי קענען אים עטוואָס אָפּדינגען, רייסן זיי פון אים אַ פּאַס, דערפאַר האַלט ער פאַר זיין פּרינציפּ אַז אויב ער קומט אין

אַ האָטעל זאָל ער אַלעמען אויף צו להכעיס ניט טראָגן קיין קראַגן אָדער שניפּס, און גראָדע אַנטאָן דעם פּאַרפּעכטן דזשעקעט, וועמען עס געפעלט ניט זאָל זיך פאַרקוקן אויף עטוואָס אַנדערש.

דער פּירטער איז געווען גראָדע ריין געקליידעט, עפעס אַ קאָלעקטאָר פון אַ מעבל געשעפט, הייסן הייסט ער, זאָגט ער מיסטער בים־באַם, נאָר אַלע רופן אים דזשעק, זיין בעל הבית, זיין ווייב און אויך אַלע זיינע באַקאַנטע, ער איז אַ פריילעכער נפש און האָט פון אַלץ הנאה, אפילו אַז קיין זאַלץ איז ניטאָ אויפן טישעל און דאַרף רופן און וואַרטן ביז דער וויטער זאָל ברענגען, איז ער צופרידן. עס איז אַלץ בעסער, זאָגט ער, ווי אין די הייזער וואו איך גיי אַרום קאָלעקטן, דאָ זיץ איך צווישן מענטשן נאָש בראָט, אָבער וועמען טרעף איך דאָרטן, בורעס, גראָבע יונגען, שכורים, פּיאַניצעס, און סתם אַזוי גאָרניסטן. דער האָטעל איז גרויסאַרטיק, מען קען לעבן און לאַכן ווענט די שוויגער, זי פאַרביטערט אים דעם לעבן. ער וואָלט אויך געוואָלט זיך אַנטאָן אַן אָפענע העמד מיט קורצע תחתונים און אַרומגיין דרייענדיק מיט אַ שטעקעלע, נאָר די שוויגער זאָגט, „עס פּאַסט ניט, מיר שטייען דאָך אין דעם שענסטן האָטעל פון מוזענבערג, אויב דו וועסט זיך אַנטאָן אַזוי ווי די „יאָקס" וועלן אַלע וויסן אַז דו בינסט אַ קאָלעקטאָר, אַזוי קען מען מיינען אַז דו זעסט אויס ווי אַ רעוורענד, אַ משולח, אַ העברעאישער לערער, אָדער אַן אַנדער אינטעליגענט. איר פאַרשטייט מיין שוויגער גלייבט אינטעליגענטן, אַז זי וואָלט געהאַט אַ דעה וואָלט זי אַלע אירע טעכטער געלאָזט פאַרהייראַטן צו אינטעליגענטן אַזוי זאָגט זי, מיין שוויגער לעכצעט פאַר אַ ביסעלע כבוד און איר שטייט ניט אַן מיין פּראָפּעסיע".

דער טומעל ביי די טישן, דער געדיכטער רויך, דער קלאַפּן מיט די טעלער גאָפּל מעסער, דער פּרובירן זיך איינער דעם אַנדערן איבערצו־שרייען האָט געצווונגען מיין באַקאַנטן גיך אָפּצועסן און וואָס פריער זיך אַרויסכאַפּן אויף דרויסן און אָטעמען פרייער.

ער האָט שוין געציילט די מינוטן אַז זאָל קומען דער צענטער און ער זאָל זיך אַרויסראַטעווען.

ווייזט אויס אַז דער בעל הבית פון האָטעל האָט אַלעס פאַרויסגעזען, און ווען עס איז געקומען דער זיבעטער אין מאָנאַט גייט ער צו צו מיין באַקאַנטן און זאָגט אים „איר ווייסט אַז היינט דאַרפט איר נעמען אייער'ע

זאכן און פארלאָזן מיין האָטעל". פארוואָס, פרעגט מיין באקאנטער מיט ערשטוינונג, עס איז דאָך היינט דער זיבעטער און איך האָב באצאָלט פארויס ביז דעם צענטן!

געווים האָט איר באצאָלט, האָט געענטפערט דער בעל הבית פון האָטעל, איך בעט אייך דאָך ניט קיין געלט, נאָר אזוי ווי ביי מיר איז א כשר האָטעל פירט זיך ביי מיר אויפן אידישן שטייגער, א מאָנאט איז ביי מיר א חודש און א חודש האָט 4 וואָכן, איר זייט אָנגעקומען אהער מיטוואָך מיט פיר וואָכן צוריק, היינט איז מיטוואָך איז פיר וואָכן, מיר ארט ניט וואָס דער גויעשער לוח זאָגט, פון מיינטוועגן האָט היינט געקענט זיין דער 12־טער, עס איז אָבער פיר וואָכן און איך האָב שוין אייער פלאַץ פארדונגען צו אנדערע וועלכע ווארטן איר זאָלט אָפּפּאָרן.

מיין באקאנטער האָט פארשטאנען אַז א כשרער האָטעל דארף גיין נאָך דעם אידישן לוח און האָט זיך דעם זעלבן טאָג ארויסגעפּעקעלט פון מוזענבערגער גן עדן.

פארשטייט איר, האָט ער געענדיקט, איך האָב שוין פארזוכט „גלוה מוזענבערג" לויט אלע דינים וואָס א איד וועלכער היט אָפּ כשר דארף דורכמאכן.

פירטער קאפיטעל.

אַ קאַמיטע מעמבער

די אלע וועלכע קומען אין בארירונג מיט יחיאל קנאקער וועלן זאָגן אז ער איז אַ שיינער יונגערמאן, קען אַ ביסל די שווארצע פינטעלעך, לייענט מפטיר מיט אַ הויכע קלינגענדיקע שטימע און ניט נאָר זיין שווער און שווינגער מיט זיין ווייב נאָר ער אליין האָט אויך דערפון גרויס הנאה.

אבער צו אלע זיינע מעלות האָט ער דעם חסרון אַז ער וויל אומעטום זיין דער „ערשטער".

וואו נאָר עס געפינט זיך אַ סאָסייטי וועלכע דארף האָבן אַ קאָמיטע, קענט איר זיין זיכער אַז יחיאל קנאקער וועט זיין איינער פון די קאנדידאטן, און אַז יחיאל קנאקער וויל ארייינגיין אין אַ קאָמיטע וועט שוין דער רב"שע זען אַז ער זאָל אריינקומען.

ערשטנס האָט ער אַ צינגעלע אַ געשליפענעם, אַ גיטאַגטן, ער דארף אין קעשענע ניט גיין זוכן קיין ווערטער, צווייטנס ווייס ער און קען אלעמען מיט זייער יחוס ביז די עלטער־באָבן און קיינער וויל ניט אריינפאלן אין זיין מויל.

עס ווערט אָפט דערציילט אַז ווען יחיאל קנאקער עפענט זיין כשרע מויל אויף אַ זיצונג פון אַ קאָמיטע דארף דער פּאָרזיצענדער שווער האָרעווען מיט זיין האַמער ביז ער פּויעלט ביי אים אַז ער זאָל זיך במחילת כבודו אוויקזעצן און אָפּרוען זיין ווערטער מאַשין, און אויף עטלעכע מינוט אויפהערן צו מאָלן און האקן ווערטער.

אָבער יחיאל קנאקער איז ניט קיין נאַר, אויב ער דארף זיך יאָ אָפּרוען, דאן פארלאנגט ער אַז יעדער פארשלאג וואָס איינער ברייננגט אריין זאָל ווערן איינגעשריבן אין פּראָטאָקאָל פון זיצונג אַז ער, יחיאל קנאקער, איז געווען דער „צווייטער" (סעקונדער) וועלכער אונטערשטיצט דעם פארשלאג.

מאנכעס מאָל קומט אויס אַז יעדער פארשלאג איז אַ היפוך פון צווייטן, אָבער דאָס שטערט ניט יחיאל קנאקער פון צו זיין דער „צווייטער"

צום פארשלאג ווי באלד נאָר עס וועט זיין פארשריבן אין פראטאקאל זיין נאָמען.

מאכט זיך א געשיכטע אז די חברה תהילים האָט אין שול וואו יחיאל קנאקער איז געווען א מעמבער פון קאָמיטע, ארויסגעשטעלט א טאָוועל מיט די נעמען פון די נפטרים וועלכע די חברה תהילים דארף מאכן הזכרות צו זייער יאָרצייט, לויט די כללים פון זייערע תקנות. יחיאל קנאקער גייט צו און גיט א קוק אויפן טאָוועל און געפינט ניט זיין נאָמען. ווערט ער גלייך אין כעס און שרייט זיך פונאנדער אויפן גבאי פון חברה תהילים. געהערט אזא חוצפה, איך צאָל שוין עטלעכע יאָר מיטגלידער אָפּצאָלונג אויף חברה תהילים, איך האָב וויפיל מאָל מ־דר געווען אויפן בימה ווען איך האָב געהאט מפטיר, און צום סוף אז מען שטעלט ארויס א טאָוועל מיט נעמען, איז מיין נאָמען ניטאָ.

דער גבאי האָט געטאָן א שמייכל און זיך אָפּגערוקט כדי ניט ארויס־צופּלאצן מיט א געלעכטער.

פינפטער קאפיטעל.

דער גבאי היט שטרענג די תקנות פון שול

בעראלע נודניק איז דאָ יעצט א גרויסע פערזענליכקייט, ער הייסט יעצט מיסטער דזעק קינדון, אַ בעל הבית פון זייער א גרויסע שיינע הויז, רייך מעבעלירט, אַ שותף אין די גרויסע פירמע „האפ־לאפ עט קאָמפּאניע" וועלכע פארנעמען זיך מיט פארקויפן קליינע לײדיקע פלעצער צום בויען, און איבערהויפּט איז ער אַ קאָכלעפעל אין קהלשע ענינים פון די היזיקע קהילה פון פארפעלטאן. אין דער היים, דאָס הייסט אין זיין שטעטעלע ערגעץ וואו אין ליטע, איז ער געוועזן אַן אָרימער בעל מלאכה, אַ קירזנער, אַ היטל־מאכער, ער פלעגט מאכן פארטיקע היטלען פאר די פויערים וועלכע פלעגן זיך צוזאמענקומען אויף די מערק אין זיין שטעדטעל און אין די נאָנטע שטעטלעך ארום.

דאָרטן האָט ער פארמאָגט אַ טישל מיט עטליכע קאסטענס וואו ער פלעגט שרייען הויך אויפן קול, אז דער גאנצער מארק זאָל הערן „קויפט די גוטע אמתע היטלען, געמאכט פון די ריכטיקע ענגלישע סחורה". דאָס איז געוועזן זיין ערשטע באקאנטשאפט מיט ענגלאנד. דאריבער איז פאר־שטענדליך וואָס ער איז אַזאַ גרויסער מבין, א עקספּערט אויף די ענגלישע שפּראך. דאָס אויב ער הערט ווען ווען ריידענדיק אַ וואָרט ענגליש פון זיינע באקאנטע, גרינע לאכט ער זיך פונאנדער, „גרינע יאלדעס קענען נעבעך ניט צוקייען דעם ענגלענדער". הגם ער אליין איז נאָך היינט ווי מען זאָגט „המכה בעברתו" ניט נאָר געשלאָגן אויף זיין עברי, נאָר איז אַ קאַליקע אין ענגליש אָדער בוריש, אָבער זיין ניט קענען שטערט אים ניט פון קריטיקירן יענעם. איר ווייסט דאָך דעם כּלל אַז ביי אונז אידן איז די מאָדע, וואָס גרעסער דער עם־הארץ אַלץ מערער נעמט ער זיך צו קריטיק.

אמת, די היטלען זיינע האָט ער געמאכט פון שטיקלעך מאַטעריאַל וועלכע לאָדז פלעגט פאַרפלייצן ליטע און קיין ענגלישע סחורה האָט ער זייענדיק אין ליטע קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען, אָבער וואָס טוט ניט אַ איד צוליב פרנסה?

אַ קבצן איז ער דאָך געווען מיט זיבן פאַלים ניט קוקענדיק וואָס ער האָט שווער געאַרבייט לאַנגע שעהן האָט דאָך די קאָנקורענץ געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט קוים פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע.

אין יענע צייטן אַז איינער וואָלט אים געקומען זאָגן אַז ער בעראַלע נודניק וועט איין טאָג זיין אַ גבאי אין אַ רייכע שול וואָלט ער זיך ווי זיין שטייגער איז געווען אַ קראַץ געגעבן אין קאָפּ און געזאָגט „גייט שוין גייט, איר האָט שוין ניט פון וועמין אָפּצולאַכן". ווײַלע פילע פון זיין שטעטעלע האָבן געהאַט הנאה אָפּט זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אים.

חיים גרינבלאַט דעם גבירס איידעם, אַז ער איז געווען אַ ביסל פריילעך פלעגט אָפּשטעלן בעראַלע נודניק און אים כלומרשט פרעגן ר' בעריל איר גלויבט דאָך אַז משיח דאַרף אַלע טאָג קומען וועט דאָך זיין תחית המתים, וויפל דיינקט איר מאַטעריאַל וועט עוג מלך הבשן דאַרפן האָבן אויף אַ היטל?

בעראַלע נודניק פלעגט זיך פאַרטראַכטן, קנייצן דעם שטערן און קלערן, ניט באַמערקנדיק אַז דעם גבירס איידעם איז שוין געלאָפן אַלעמען דערציילן פון זיין גרויסע חכמה וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. אַז דער קלערן האָט ניט געהאָלפן האָט זיך בעראַלע אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ זאָג געטאָן „אַזאַ איינפאַל מען דאַרף טאַקע זען פרעגן ר' זרח'קע חקרן ער זאָל דאָס מיר אויסאַרבייטן גענוי וויפיל אַרשין מאַטעריאַל איך וועל דאַרפן פאַרניצן".

הענדום פענדום, איז בעראַלע נודניק געלאָפן צו ר' זרח'קע חקרן, אונטערוועגנס זעענדיק ווי בעראַלע לויפט האָבן אים עטליכע ליידיק גייער אָפּגעשטעלט און געפרעגט, „מה רעש"? וואָס איז אַזוי די מהומה, הערענדיג דעם ענין האָט יעדערער געשמייכעלט אונטערן וואָנצע און געלאָפן דערציילן דעם אנעקדאָט צו אַנדערע. דערווײַלע איז געוואָרן פריילעך אין שטעטל און מען האָט געהאַט צו ריידן און לאַכן ביז די שטעטל האָט געפונען עפּעס אַנדערש מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן.

אָבער ווי זאָגט די באָבע „אז ג״ וויל שיסט א בעזעם אויך״ האָט זיך מיט א מאָל איינגעפונען א רייכער פעטער אין אפריקע וועלכער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פּלימעניק בעראַלע און האָט אים מיט זיין פרוי און דריי קינדער אָפּגענומען אין דרום אפריקע.

דאָ האָט דעם פעטער ניט געפּאסט אז בעראַלע זאָל זיך פארנעמען מיט זיין מלאכה, ווײַלע גראדע פון די שטעטל זיינען ניט געווען אין פאר־פעלטאן אויסער דעם פעטער, וועלכער האָט זיך געהאלטן אין בארימען אז ער קומט ארוים פון הויכע יחוס, ער פלעגט זאָגן אז נאָר רבנים, שוחטים און מלמדים זיינען זיינע נאָנטסטע קרובים. האָט דער פעטער גענומען זיך צו בעראַלען אים אויסגרינען אָדער אויפן פעטערם שפּראך, אויסמענטשלען. בעראַלע איז געווען א גוטער תלמיד און אז עס איז אוועק עטליכע יאָר האָט מען אים שוין ניט געקענט דערקענען, דער מזל האָט אים צוגעשמייכלט, געשעפט האָט זיך איינגעגעבן און בעראַלע נודניק איז געוואָרן א גאנצער אפריקאנער, דעם באָרד און וואנצעס אָפּגעראַזירט, דער שניידער האָט ארויסגעוויזן זיין גאנצע קונסט פון באשטעטיקן דעם שפּריכווערטעל אז קליידער מאכן לייט און מיט א מאָל איז אונז פארפאלן געוואָרן בעראַלע נודניק און אויף זיין פּלאַץ האָט זיך באוויזן מיסטער דזעק קינדון.

ווען מין לעזט דעם וואָרט קינדון צוריק מאכט עס נודניק. די עצה האָט ער געקראָגן פון ר׳ זרח׳קע חקרן.

ווי דער שטייגער איז ביי אונז אידן אז ג׳ העלפט, אז עס באמבעלט א פּאָר פונט אין קעשענע און פרנסה איז דאָ מיטן פולן האנט הויבט מען אָן צו לעכצען נאָך א ביסעלע כּבוד. מען הויבט אָן צו ווערן א נדבן, מען פּרובירט זיך ארויסכאפּן מיט זיין דער ערשטער אויפן ליסט. די ווייב גיט אָפּט א פּארטי וואו מען שפּילט לשם שמים דאָס הייסט די ריינע הכנסה גייט אויף צדקה הצטרכות, אלזא עפענט מען א שפּעלטאלע אין די אידישע עפענטליכקייט.

ווער רעדט אז דער שמש, חזן און רב קריגן ארייגעשיקט ערב יום טוב די שיינע מטבעה, דאן ווערט מען געלויבט און ערהויבן לעילה ולעילה, אז מען נעמט שוין ריידן, עס וואָלט זיין א גלייכע זאך גאָר יענעם בעל צדקה צו מאכן פאר א גבאי אין שול.

און אויף דעם אויסגעטראכטענעם וועג האָט מיסטער דזעק קינדון זיך שפּאַצירט ביז זיין ענדציל, ער איז געוואָרן אַ גבאי אין איינע פון די גרעסטע שולן פון פּאַרפּעלטאָן.

דער שוואַרצער פראַק מיט דעם גלאַנציגן זיידענעם צילענדערהוט האָט צוגעגעבן מיסטער דזעק קינדון אַ באַזונדערן חן. ער האָט דערפילט אַז ער איז דער אויסדערוויילטער פון זיין קהילה און דאָס האָט אים איינגעפלאַנצט מערער מוט און ווי געוויינטלעך אַ סך העזה.

ער האָט געזען אַז דער שמש זאָל אַלע ווײַלע בשעת דאַוונען צוגיין מיט רעספּעקט נעמען זיינע באַפעלן, יעדער פון שול, איבערהויפּט די אָנגע־שטעלטע, דער רב, דער חזן, דער שמש און דער סעקרעטאַר האָבן דערפילט אַז עס לוינט זיך ניט איינצורייסן מיט דעם גבאי, מיסטער דזעק קינדון.

בייזע צינגער האָבן אפילו זיך דערציילט אַז דער גבאי איז אין זיין געשעפטליכע באַציאונגען ניט אַזאַ צדיק. מען זאָגט אַז איידער ער איז געוואָרן אַ שותף אין די פירמע „חאַפּ לאַפּ און קאָמפּאַניע" פלעגט ער אונטערקויפן בלאַטע סחורה אפילו יעצט איז אויב איינער פון זיינע קונדן ערפילט ניט אויס אַ פּונקט אין זיין קאָנטראַקט נעמט די פירמע אַוועק זיין פּלאַץ ניט קוקענדיק וואָס יענער האָט שוין פאַר זיין פּלאַץ כמעט אין גאַנצן באַצאָלט.

אַנדערע ווידער האָבן זאָגאַר געגאַנגען ווייטער און דערציילט אַז מיסטער דזעק קינדון איז אַ גאַנצער „דאָן דזואַן", אַ פרויען יעגער, פון אַלע מסכתות איז ער אבקי און סדר נשים, אָבער צו וואָס זיך צוהערן וואָס מען רעדט. דערווײַלע, ווייסן די מיטגלידער פון שול אַז מיסטער דזעק קינדון היט אָפּ שטריינג אַלע כללים פון זייערע תקנות און לאָזט חלילה ניט ברעכן קיין איין רול.

ער איז אַ גרויסער מבין אויף חזנות און ווייס ווען דער חזן דאַרף אַוועקגעבן זיין סחורה און ווען ער דאַרף שטעלן גרויסע טריט. ער ווייס אויך אַז דער רב דאַרף געדיינקען אַז ער איז בלויז אַן אָנגעשטעלטער פון די בעלי בתים פון שול און מוז פאָלגן אַלע זייערע באַגערן און קאַפּריזן.

דעם גאַנצן אויטאָריטעט זיינעם פון אַ פּרעזידענט אין שול האָט ער אַרויסגעוויזן ווען מען פלעגט אים בעטן ערלויבעניש צום דאַוונען פאַרן עמיד. דאָ האָט דער גבאי באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוואוגן

און פארטראכט זיך א פאר מינוט, און דען מיט א שמייכעל א זאג געטאן „וועל, איר מעגט יעצט גיין דאווענען", און געזאגט האט ער מיט אזא טאן און מינע, פונקט ווי ער וואלט דא וועמען גליקלעך געמאכט.

מאכט זיך גראדע אז איינמאל איז געקומען צו פארן אן אורח און האבענדיק יארצייט איז דער אורח צוגעגאנגען צום עמיד און זיך געשטעלט דאווענען ניט פרעגענדיק וועמען עס איז ערלויבעניש.

דער שמש, דער חזן, דער סעקרעטאר, זיינן געווארן ווי פארשטיינערט, סטייטש, היתכן ? קען עס אזא זאך ווירקלעך פאסירן.

אבער דער אורח א שיינער הויכער איד מיט א געדיכטן גראען בארד גייט זיך אן, ער זאגט זיך געלאסן ווי ניט אים מיינט מען דאס „מזמור שיר חנוכת הבית לדוד" און גיי טו אים וואס. צו „המאיר לארץ" איז אריין דער גבאי בכבודו ובעצמו, ווי ער איז צוגעגאנגען צו זיין פלאץ אזוי איז גלייך אן אטעם צומעלאפן דער שמש און האט אים מיט א טרויעריקן איכה נגון, אפגעגעבן דעם רעפארט וואס דער אורח האט דא אפגעטאן „הייסט אים פארלאזן דעם עמוד" האט דער גבאי גלייך געפסקנט, אהנע שהיות אז מיסטער דזעק קינדון הייסט, וויים דער שמש אז מען מוז פאלגן, איז ער צוגעגאנגען צום אורח, א צי געטאן פאר זיין טלית און געזאגט „דער גבאי הייסט איר זאלט אוועקגיין פון עמוד" אום, אום אחר התפילה נאכן דאווענען ענטפערט דער אורח אבער דער שמש פילענדיק אז מיסטער דזעק קינדון פאר גראע אויגן קוקן אויף אים מיט איינגעהאלטענע רציחה האט צוגענומען דעם סדור פון עמוד און האט אים גאנץ פיין אנגענומען פארן האנט און אפגעפירט פון עמוד און זיך אליין געשטעלט דאווענען פון דעם ארט וואס דער אורח האט אויפגעהערט.

נאכן דאווענען איז זיך דער אורח צוגעגאנגען צום גבאי פרעגן פארוואס ער איז אזוי באליידיקט געווארן פאר א צבור אידן. „עס איז אייער אייגענער שולד, האט דער גבאי געענטפערט, ביי אונז האט מען רעגולייששענס, די כללים פון שול, אויב איר האט יארצייט און ווילט דאווענען דארפט איר קומען מיר בעטן ערלויבעניש" אבער ניט גיין אליין צום עמוד, וואס איז, די שול איז הפקר. ג' צו דאנקען איך בין דער גבאי און גיב אכטונג אז אלעס זאל זיין אין ארדענונג.

הייסט עס, פרעגט ווייטער דער אורח, אז אלץ וואס שטייט אין אייערע תקנות פון אייער שול קאנסטיטושאן היט איר אפ פינקטלעך ?

געווים? ענטפערט מיסטער דזעק קינדון מיט שטאָלץ און ווירדע. אויב אזוי, זעצט פאר דער אורח, האָט איר געדארפט איינשרייבן אין אייער קאָנטיטושאַן די צוויי וויכטיקע תקנות וועלכע משה רבינו האָט געמאכט, וואָס איז דאָס? פרעגט מיסטער דזעק קינדון. „לא תגנוב ולא תנאוף" האָט דער אורח געענטפערט און זיך אוועקגעגאנגען.

זעקסטער קאפיטעל.

טייערע הענט

פינע שרייער האט א וואונדערבארן טאלאנט. א האלז וואס קיין זינגען הגם קיין גרויס חשק צו חזנות האט ער ניט, ער וויל בעסער זיין א געשעפטס־מאן אדער א הויז אייגענטימער, אבער זיין קול נגינה שטעלט צופרידן אלע זיינע קריטיקער.

אוי זיין שטימע, זאגט יעקב דער שוסטער, וועלכער הייסט היינט מיסטער דזאן סניצמאן, ווען איך וואלט געהאט זיין „כלי" וואלט איך געוויס געפארן אין איטאליע באווייזן די לאקשען־פרעסער אז מיר אידן קענען בעסער ווי זייער קארוזא.

חיים בלאזער דער קצב, וועלכער הייסט איצט היימאן בעלזאק האט צוגעגעבן אז פינע שרייער'ס שטימע איז גאר אן אויסנאם, ווען איך האב אזא שטימע וואלטן אלע מיינע קונדן געקענט דערהערן אז איך האב קיין פלייש, קיין לעבער, קיינע הינער צו פארקויפן און וואלט איינגעשפארט מיט יעדערן צו טענהענען אויפן טעלעפאן, איך וואלט א געשריי געטאן, איך האב ניט און לאזט מיר צורוה אז דער מיניסטער אליין וואלט זיך דערשראקן און געזען וואס מען קען טאן, צו באזארגן דעם עולם מיט בשר.

איצע דער גבור, וועלכיר איז יעצט א שיינער בעל הבית און הייסט איזידאר שפיץ האט מסכים געווען אז פינע שרייער איז א גוטער חזן און איז ווערט אז מען זאל אים געבן א קאנטראקט אויף פינף יאר. און גערעדט און געטאן. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו ר' זרח האפער דער קאכעלעפעל פון שול און געזאגט, איר זאלט זאגן אייער קאמיטע אין מיין נאמען אז פינע שרייער מוז ווערן אונזער חזן פון „אנשי בית חיים" און אויב ניט וועט זיך קערן וועלטן.

ר' זרח האפער איז ניט קיין נאר און האט גוט פארשטאנען דעם וואונק און האט זיך גענומען געשמאק צו דער ארבעט.

אויפֿן קאָמיטעט־מיטינג האָט ער גלייך גענומען דעם „וואָרט" און האָט אין איין אָטעם, בנשימה אחת געפֿאָדערט אַז מען זאָל באַשטעטיקן פֿינע שרייער פֿאַר דעם חזן פֿון שול.

איך דאַרף ווייסן אַז ר׳ זרח האָפּער נעמט דרשנען רעדט ער מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. די מויל האַלט ער אָפֿן און האַקט ווערטער ווי פֿלעקער, די אויגן בשעת מעשה פֿאַרגלאָצט, מיט איין האַנט פֿאַכט ער, און מיט די צווייטע האַנט דרייט ער מיטן גראָבן פֿינגער, און מיטן גאַנצן גוף שאָקעלט ער זיך אויף רעכטס און לינקס, און איבערהויפּט שטייט ער נישט אויף איין אָרט, ער טאַנצט צו מזרח, קערט זיך צו מערב, דרייט זיך צו דרום און שפּרינגט אונטער אין צפֿון, אַז קיינער וויים נישט פֿאַר אַ מאָמענט אין וועלכע זייט ער וועט שטיין ווען מען זאָל אים וועלן ענטפֿערן. ער איז אַ מין קוקזיליעבער, וועלכער רוט נישט.

אַזוי ווי ר׳ זרח האָפּער איז דער גרויסער למדן אַזוי זאָגט זיין פּלימעניק שכנה גיסער, און די קאָמיטעט קען ווייניק וואָס פֿאַרשטיין וואָס ער בורבעלט דאָרטן מיט אַ פּאָר פּסוקים פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרקניפּט מיט אַ מעשה פֿון מדרש, ווי זיי דערהערן אַז ער נעמט ריידן וועגן מדרש דערשרעקן זיי זיך און מיינען אַז יעצט וועט ער זיי אָפּהאַלטן ביז שפּעט אין די נאַכט, האָבן זיי גלייך באַשלאָסן אָנצונעמען פֿינע שרייער פֿאַרן חזן ראשון און מאַכן מיט אים אַ קאָנטראַקט אויף פֿינף יאָר.

פֿינע שרייער איז געוואָרן חזן און האָט זיינע פֿליכטן ערפֿילט לויט זיינע באַגריפֿן. ווען ער האָט געוואָלט האָט ער דערלאַנגט חזנות אַז די מתפּללים האָבן געקוואָלן פֿון נחת און אויב ער איז נישט געווען ביי זיין גוטע לוינע, האָט ער „געשטעלט טריט" און אַלעם אַראָפּגעכאַפּט און אריבערגעשפּרונגען אַז די אינגערע דאַוונער זיינען געווען העכסט צופֿרידן אָבער די עלטערע האָבן דאָס נישט געוואָלט.

דערוויילע איז זיין דרך פֿון דאַוונען געוואָרן אַ אינהאַלט וועגן וואָס די מעמבערס פֿון שול האָבן געהאַט צו דיסקוסירן. ווי עס פּירט זיך ביי אונז אידן האָט פֿינע שרייער געקראָגן הייסע חסידים וועלכע האָבן געקוקט אים אין מויל אריין און געהאַט גרוים הנאה פֿון זיין „זאָגעכץ" אַנדערע ווידער האָבן זיך באַקלאָגט אַז זיי ווערט שוין איבערדריסיג צו הערן אַלץ די זעלביקע. זיין „אלו דברים" זיין „רבונו של עולם" זיין „יהי רצון" קריכט זיי שוין פֿון האַלז און זיי קענען שוין אויסווייניק. עס ווילט זיך

הערן אלע ווײַלע עפּעס אַ נײַעס, אַ פרישן קנייטש, אַ נײַען דריידל, זײַ האָבן ביז אַהער ניט געהערט, אָבער פינע שרײַער האָט דערפון ניט געהאַט קיין עגמת נפש, ער ווייס אַז ער דאַרף זינגען און ער זינגט. ער איז ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר ער זאָל דאַרפן פאַרפאַסן אַלע טאָג נײַע אַפּעראַס, אַ גוטע אָפּערע, זאָגט ער, זינגט מען אויך אַלעמאָל די זעלבע, איבערהויפּט דער דאַוונען איז דאָך געוויס אַלץ דער זעלביקער און מען קען דאָך ניט אַרײַנשטעלן נײַע ווערטער, מיר זײַנען דאָך ניט רעפאָרמירטע אידן, צו וואָס זאָל ער זיך באַדערן מיט זינגען נײַע זאַכן, פרישע מעלאָדיעס, פאַר אידן וועלכע קומען דרײַ מאָל אין יאָר אין שול און פאַר די וועלכע קומען אַלע טאָג. זײַ זײַנען מערסטנס ניט קיין מיטגלידער פון שול און פון זײַ מאַכט ער ניט זײַן חיונה, ווײַזט זיך אַרויס אַז פינע שרײַער האָט פאַרגעסן אַז אַ שול האָט אַ קאָמיטע און די קאָמיטע האָט אַ מיטגליד וואָס איידער ער איז געוואָרן אַ פאַבריקאַנט איז ער אַליין געווען אַ משורר בײַ אַ חזן און האַלט זיך אַלס אַ גרויסער מבין אויף מוזיק און אַ עקספּערט אויף חזנות.

אַ צווייטער מיטגליד ר׳ יחיאל קנאַקער ווייס אַז דער אויטאָריטעט פון אַ קאָמיטע איז דאָס העכסטע אין דער וועלט אַ דריטער מעמבער מיסטער העראַלד טראַסק גרייט זיך צו ווערן אַליין אַ גבאי אי״ה ער האָט שוין אַלע קוואַליפיקאַציעס וואָס אַ גבאי דאַרף האָבן אין דרום אַפריקע. ער קען זיך צומאַכן צו ווען מען באַדאַרף, ער קען זײַן אַ גוטער ברודער, און אויך ניט פאַרגעסן צו דערציילן אַלעמען אַז ער קען שוין מער אין קאָמיטע ניט אַרבעטן, עס געפעלט אים צו שווער צו טראָגן דעם גאַנצן לאַסט אַליין פון די אַדמיניסטראַציע פון אַזאַ גרויס קהילה ווי „אנשי בית חיים״ און ער גייט גלײַך רעזיגנירן פון זײַן אמט.

זאָל יעדער מעמבער וויסן אַז עס איז אַ צער בעל חיים אויף מיסטער העראַלד טראַסק וואָס לייגט אַוועק זײַן מיה, זײַן צײַט, און איז זיך מקריב לטובת הכלל. ער פאַרליערט בעסער „אַ גיים״ איידער ניט צו זײַן אויף אַ קאָמיטע מיטינג. מענטשן זײַנען דאָך אַדעלײַט, זײַ וועלן געוויס וויסן ווי אָפּצושאַצן זײַנע פאַרדינסטן פאַר די קהילה ווען מען וועט דאַרפן קלײַבן אַ נײַען גבאי לויט די קאָנסטיטוציע וועלכע ערלויבט נאָר אַ גבאי צו הערשן בלויז אויף צוויי יאָר נאָכאַנאַנד.

אונטערגעהעצט פון די דערמאָנטע מעמבערס האָט זיך מיסטער העראַלד טראַסק פאַרוועלט צו האָבן אַ געשפּרעך מיט פינע שרײַער און

אים אריינגעבן אַ ביסל רעספּעקט פאַר די קאָמיטע אַז ער זאָל זיך רעכענען מיט זיי און זיי צופרידן שטעלן אין אַלעם וואָס עס קען זיי איינפאַלן פון אים צו פאַרלאַנגען.

האָט ער פאַרופן דעם חזן און געהאַלטן פאַר אים אַ לעקציע ווי אַ חזן דאַרף זיך נוהג זיין ווען ער האָט איבער זיך אַ קאָמיטע.

איין זאַך האָט מיסטער העראַלד טראַסק פאַרגעסן אַז פּינע שרייער האָט ג׳ צו דאַנקען אַ ווייבאַלע אַ קאָזאַק, אַ העלד מיט אַ פּאָר טייערע הענטאַלעך וועלכע קענען גוט שפּילן די פּיאַנאָ און ווען עס איז ניטאָ קיין פּיאַנאָ קענען אירע פינגער ארומטאַנצען אויף אַ גבאים באַקען אַז מען קען זאָגן דעם פּסוק „מעשי ידי להתפּאר”. ווי זי האָט דערהערט אַז מען האָט איר מאַן פאַרופן אין אָפּיס פון שול האָט זי גלייך זיך אריינגעזעצט אין איר אויטאָמאָביל און צוגעפאָרן צום שול אריין אין אָפּיס און דער־הערענדיק די לעקציע פון מיסטער העראַלד טראַסק האָט זי גלייך געזאָגט צום מאַן „דו גיי ארויס”, איך וועל אים ענטפערן.

פּינע שרייער ווייס אַז זיין ווייבעל זאָל געזונד זיין הייסט ארויסגיין דאַרפן פאָלגען אָנע שהיות, איז ער זיך ארויסגעגאַנגען און זי די ווייבעלע זאָל געזונט זיין האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיסטער העראַלד טראַסק און אַ זאָג געטאָן „דו חזיר־פּאַסטוך, ווי וואַגסטו צו באַליידיקן מיין מאַן, מען טאָר דאָך אַזאַ מאַן ווי דו אין שול אויפן בימה ניט ארויפלאָזן, איך האָב פאַר אַזוינע פאַרשוינען ניט קיין געדולד זיך אריינצולאָזן מיט זיי אין דיסקוסיעס. איך גיב פּעטש, און איידער מיסטער העראַלד טראַסק האָט זיך געקענט אומקוקן האָבן זיינע באַקען געפּלאַמט פון די הייסע פייערדיקע פּעטש וועלכע מאַדאַם שרייער האָט מיט אַ ליבעראַלע מאָס דערלאַנגט ניט קיין געציילטע.

געזונט זאָלן זיין אַזוינע הענטעלעך. אפשר וועט דאָס אָפּשוואַכן דעם אַפּעטיט פון פילע קאַנדידאַטן צו ווערן גבאים. „מעז יצא מתוק” פון שטאַרקע פּעטש וועט ארויסקומען אַ זיסע זאַך, אַ צאָם פאַר גבאים.

עס וואָלט געווען אַ יושר אַז די קהילה זאָל פאָטאָגראַפירן אירע הענט און די פאָטאָגראַפיע געבן יעדן קאַנדידאַט פאַר גבאות אַלס אַ אנדיינקונג.

זיבעטער קאפיטעל.

אַ רעדאקטאָר'ס דאגה

דער רעדאקטאר פון „צימעס-גיסער" דער הויפּט אָרגאן פון די „בלאָע זאָקען" פּארטיי איז געווען אין זייער אַן אויפגערעגטע שטימונג ווען מיסטער איוואן שנויץ איז אריין אין זיין קאבינעט.

איר ווייסט קאלעגא שנויץ, האָט זיך צו אים געווענדעט דער רעדאקטאר, מיר זיינען ווייטער אין אַ בלאָטע. פופצען יאָר ווי איך ארבייט צו מאכן דעם „צימעס-גיסער" אלס דער איינציקער אָרגאן פון גאנצן אידנטום אין זונלאנד און די הויפּט זאַך איז אז יעדער זונלאנדער איד זאָל ווערן אַ מיטגליד פון אונזער פּארטיי די „בלאָע זאָקען".

דער פּארדרוס ווערט נאָך גרעסער ווען דו ווייסט אז עס איז ניטאָ קיין איין אידישע אָדער ענגלישע אויסגאבע איבער די גאנצע וועלט וואָס איך האָב ניט אויסגעשניטן מיט מיין שער און עס איבערגעדרוקט אין „צימעס-גיסער" מיט מיין אונטערשריפט „סערגיי יעפימאָוו פּארחוטאָוו, זאָלן זיי די גראָבע יונגען פון גאָלדשטאָט און זונלאנד וויסן וואָס פאר אַ גרויסער געלערנטער מענטש איז דער רעדאקטאָר פון „צימעס-גיסער" און וועלן האָבן גרויס דרך ארץ פאר מיר און אָפּגעבן דעם געהעריגן כבוד וואָס מיר קומט.

דו ווייסט דאָך אלס סעקרעטאָר פון די „בלאָע זאָקען" ווי דער „צימעס-גיסער" האָט געלעקט, געגלעט, געחנפט און אונטערגעשמייכעלט יעדן גביר און יעדן פּערזאָן וועלכער האלט זיך פאר אַ גביר.

איבערהויפּט האָבן מיר ניט פארגעסן אַ דיפּלאמירטן מענטשן. ווי באלד אַ אידישער יונגער מאַן אָדער אַ אידישע טאָכטער האָט אַ טיטול דאָקטאָר, אינזשעניר, ארכיטעקט, מעג עס זיין פון אטל ומטר פאבריקעל ערגעץ וואו אין דרום אמעריקע אָדער אין אייראָפּע וואו מען גיט אַ טיטול פּראָפעסאר פארן מאכן חרוסת, ארכיטעקט פארן בויען אַ סוכה, אינזשעניר

פארן ארײנשטעלן אַ ליטער אין מקוה, הייסט בײַ אונז איך מיין דעם „צימעס־גיסער", אַ גרויסער פּערזענליכקייט און מיר שיקן צו אים גלייך אַ רעפּאָרטער אויסצוגעפינען זיין מיינונג וועגן גאָלדשטאָטס חברה־קדישא אָדער וועגן לאקשענשפּריטער טענים־קלוב.

ווער רעדט וועגן יוגענט, איז דער „צימעס־גיסער" זייער איינציקער און בעסטער פריינט, וועגוויייזער, לערער און ערציער, ווי נאָר אַ אינגעל פון אַ רייכן טאטן רירט זיך צו אַ פידל, מעג ער אפילו זיין נאָז ניט קענען אָפּווישן, צופּויקט גלייך דער „צימעס־גיסער" דאָס אַ נייער שטערן האָט זיך באוויזן אויף אונזער האָריזאנט און מיר באטאנען אַז זונלאנד איז ניט נאָר אַ מדינה וואו עס וואקסען קאפּער־רעסטאָראנען מיט געפּרעגעלטע פיש געשעפטן נאָר מיר פּראָדוצירן יהודה מניחין'ס, יאשע חפץ אפרים צימבאליסט אויב ניט אַ גאנצע קאָמבינאציע פון זיי אלעמען צוזאמען.

ווער רעדט אַז אַ רייכע מיידעל עפּענט איר מויל און גיט אַ קוויץ אויף אַ קאָנצערט באגליט פון אַ איטאליענישער עובר בטלדיקן פּראָפעסאר אויף די פּיאנא, דאן פארקאשער איך די ארבעל און נעם דעם פּעדער אין האנט און ווי פון אַ כשוף ווירט אין „צימעס־גיסער" געבאָרן אַ „גאַלע קורציע" אַ פּרימאדאנע, פאר וועמען מיר דארפן אראָפּברײנגען אַ דעלעגאציע פון מרחקים און מאכן אַ צענדליק באנקעטן מיטן צוועק צו עפענען אַ קאמפּיין כדי צו בויען אין גאָלדשטאָט אַ גרויסע שיינע פּראכטפולע אָפּערע הויז וואו אונזערע טאלאנטען זאָלן קענען זיך ענטוויקלען. מיט איין וואָרט כולנו חכמים אלע אונזערע אידישע אינגלעך און מיידלעך זיינען געבאָרענע בריליאנטישע באגאבטע ארטיסטן.

זע נאָר, שלאָגט אים איבער מיסטער שנויץ, פון ווען אָן ביזטו געוואָרן אַ למדן, אבילע מען רעדט אין גאָלדשטאָט אַז דער רעדאקטאָר פון „צימעס־גיסער" איז אַ גרויסער עם הארץ רחמנא לצלן, אויף וועמען דער פּסוק זאָגט „המכה בעברתו" אַ פּערזאָן וועלכער איז נעבעך געשלאָגן אויף זיין עברי.

הער אויף מיט דיינע וויצן האָט סערגיי יעפימאָוו פארחוטאָוו זיך אַ בייזער געטאָן לאָז מיר ענדיקן. דער „צימעס־גיסער" האָט געלייסטעט גרויסע פאַרדינסטן צום אידנטום אין זונלאנד און מיר האָבן געמאָגט ערוואַרטן דאָס די „בלאָע זאָקען" זאָל ווערן די גרעסטע פּארטיי און אַז יעדער איד אין זונלאנד זאָל זיך ארומטראָגן מיט אַ נומער פון „צימעס־

גיסער״ אין זיין בוזים קעשענע. וואָס איז דער סוף אַז נאָך דעם גאַנצן טאַראַראַם פאַרשפּרייט זיך דער „צימעס־גיסער״ זייער לאַנגזאַם און לעזט זיך נאָך ווייניקער, פילע חברים און אָנגעזעענע טוער פון די „בלאָע זאָקען״ עפענען אפילו ניט אויף דעם „צימעס־גיסער״ און וואַרפן אים גלייך אריין אין „קאָרב״ אָדער ער וואַלגערט זיך ערגעץ וואו אויף אַ פּאָליצע ביז וואַנעט די מייז זיינען זיך מרחם און עסן עס אויף.

אמת איך האָב געפּועלט ביי אונזערע דירעקטאָרן נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן אַז מען זאָל דעם „צימעס־גיסער״ דרוקן אויף די ערגסטע פּאַפּיר וואָס מען קען נאָר געפינען כדי די מייז זאָלן עס אויסבראַקירן, עס רייסט דאָך די האַרץ אַז איך דערמאָן זיך פון די דרייערליך וואָס מיר דאַרפן אייך צאָלן קאָלעגע שנויץ פאַר אייערע לויט אַרטיקלען, איך וואָלט שווערן ביי מיין רעדאַקטאָרישע שער אויב עס געפינען זיך אין גאַנץ זונלאַנד אַ מנין מענטשן וועלכע נעמען זיך די מיה איבערצולעזן מער ווי זיבן שורות פון אייערע אַרטיקלען.

נו, רופט זיך אָפּ קאָלעגע שנויץ, עס איז פאַראַנען זאַכן וואָס עס איז גלייכער צו פאַרשווייגן. אויב אונזערע דירעקטאָרען וואָלטן געוואוסט דעם אמת וואָלטן זיי אייך ניט געגעבן צוועלף מאַשיניסטקעס וועלכע זאָלן גאַנצע טעג פּודערן די נעזער, פאַרבן זיך די ליפּן, גענעצן און ריידן דורכן טעלעפאָן מיט זייערע קאַוועלערן, ווען איינער וויל טעלעפאָנירן דעם „צימעס־גיסער״ מוז ער ווערן גוט אַרויסגעריסן ביז ער קען זיך דערוואַרטן צו האָבן די זכיה פון דערגרייכן צום רעדאַקטאָר.

די גאַנצע אַרבייט פון דיינע מאַשיניסטקעס איז אַכטונג צו געבן אויף דיין שער און פלעשל קליי, זאָל ג׳ שומר ומציל זיין אַז איינע פון דיין קאָמאַנדע אָדער „ווייבערשער באַטאַליאָן״ זאָל איינפאַלן צו מאַכן אַ וויץ און באַהאַלטן דיין שער מיט דיין קליי אויף איין טאָג, וואָלט זיך אָפּטאָן חושך אין גאָלדשטאָט. אַ קליינינקייט דער רעדאַקטאָר אליין בכבודו ובעצמו וועט דאַרפן נעבעך אליין זיך מאַטערן און פּרובירן אָנשרייבן איינינגע שורות לא על ידי שליח. און די הויפּט זאַך איז וועגן וואָס קענסטו שרייבן אפשר אָנפאַנגען אַ ראָמאַן אונטערן נאָמען „דער ליכטיקער פּאַרטוך״ עס איז יעצט און אַלעמאָל אַ מאָדע געוועזן אין זונלאַנד אַז אידעשע רעדאַקטאָרן זאָלן פול מאַכן זייערע אויסגאַבן מיט פערזענליכע ראָמאַנען, אָדער אפשר גאָר זיך נעמען שרייבן דיינע זכרונות וועגן „ווייבלעך וואָס איך האָב געטראָפן״, אַזעלכע זכרונות וואָלט געווים זיין אַ סענסאַציע און וועט

געווים פארגרעסערן די צירקולאַציע פון „צימעס־גיסער" ווייל ניט איין מאַן אין גאָלדשטאַט וואָלט וועלן וויסן עטוואָס פון דיין ערפאַרונג און הלכות נשים אָבער דערצו ברודערקע דאַרף מען האָבן טאַלאַנט, באַשמירן ווייסע קלאָרע פּאַפּיר מיט טינט איז וויניק, עס מוז זיין אַ תוכן אַ אינהאַלט אַ גוטע טעמע און דאָס פעלט אין „צימעס־גיסער" מיט די „שער און קליי", טאָ ווי וועט זיין אז דיין שער זאָל חלילה פאַרפאַלן ווערן? וואָלסט דאָך אויסזען כצאן בלא רועה ווי אַ קאַט אָן וואָנצעס?

ווארום דאַרפן מיר זיך קריטיקירן? באַמערקט סערגיי יעפּימאָוו פאַרהוטאָוו אַ ביסל פאַרשעמט, יעדער מענטש האָט זיך זיינע שוואַכקייטן, אנדערע רעדאַקטאָרן האַלטן אַ פעדער אין האַנט און איך האַלט אַ שער, דעם עולם־גולם איז דאָך ניט קיין גרויסער הילוק, ווייל ערשטנס לעזט ער ניט סיי ווי סיי וואָס מיר דרוקן און שרייבן, און אויב ער לעזט עס יאָ איין מאָל אין צוואַנציק יאָר דאַן וואָס מאַכט אים אויס אויב דער זעלבער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן ערגעץ אנדערסוואו אונטער אַן אנדער נאָמען, וואָס איז ער אַן ארחילאָג ער זאָל נעמען שטודירן צו דער „צימעס־גיסער" האָט דעם אַרטיקל געדרוקט פריער ווי אַן אנדער אויסגאַבע אָדער פאַרקערט אַלץ איינס ער פאַרשטייט עס ניט ווער עס זאָל האָבן געדרוקט.

דען וואָס ביזטו אזוי צוטראָגן, פרעגט קאָלעגע שנויץ. ווייס איך וואָס, האָט געענטפערט דער רעדאַקטאָר פון „צימעס־גיסער", עס האָבן זיך גענומען באַווייזן אנדערע אויסגאַבן, בעסערע, שענערע, מיט מערער אינפאָרמאַציע, וועלכע קענען קירצלעך ווערן זייער געפערליכע קאָנקורענטן און די „בלאָע זאָקען" קענען נאָך אַ מאָל נעמען פאָדערן פון אונז אויס־בעסערונגען, עקאָנאָמיע, און דער גוטער יאָר ווייס וואָס עס קען זיי איינפאַלן פון אונז צו פאַרלאַנגען, אלזאָ גוטער ברודער דאַרפן מיר זיך מיישב זיין און זען וואָס מיר קענען טאָן איידער אונזערע דירעקטאָרן וועלן אָנהויבן צו קרימען זיך און צו בורצענען, דאַריבער לייג איך פאָר אַז מיר זאָלן פאַרלאַנגען פון אונזער פּאַרטיי, די „בלאָן זאָקען", דאָס זיי זאָלן אַרויף לייגן אַ חוב אויף יעדן מיטגליד צו אבאנירן דעם „צימעס־גיסער" און יעדער אבאנענט זאָל אַמווייניקסטענס זען צו קריגן פיער נייע אבאנענטן, דאָס וועט זיי מאַכן ביזי, פאַרנומען און וועלן ניט האָבן קיין צייט וועגן זוכן חסרונות אויף אונז.

אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיט אונזערע קאָנקורענטן ווי דער „לעבעדיקער קינדס”, אָדער דער „גרינער אדלער” ? גיט אַ פרעג קאָלעגע שנויץ.

אט מיר וועלן זיי בייקומען דורך אַ פּאָר אינטריגאַלעך, אַ ביסעלע רכילות, וואו מען דאַרף, מיר וועלן מאכן אַ נייעס, אַז מיר האָבן באַשטעלט עקסטרע דרייסיק אָדער פערציק ספּעציעלע קאָרעספּאָדענטן איבער גאַנץ אייראָפּע, אמעריקע און אנדערע וועלט טיילן, און יעדע וואָך וועלן מיר דרוקן זייערע ספּעציעלע טילעגראַמעס, וועלכע אויסגאַבע וועט קענען אויס־האַלטן אַזאַ קאָנקורענץ ?

איך בין זיך מודה ומתודה אַז קיין גראַבער נאַר ביזטו ניט האָט קאָלעגע שנויץ אים געגעבן אַ קאָמפּלימענט, דאָס איז טאַקע אַ גוטער איינפאַל די לעזער וועלן מיינען אַז מיר האָבן אַ גאַנצן סטאַף מיטאַרבייטער וועלכע לויפן אַרום פאַרסמט אין אַלע ווינקעלעך פון דעם ערדקויגעל, כדי צו געפינען פּיקאַנטע נייעס פאַרן „צימעס גיסער” האַ־האַ־חאַ. עס איז גוט עס איז גלענצענד, גוטער ברודער, דיין מאַרך איז נאָך פּייכט, עס איז נאָך ניט איינגאַנצן אויסגעטריקענט, בראַוואַ.

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צוגאָסן אויפן ברייטן פליישיגן פּנים פון רעדאַקטאָר, און ער האָט געטראַכט, ער איז ווערט איך זאָל מיט אים גיין מאַכן אַ לחיים, אָבער זיך דערמאָנענדיק אַז אויב ער וועט רופן וועט ער דאָך דאַרפן, דערפאַר באַצאָלן האָט ער זיך גובר געווען איבער זיין יצר הרע און געמאַכט אַ שוויינ.

אכטער קאפיטעל.

קאָנקורענץ און פעטש

(פון מיין סעריע וואָס איך זע און הער!)

פארפעלטאן איז ווי באוווסט איינע פון די חשובע קהילות אין דרום אפריקע, אירע אידישע בעלי בתים, זיינען מערסטן טייל, היימישע אידן, אנגעפּאָרענע פון ליטע, קורלאנד און פוילן. אידן גוטע, הארציקע, הייסע, געטרייע, איבערגעגעבענע בלב ונפש ציוניסטן, ריכטיקע, אידישע פאטריאטן.

דאָס איז דער אלגעמיינער איינדרוק פון יעדן איינעם, וועלכער קומט אין בארירונג מיט פארפעלטאנער אידן אָבער, ווי זאָגט מיין פעטער משה, אַז „יעדער כלל האָט א יוצא מן הכלל", דעריבער איז, אויב דער „עמך" אין פארפעלטאן איז אידישלעך פאָלקסטימלעך געזאנגען, זיינען אָבער עטליכע כלל טוער, גראדע א ביסעלע געכאפּט פון דער „סטרא אחרא".

איניקע געציילטע פון די אויבערשטע „שבעה טובי העיר" זיינען ניט צופרידן מיט זייערע טאָג־טעגליכע ארבעט פון קהלשע פּוסט און פאסטקייט און זיי ווילט זיך עפּעס שאפן וואָס ניט איז, גראנדיעז, גרויס, קאלאסאל, אַז אלע פון לאָקשענשפּרויט זאָלן זיי מקנא זיין און באוואונדערן ווי פאר־פעלטאן האָט אזוינס געקענט אויפטאָן.

כדרך הטבע, קומט פאָר אַ גרויסע קאָנקורענץ, צווישן לאָקשענשפּרוט און פארפעלטאן, אויב לאָקשענשפּרוט גרינדעט א באָארד אָוו דזשואיש עדוקיישן און קריגט אלס דירעקטאר א רב, קומט גלייך פארפעלטאן און מאכט אויך אַ באָארד אָוו עדוקיישן און באשטימט אלס דירעקטאר אַ יונגן מאן, וועלכער האָט אַ דיפּלאמע פון אַ דאָקטאָר, ניט פון מעדיצין חלילה, נאָר פון יענע טיטולען וועלכע ערלויבט דעם אינהאבער פון די דאָזיקע דיפּלאמע זיך צו רופן דאָקטאָר. עס קלינגט שענער ווי דער טיטול רב.

רבי, קען מען דאָך רופן יעדערן. אָבער דער נאָמען דאָקטאָר, באצייכנט שוין גרויס אינטעליגענץ, רופט ארויס מערער רעספּעקט, אכטונג און

באוואונדערונג. אין פארפעלטאן, ווי עס זאָל ניט זיין „הצד השוה שבהן", סיי דער רב, און סיי דער דאָקטאָר טוען ביידע צוזאמען ווייניק וואָס אויף אויפן געביט פון חנוך אין דרום אפריקע.

דער רב זאָל געזונט זיין איז פארנומען מיטן זוכן אַלטע שמות, געפינען וועלכע ניט איז פארלייגטע אָדער פארוואָרפענע אַלטע מחזורים, סדורים, תהילים'ס אָדער אנדערע „מכשירי קדושה", ווי למשל אָפּגעשלאָגענע הושענות פון עזרה הסופר, ציצית פון משושלח, תפילין פון נח און שירים פון עשיו'ס „נזיד עדשים" אָדער יעקב אבינו'ס שטעקן מיט וועלכן ער איז אריבער דעם ירדן, אָדער הגר'ס ארעמבאנד אָדער ישמעאל'ס פייל און בויגן, ושתי'ס אונטערהויזן און המן'ס יארמולקע. מיט איין וואָרט דער רב איז אַ פאָרשער, אַ זוכער, אַן ארכיאָלאָג, דערפאַר זייענדיק אַ פאַרשער וויים ער ניט ווי אַ העברעאישער לערער קען אויסקומען אין יקרות מיט זיין אָרעמע קנאַפּע שכירות. זוכענדיג אַלטע שמות, נעכטיקע טעג, באמערקט ער ניט ווי דער חנוך אין דרום אפריקע איז אָן אַ יסוד, צופוילט און האָט ניט קיין סיסטעם, קיין מעטאָדע.

דער דאָקטאָר פון פארפעלטאן איז גראָדע אַ היפּוך, אַ קעגנזאַץ צום דירעקטאָר פון לאָקשענשפּרוט. ער זוכט ניט קיין אַלטע פאַראָסטעטע טויטע זאכן, ער איז מער פּראַקטישער פאַרן רב, אָבער וועגן עקזיסטענץ פון אַ העברעאישן לערער און זיינע אינטערעסן, וויים אַזויפיל דער דאָקטאָר אין פארפעלטאן פּונקט ווי דער רב אין לאָקשענשפּרוט.

האָט לאָקשענשפּרוט אַ מושב זקנים קומט פארפעלטאן מיט אַ נייעס. ניט נאָר אַ מושב זקנים, נאָר וויל אויסבויען אַ האָטעל פון לוקסוס און פּראַכט, אַז יעדער קינד וואָס וועט געבאָרן ווערן אין פארפעלטאן זאָל שטרעבן צו ווערן אַ גאַסט אין מאָדערנעם מושב זקנים האָטעל.

וועט איר דאָך וועלן פרעגן וואו נעמט מען אַזויפיל געלט צו בויען אַ רייכן האָטעל פאַר אַ מושב זקנים?

טא, האָט ביסעלע געדולד, און הערט אַז פארפעלטאן האָט גוטע, וואוילע, הארציקע אידן, וועלכע האָבן עולם הזה מיט אַ ברייטע האנט און זוכן ניט צו פארנאַכלעסיקן עולם הבא אויך, אלזא ווערט פּראָיעקטירט אַז אַ איד, וועלכער גיט אַ געוויסע סומע געלט, קען האָבן אַ צימער אין מושב זקנים אויף זיין נאָמען, אויב ניט אַ צימער, איז האָטש אַ בעט, אויב ניט אַ בעט, איז אַ טיר, אַ מזוזה, אַ וואַלגער האָליץ, אַ שטול, אַ

ביינקעל, נאָר א זאַך צו וואָס מען קען אָנצעפּענען א מעשענעם בלעכל און אָנשרייבן מיט קדוש לבנה אותיות אז ר׳ „גימפּעל באָמבע״ האָט מנדר געווען דעם בעזעם שטעקן אויפן מושב זקנים אין אָנדיינקעניש פון זיין שוויגער.

זעלבסטפארשטענדליך אז בעלנים האָבן זיך איינגעפונען אין די הונ־דערטער, און געלט אין די טויזנטער האָט זיך גענומען שיטן אין פארפעל־טאנער בוי־קאָמיטעט. עס האָט ניט לאנג געדויערט און „ויבנו בני ישראל״ א ניט אידישער קאָנטראקטאר האָט גענומען בוען א בנין מיט אלע מאָדערנע איינריכטונגען און דער לעצטער וואָרט אין באקוועמליכקייטן. א גרויסן זאל פאר אן עס־צימער, נאָך א גרעסערן זאל פאר א לעזע־צימער, א ביסקאָפ, א שול, א האָספּיטאל, באזונדערע קיכן פאר מילכעגע און פליישיגע און אפשר אויך א באזונדערע קיך פאר פּארעווע, ניט קיין מילכיגע און ניט קיין פליישיגע. א גרויסן פּלאץ פאר א גאָרטן פאר גרינס און א גאָרטן פאר בלומען.

טאמער וועט איינעם פון פארפעלטאנער מושב זקנים קאָמיטע איינפאלן אז מען דארף האָבן א מקוה פאר מענער און א מקוה פאר פרויען קענט איר זיין זיכער אז חזקה על פארפעלטאַן אז מען וועט דאָס מאכן במהרה בימינו מען דארף נאָר געבן א פּיפּס, ווען וואָס מען וויל, און מיט א מאָל וואקסט ארויס א קאָמיטע פון עטלעכע מנינים בעלי בתים מיט א עקזעקו־טיווע און עטליכע סעקרעטארן, מיט בכבודיקע פארזיצענדן און וויצע־פארזיצענדן, א גאנצער רעגימענט כלל טוער און „וישמח ישראל״ עס ווערט פריילעך.

ווי זאָגט מיין באָבע עליה השלום „אז דער רבוני של עולם גלייכט א מאָל ווען ניט איז אָפּצוטאָן״, האָט ער אָפּגעטאָן א ספּיצעל פון אריכת ימים.

ער, דער רבונו של עולם האָט מאריך געווען די טעג פון צוויי פיינע חשובע בעלי בתים פון פארפעלטאַן און דאָס האָט געשאפן א פּראָבלעמע ווען מכבד צו זיין מיטן כבוד פון עפענען דעם מאָדערנעם לוקסוס מושב זקנים האָטעל. זיכער איז, אז יעדער פון די צוויי קאנדידאטן האָבן גרויסע פארדינסטן פאר פארפעלטאַן, איינער האָט געהאט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער פאָרזיצענדער פון מושב זקנים קאָמיטעט ווען דער מושב זקנים האָט זיך געגרינדעט אין פארפעלטאַן, דאָס איז ניט קיין קלייניקייט.

א סך פאַרפּעלטאַנער בעלי בתים האָבן א שוואַכקייט צו זיין דער „ערשטער" איינער, צווייִ ווילן זיין דער „ערשטער רב", עטליכע ווילן זיין דער „ערשטער גבאי", פינף אָדער זעקס ווילן זיך רופן דער „ערשטער חזן", אויב ניט חזן איז שמש. פילע גלייכן צו זיין די „ערשטע" אויפן ליסט פון מנדבים, אויב א פאַרפּעלטאַנער בעל הבית קען די אַלע זאַכן ניט אויספירן וועט ער זיין צופרידן אויב ער זאָל זיין דער „ערשטער" פון די געלאַדענע אויף א באַנקעט אָדער א „סעודת מצוה", „סיום התורה", „סיום הש"ס", אָדער „חתן בראשית", „חתן תורה".

דער צווייטער קאַנדידאַט ווידער האָט א טענה זייער א גערעכטע, אז ער איז דער יעצטיקער יושב ראש פון מושב זקנים קאָמיטעט, וועלכער האָט אונטער זיין הערשאַפט אויסגעפירט און פאַרווירקלעכט דעם פּראָיעקט פון בויען דעם פּראַכטפאַלן לוקסוס בנין פון נייען מושב זקנים, קען דען ווער ניט איז האָבן א גרעסערן זכות? אלזא האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער קאָמיטעט פון מושב זקנים האָט געאַרבעט אויף טיש און אויף ביינק און האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, געקנייצט די שטערנס און געפּרובירט צו געפינען א פשרה צווישן די צוויי קאַנדידאַטן מיט זייערע אָנהייגער.

זעענדיג אז דער פּסוק „אין עצה ואין תבונה" האָט געקענט אויך האָבן אין זינען פאַרפּעלטאַן האָט מען באַשלאָסן „על דעת הקאָמיטעט ועל דעת האָעקזעקוטיווע" אז מיט דעם עפענונג צערעמאָניע זאָל מען מכבד זיין דעם איצטיקן יושב ראש פון מושב זקנים קאָמיטעט ושלום על ישראל.

וואָלט אַלעס געווען גאַנץ פיין און שטיל, ווען מען אַרט עס? ער האָט דאָס כשר פאַרדינט, איז אָבער דאָ א ליץ אין פאַרפּעלטאַן וועלכער מיינט אז דער פּסוק „לא ינום ולא יישן" איז געזאָגט געוואָרן אויף אים, האָט ער פאַרקאַשערט די אַרבעל און גענומען שרייבן און אויסשיקן סירקולאַרס, פּראָטעסטן צו די מיטגלידער פון די חברה מושב זקנים אַז די קאָמיטעט און עקזעקוטיווע האָבן „חוטא בעגל" געווען און האָט געפּאָדערט אז מען זאָל רופן א ספּעציעל אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער, און די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג זאָל באַשליסן און באַשטימען ווער פון די צוויי קאַנדידאַטן זאָל האָבן דעם כבוד פון „פּתיחה" (ערעפנונג צערעמאָניע). ווען מען האָט דעם זעלבן ליץ געפרעגט וואָס מאַכט אים אויס ווער עס וועט „עפענען" האָט ער געענטפערט לאָמיר האָבן א ביסל „פאַן" (שפּאַס).

גערעדט און געטאָן, אין איין שיינעם זונטאָג פרימאָרגן זיינען צוזאמען געקומען א גרויסע צאָל מיטגלידער אויף אן אסיפה און מען האָט אָנגעהויבן צו דעבאטירן אויפן אידישן נוסח די וויכטיקע פראגע און ברענענדע פראבלעמע פון די ערעפענונג צערעמאָניע פון מושב זקנים.

א וואָרט פאר א וואָרט, עס האָט ניט לאנג געדויערט און מען האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן, זידלען זיך „בשם ומלכות" ווי עס פירט זיך ביי אונז אויף פארשידענע אסיפות ביז איינעם איז נמאס געוואָרן די מויל גימנאסטיק און האָט אָנגעהויבן געבן פעטש.

אויב שלאָגן זיך, איז „כדבעי" ווי עס דארף זיין, האָט מען זיך גענומען מכבד זיין איינער דעם אנדערן מיט „אמתנת יד" ביז מען האָט זיך פארשעמט פאר זיך אליין און זיך פונאנדערגעגאנגען!

ווער עס וועט עפענען דעם מושב זקנים לוקסוס האָטעל וויים איך ניט, אָבער איך וויים ווער עס האָט געכאפט די אמתע געשמאקע אידישע פעטש. איצט ווארטן מיר אויף לאָקשענשפרוט וואָס זיי וועלן מחדש זיין, און אריבערשטייגן פארפעלטאן.

נײנטער קאפּיטעל.

א דרשה פון א רב

וואָס איך זע און הער!

מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען אנוועזענד צו זיין אויף א בר־מצוה פײערונג פון מײנעם א גוטן פרײנט'ס אינגסטער זון אין א שטעטעלע ניט ווייט פון פארפעלטאן.

די אײנלאדונגס קארטע האָט באצײכענט אז די פײערונג וועט זיך אָנהויבן פונקט 3 אזײגער זונטאָג נאָך מיטאָג. די היץ איז געווען גרויס און דער ים מיט דעם זאמדיקן ברעג וואו די שטעטעלע געפינט זיך, האָט גערײצט, גערופן, און געצויגן, אז מען זאָל זיך גיין באָדן ווי צענדליקע טויזנטער האָבן עס געטאָן. אָבער מײן פרוי האָט געזאָגט ווי קענען מיר דאָס טאָן? מיר האָבן אזוינע גרויסע גוטע פרײנט אין שטעטעלע ביי וועמען איז א גרויסע שמחה און מיר זאָלן זיי ניט באזוכן? איז געבליבן אז מיר זאָלן גיין אהין אויפן בר מצוה.

אריינגײענדיק אין גרויסן שײנעם דעקארירטן זאַל וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט מיט רײך באדעקטע טישן און באפּוצט מיט פארשײדענע שמעקעדיקע, דופטיקע בלומען, האָבן מיר שוין געזען אז דער עולם האָט זיך גיך פארזאמעלט און אז אלע זיצן שוין אויף זײערע פּלעצער.

מײן גוטער פרײנט און זײן פרוי, אויך זײער זון, דער בר מצוה בחור, שטײען נאָך אַלץ ביי דער טיר און ווארטן אויפצונעמען און באגריסן די געסט. עס איז שוין געוואָרן נאָך 3, די ווײזערס פון וואנט־זײגער רוקן זיך לאנגזאם און ווײזן אויף 4 און מײנע בעלי שמחה שטײען נאָך אַלץ בײם טיר און ווארטן.

איך באמערק אז דער עולם ווערט איבערדריסיק זיצנדיק און קוקן אויף די גוטע זאכן, וועלכע זײנען געווען אָנגעשטעלט אויף די טישן, אז

עס האָט פּשוט געררייצט דעם אַפּעטיט און ביסלעכווייז האָבן זיך די געסט געלאָזט וואויל גיין, אָהנע הקדמות פון אַ פּאָרזיצענדן מיט אַ פּאָר צענדליק רעדנער, אָהנע וועלכע הויבט זיך ניט אָן קיין בר מצוה אין דרום אפריקע.

מיין נייגעריקייט איז אָבער אַלץ געשטיגן פאַרוואָס שטייט מיין גוטער פריינט מיט זיין פרוי און זון אַלץ ביים טיר אַזוי לאַנג, און וואַרטן נאָך אַלץ? בין איך ניט פויל, און הויב זיך אויף און גיי צו זיי פרעגן די אורזאַכע: „מיר געפעלט זייער אייער איינפאַל אַז אַזאַ גרויסער עולם פון קיין עין הרע 300 געסט, כן ירבו, פאַרברייינגען זיך אָהנע אַ פאַרזיצענדן און אָהנע לאַנגע דרשות דאָס וועט אפשר איינפירן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע מאָדע אויף אַזוינע שמחות. אָבער צו וואָס פרעג איך דאַרפט איר שטיין נאָך אַלץ ביים טיר, גייט זעצט זיך אַוועק אויף אייערע ערטער און מיר וועלן זיך אַלע צוזאַמען פאַרברייינגען".

„מיר וואַרטן אויף דעם גרויסן רב פון פאַרפעלטאַן, וועלכער האָט געדאַרפט קומען מיט אַ שעה צוריק און האַלטן אַ רעדע, האָבן זיי געענט־פערט מיט פאַרדרוס און אַ רעכט ביסל קלעם וואָס עס גייט ניט צו אַזוי, ווי זיי האָבן ערוואַרטעט.

„אַמאָל קען זיין אַז דער רב האָט זיך פאַרגעסן, איר דאַרפט אים טעלעפאָנירן און אויסגעפינען, האָב איך זיי געזאָגט, אַ רב איז מאַנכעם מאָל ווי אַ פּראָפעסאָר, די קאָפּ איז שאַרף און דער זכרון קען אונטערהינקען, אַגב חורפא שבשתא, עס שאַדט קיין מאָל ניט צו דערמאָנען נאָך אַמאָל.

„איר זייט גערעכט" האָט זיך דער בעל הבית אָפּגערופן מיט פרייד און איז אַוועק צום טעלעפאָן.

עטלעכע מינוטן שפּעטער איז מיין גוטער פריינט צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר באַדאַנקט פאַר די עצה. עס איז טאַקע געווען אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, דער רב זאָל געזונט זיין האָט זיך פאַרעכנט און פאַרגעסן וועגן גאַנצן ענין, אָבער ער איז גלייך אַרויסגעפאָרן אהער, האָט מיין גוטער פריינט צוגעגעבן מיט אַ שטאָלצן שמייכל, ער וועט באַלד דאָ זיין, אין דרייסיק אָדער פערציק מינוטן צייט, און וועט האַלטן זיין דרשה.

די עטלעכע מינוטן זיינען גיך אַוועק און איך זע ווי די טיר עפנט זיך און עס לאָזט זיך אריין הרב הגאון דאָקטאָר גמליאל ציביק, וועלכער גייט זיך לאַנגזאַם, פּאַוואָליע, האַלטנדיק אונטערן אָרעם אַ צוזאַמענגעראָלטע מגילה.

מיר איז געוואָרן אינטערעסאנט צו וויסן וואָס פאר א סאָרט מגילה דער רב האלט אונטערן אָרעם.

מגילת איכה קען דאָך ניט זיין, עס איז דאָך היינט א שמחה און „תשעה באב" איז דאָך שוין לאנג געווען מגילת רות אויך ניט, שבועות איז נאָך א לאנגע צייט, מגילת אסתר געוויס ניט, עס איז א מהלך צו פורים, זאָל עס זיין מגילת „שיר השירים" איז אויך אומעגלעך, פסח וועט ערשט זיין אין עטליכע מאָנאטן ארום, בלייבט עס צו וואַרטן און זען וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

דער עולם ווי געוויינטלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער אָפּצוגעבן כבוד דעם רב ווי אים קומט. אז אלע האָבן זיך צוריקגעזעצט אויף זייערע פלעצער האָט גלייך הרב הגאון דאָקטאָר גמליאל ציביק אָנגע־הויבן זיין דרשה וועלכע איך גיב איבער וואָרט ביי וואָרט ווי איך האָב געהערט מפיו הקדוש.

„רבותי! מיסטער טשערמאן, לידים און דזשענטעלמען! מיר זיינען דאָ צוזאַמען געקומען אין אנטייל צו נעמען אין גרויסע שמחה פון מיסטער און מיסעס אבשלום אגוז צו דער בר מצוה פון זייער זון, חיים אגוז. מיט זעקס מאָנאטן צוריק איז אריינגעקומען צו מיר מיסטער אבשלום אגוז און האָט מיר געלאָדן קומען אהער און זאָגן פאר אייך עטליכע ווערטער. ער האָט מיר דערציילט, אז ער שטאמט אליין פון ליטע, פון וואַנעט אלע גרויסע לייט קומען ארויס, איר ווייסט דאָך מסתמה אז איך אליין קום ארויס פון ליטע, די ראשי תבות פון וואָרט „ליטע" מאכט „ליהודים יהיה טובה, עצמה" אידן וועט זיין גוט און זיי וועלן זיין שטארק. אין ליטע געפינט איר א שטעטעלע וועלכע הייסט „ענתית" און די שטעטעלע „ענתית" שטייט ארומגערינגלט צווישן צוויי טייכן, איין טייך הייסט „סמאטונעס" און דער צווייטער טייך הייסט „קאפוניש", וועט איר זיך וואונדערן פון וואַנעט ווייס איך אזוי גענוי די געאָגראַפיע פון „ענתית", ווייל איך אליין, פארשטייט איר מיר, איך, רבותי שטאם פון „ענתית"! איך בין אייער א לאנדסמאן א בן־עיר (רוישנדע אפלאָדיסמענטן).

און דאָרטן האָט הרב הדאָקטאָר ר' גמליאל ציביק פאָרגעזעצט — האָט געלעבט אמאָל א שיינער בעל הבית, א גרויסער למדן, ער האָט געהאַט סמיכה אויף הוראה און דערצו איז ער געווען א ערפאָלגרייכער סוחר, ער האָט געהאַנדלט מיט וואלד, מיט ווייץ, מיט קאָרן, מיט פלאַקס, מיט זאַמען.

„ווייסט איר ווי דער גרויסער סוחר האָט געהייסן? איך וועל אייך גלייך זאָגן, האָט דער רעדנער אפיר געטאָן מיטן האנט איבער זיין שיינעם באָרד, ער האָט געהייסן ר׳ חיים אגוז, דער זיידע פון דעם איצטיקן בר מצוה בחור, דער פאָטער פון מיסטער אבשלום אגוז (שטארקע, הילכיקע אפּלאַדיסמענטן).

פארשטייט איר שוין מיינע דאַמען און הערן וואָס פאַר אַ וויכטיקע שמחה מיר באטייליקן זיך יעצט, מיר זיינען אויף ר׳ חיים אגוז׳ס אייניקעל׳ס בר מצוה. און דער אייניקעל אליין זאָלט איר וויסן־זיין האָט ניט פארשעמט זיין גרויסן זיידן. אמת, איך אליין האָב ניט געהאט קיין צייט און קיין געלעגנהייט אים צו פאַרהאָרכן, ווייל ווי איר ווייסט בין איך איצט פאַר־נומען מיט אַ גרויסע אנגעלעגנהייט לטובת הכלל, אַ זאַך וואָס קען ארויס־קומען אַ גליק פאַר גאַנץ פארפעלטאַן. איך בין פארנומען אין פּרובירן אויספּועלן ביי פארפעלטאַנער שטאָט פארוואלטונג, אַז זיי זאָלן מיר ערלויבן צו מאכן עירובין איבער גאַנץ פארפעלטאַן כדי אידן זאָלן ניט נכשל ווערן און טראָגן אום שבת.

איר ווייסט דאָך אַז טראָגן אום שבת איז אַ גרויסע עבירה רחמנא לצלן, און ווען גאַנץ פארפעלטאַן וועט זיין פארינגעלט מיט די דראָטן פון עירוב וועלן מיר מציל זיין אַ סך אידן פון אַ הארבע עבירה ווי טראָגן אום שבת. וועגן דעם ענין וועלן מיר נאָך האָבן אנגעלעגנהייטן ארום צו ריידן אין מיינע קומענדיקע דרשות. נאָר איצט וויל איך אייך זאָגן רבותי, אזוי ווי איך האָב דעם בר מצוה בחור ניט פארהאָרכט, אָבער דער באארד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן האָט מיר געבעטן איבערגעבן דעם בר מצוה בחור אַ סערטיפיקאט, אַ דיפּלאָמע, וועלכע איך האלט דאָ יעצט אין מיין האנט צוזאמענגעוויקלט, און אַז מיר וועלן עפענען דעם וויכטיקן דאָקומענט לאָמיר עטוואָס אַ קוק געבן און זען וואָס דאָרטן שטייט געשריבן.

אַ שפּאַנענדע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל ווען דער חשובער רב האָט די גרויסע מגילה פונאנדער געוויקלט און האָט אריינגעקוקט פאַר אַ פּאָר מינוטן גלעטענדיק זיין שיין פארקעמטן באָרד.

„איר הערט רבותי, לײדיס און דזשענטעלמען און דעם בר מצוה אטעסטאט, דיפּלאָמע פון באארד אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן רפארפעלטאָן והגליל שטייט געשריבן שווארץ אויף ווייס „אַז דער יונגער בהור חיים אגוז האָט מען עקזאמינירט אין תנך און ער האָט אויסגעהאלטן זיין עקזאמען זייער גלענצענד" (רוישיגע אפּלאַדיסמענטן).

יעצט רבותי איז ווערט צו באטראכטן וואָס מיינט דער וואָרט „תנ״ך!״

„תנ״ך״ הייסט תורה, נביאים, כתובים. תורה ווייסט איר דאָך אלע — איז די פינף חומשים וועלכע משה רבינו האָט אונז דערלאנגט אויפן בארג סיני, דאָס זיינען בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים. הייסט עס אז דער בר מצוה בחור איז גוט באהאווענט אין די דערמאָנטע פינף חומשים. נביאים מיינט — יהושע, שופטים שמואל א׳, שמואל ב׳, מלכים א׳ מלכים ב׳, ישעיה, ירמיה, יחזקאל, הישע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחם, חבקיק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי.

איר פארשטייט אז דער באארד אָוו דזשואיש עדיוקיישאן האָט אים פארהאָרכט אין די אויסגערעכנטע הייליקע ספרים און ער דער בר מצוה בחור האָט געוואוסט גוט צו ענטפערן וואָס מען האָט אים געפרעגט (אפלאדיסמענטן). כתובים זיינען תהילים, משלי, איוב, שיר השירים רות איכה קהלת, אסתר, דניאל עזרא, נחמיה דברי הימים און אין די אלע ספרים האָט דער יונגער בר מצוה בחור חיים אגוז, דער אייניקעל פון גרויסן ויידן ר׳ חיים אגוז עליו השלום, זכר צדיק לברכה האָט לויט די דיפלאמע פון פארפעלטאנער דזשואיש באארד אָוו עדיוקיישאן אויסגעהאלטן זיין עקזאמען גלענצנד (לאנגע הילכיקע שטארקע אפלאדיסמענטן). איצט לאמיר אָנפילן אונזערע גלעזער און ווינטשן די עלטערן אז זייער זון זאָל גיין אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון זיין גרויסן ויידן און ער אליין זאָל ווערן אַ נאָך גרעסערער זיידע (פריילעכער געלעכטער און אפלאדיסמענטן) מיט ווער מען דער אידישער פאָלק זאָל קענען שטאָלצירן, לחיים, לחיים, לאמיר טרינקען לחיים, אלע שטעלן זיך אויף אפלאָדירן, טרינקען לחיים און זינגען „ער איז אַ וואוילער בחור״.

צענטער קאפיטעל.

איצאלע באַראַבאַן

טאטע מאמע האָבן אים אויף זיין ברית א נאָמען געגעבן „איצאלע" און גוטע מענטשן האָבן שפּעטער צוגעלייגט דעם נאָמען באַראבאַן, ווײַלע וואו ער קומט קלינגט ער ווי א פּויק, טומעלט און וויל קיינעם ניט האָרכן אויסער זיך אליין און ווען נאָר ער קען עס אויספירן וועט ער קיינעם אויסער זיך ניט ערלויבן צו ריידן אויף א פארזאמלונג אָדער אזוי א זיצונג פון א קאָמיטע.

די צוויי ווערטער באצייכנען גענוי אונזער העלד, דעם גדול פון פאַר־פעלטאַן.

איצאלע מיט זיין היבשע רונדע בייכל, מיטעלער געוואוקס, פולע באקן מיטן רויטן גוידער, גרויע בליציקע אויגעלעך, ברייטער שטערן מיטן גרויסן פּליך אויפן קאָפּ, מאכט דעם איינדרוק פון א פערזאָן וועלכער איז צופרידן מיט זיך אָבער ער האָט טענות צו דער וועלט און געפינט אלץ חסרונות אויפן צווייטן.

דער חשבון וועט ניט זיין אין גאנצן אויב מיר וועלן פארגעסן צו צולייגן זיין גרויסע העזה און אומגעהעריקע חוצפה. דאָס אלעס צוזאמען מאכן אָפּ דעם באשעפעניש וועלכער הייסט איצאלע באראבאַן.

בטבע, זאָגט אויף זיך איצאלע, אז ער איז א דעמאָקראט, ביי אים זיינען אלע גלייך און ער איז אפשר געראַכט אין א געוויסן זין, ער קען זידלען דעם רב פונקט ווי ער קען שרייען אויף זיין „שווארצן" אָדער „ווייסן" אָנגעשטעלטן, ער מאכט ניט קיין חילוק צווישן א מאן און א פרוי, אויב יענער אָדער יענע ארבייט ביי אים אין געשעפט האָט ער א „רעכט" זיי צו ווייזן ווער „עלטער" איז, א ניט קענען זיי דאָך פארגעסן אז איצאלע באראבאַן איז זייער בעל הבית, זייער ברויט־געבער.

ווען נאָר אים געפעלט ניט מעג ער זיין דער רב, דער גבאי, א משולח, רעוורענד, חזן, וועט איצאַלע אים ניט שוינען, ער וועט שוין געפינען ווערטער מיט וועלכער ער פלעגט זיי אַפּבריען ווי מיט הייסע וואסער.

איבערהויפּט האָט איצאַלע באַראבאַן געהאט א באַזונדערן פארגעניגן צו פארשאפן זיך און פּאַרטשעפּן זיך מיט זיינע לאַנדסלייט. זייענדיק א גרויסער בקי אין זייער יחוס בריף האָט ער געוואוסט ווען צו דערמאָנען אַז ער איצאַלע געדיינקט ווי יענעמס טאַטע איז געווען דער ערשטער איד אין דרום אפריקע וועלכער האָט זוכה געווען אָפּצוריכטן צוויי מאָל סדר אין חד גדיא.

א צווייטן לאַנדסמאַן פלעגט ער באַווייזן ווי ער האָט ניט פארגעסן ווי יענעמס באָבע האָט א מאָל געהאַלטן „א גוטע קלייזל” און צופרידן געשטעלט אַלע אירע קונדן.

א דריטן לאַנדסמאַן האָט ער באַמערקט ווי אים איצאַלען שטייט נאָך פאַר היינט פאַר די אויגן דער בילד, ווי יענעמס שוועסטער האָט זיך געשמד און חתונה געהאט מיט א שגץ פון דערבייאיקן דאָרף. א פירטן לאַנדסמאַן פלעגט ער פארטרויען א סוד, אַז ער ווייס ווי יענעמס פאָטער האָט מיט א שותף אויסגעליידיגט א גרויסער אנגרא געשעפט, זיי פלעגן אָפּקויפן די ליידיגע קאַסטענס און האָבן געמאכט יד אחת מיט א פּאָר אָנגעשטעלטע וועלכע פלעגן זען אַז די ליידיקע קאַסטענס זאָלן זיין אָנגעפּאַקט מיט סחורה און מיט דעם געלייגט דעם פונדאַמענט פון זיין איצטיקן ערפאָלגרייכן געשעפט. מיט איין וואָרט ער האָט געהאט פאַר יעדן לאַנדסמאַן א זאַך וואָס יענער האָט ניט אַזוי געגליכן אַז איצאַלע באַראבאַן זאָל דערפון וויסן.

איצט אַפילו רופט ער זיך מיסטער מאַנטאַגיו ליטעל און איז דער אינהאַבער פון אַ גרויסן געשעפט פון פרויען אונטערוועש, אָבער ביי אַלע באַקאַנטע און לאַנדסלייט הייסט ער נאָך אַלץ איצאַלע באַראבאַן און דאָס קאָסט אים געזונט. ער קען קיינעם ניט פארגעבן.

דעריבער האָט איצאַלע באַראבאַן געהאט עטוואָס אין קעשענע פאַר יעדן לאַנדסמאַן און פלעגט עס צוליגן אויף טעלערלעך ווי נאָר ער פלעגט זיין אין א גוטע שטימונג צו דערציילן און גריבלען זיך אין זיינע זכרונות.

ווען זיין אייגענעם פארגאַנגנהייט האָט ער גאָר קיין חשק ניט געהאט צו ריידן, גראַדע אויף זיין מזל האָבן זיינע לאַנדסלייט ניט געהאט וואָס

אים אויפצוּוואַרפן פון זיין לעבן אין דער היים אויסער דעם פאַקט אַז זיינע עלטערן זיינען געווען אָרימע אָבער ערליכע און שטילע בעלי בתים.

איצאַלע באַראַבאַן איז אָנגעקומען אין אַפריקע ווען ער איז געווען 20 יאָר אַלט, אַנטלאָפן פון פּריזיוו, האָט געאַרבייט אויפן „ריף" אין אַ קאָנצעסיאָן, אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פונט און געקומען אין פּאַרפּעלטאַן זוכן זיין גליק.

אויספּרובירנדיג פאַרשידענע אונטערנעמונגען איז אים ענדליך געלונגען מיט די פּאָר טויזנט פונט נדן וואָס ער האָט געקראָגן צו עפענען אַ קראָם פון אונטערוועש פאַר פרויען!

ביסלעכווייז האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַנדערע געשעפטס-קאַלעגן און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז ער געוואָרן אַ דירעקטאָר אין די „הרי חושך" לימיטעד. די ספּעקולאַטיווע עסקים פון די „הרי חושך" לימיטעד, האָט זיך גוט איינגעגעבן און איצאַלע האָט גענומען וואַקסן אַלס ערפּאָלג־רייכער געשעפטסמאַן וועלכע האָט פון זיין קליינע קראָם פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע אַנגראַ געשעפט „אַ האַלסייל" מיט אַ בוך האַלטער, אַ קאַסירער, און אייניקע אַנדערע אָנגעשטעלטע.

איצאַלע באַראַבאַן האָט דערזען אַז אין קעשענע קלינגען אַ ביסל מטבעות האָט ער גענומען ביינקען אין זוכן אַ ביסעלע כבוד, ווי אַ סך אַנדערע בעלי בתים, זיינע לאַנדסלייט. ער האָט אָנגעפאַנגען אַנטיילצונעמען אין פאַרשידענע סאָסייטעס, חברות, פאַריינען, זיין געדאַנק איז ניט געווען צו זיין אַ מעמבער, אַ מיטגליד, פון די אָדער יענע חברה, נאָר אַ סאָסייטי האָט דאָך אַלעמאָל איין אַלגעמיינעם מיטינג, פאַרזאַמלונג וואו ער וועט קענען מיט זיין באַסאָווע שטימע אויסשרייען „מיסטער טשערמאַן איך פּראָטעסטיר" אָדער „איך וויל אַ וואָרט" און ווען ער פלעגט קריגן דעם „וואָרט" פלעגט ער רידן אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך שוין אויסגעשעפּט און מער ניט געהאַט קיין ווערטער איבערצוקייען די זעלבע זאַך עטליכע מאָל.

אָבער איין מעלה האָט ער יאָ געהאַט הגם ער אַליין האָט געהאַט אַ פאַרמאַכטע האַנט און געגעבן אויף צדקה זייער קנאַפּ, אָבער פון יענעמס אַרויסרייסן אויף צדקה ענינים איז ער געווען אַ בריה אַ כוואַט, אַ העלד, ער האָט געקענט ציען פון אַ שטיין ניט וואַסער נאָר פונטן. ניט איין סאָסייטי האָט זיך געריסן אים צו מאַכן פאַר אַ קאַסירער, טרעזשורער, ווײַלע זיי

זוייסן אז וואו איצאלע באראבאן וועט זיין דער קאסירער אָדער אמוויי־ניגסטענס וויצע־פּאָרזיצענדער וועט שוין די סאָסייטי ניט ליידן קיין מאנגל אין געלט מיטלען. ניט חלילה איצאלע וועט געבן פון זיינע, אייגענע דאָס האָט זעלטן פּאסירט, נאָר ער האָט א קונץ צו קריגן געלט פון יענעם. איצאלע באראבאן וואַיס זיין ווירדע און שאצט אָפּ ביי זיך מערער ווי אלע אנדערע, דעריבער דיינקט ער, אז א קאָמיטע וואו ער איז א מעמבער דאַרף נאָר האָבן איין ארבייט טאָן וואָס ער הייסט אָדער לייגט פאר, אָדער צו וואָס ער איז מסכים.

אויב איינער אין קאָמיטע אָדער עקזעקוטיוו זאָל וועלן האָבן זיין פּריוואטע פּערזענליכע מיינונג קען עס איצאלע ניט פארטראָגן אוּן עס טוט זיך חושך. איצאלע באראבאן צולאָזט זיך אויף אלע כלים, גיסט אריין דעם גבאי אָדער טשערמאן וויפיל עס לאָזט זיך און סטראשעט גלייך אז ער גייט רעזיגנירן ווייל ער קען מיט אזוינע ניט ציוויליזירטע חיות ניט ארבייטן, ער וועט בעסער זיך נעמען א לאנגע האָלידיי און כאפּן פיש איידער צו זיין צוזאמען מיט מענטשן וועלכע פארשטייען ניט ווי אָפּצושאצן זיין געהעריקע ארבייט לטובת הכלל. נאָך אזא שטורם ווערן די איבעריקע מעמ־בערס געלאסענער און איצאלע פירט אוים וואָס ער וויל.

אָט אזוי איז איצאלע באראבאן געוואָרן איינער פון די טאַן געבערס, דער כל ולך פון פארפעלטאן.

<u>עלפטער קאַפּיטעל.</u>

דער קאַרגער ספּאָרטסמאַן

אויב פאר קארגשאפט וועט מען ווען ניט איז געבן מעדאלן, דאן וועט דעם העכסטן אויסצייכענונג באקומען מיסטער סיימאן צעבון אָדער ווי מען האָט אים אהיים, אין ליטע גערופן שעפּשל דבר־אחר.

אויף צדקה אָדער נאציאָנאלע צוועקן פלעגט ער זיך ארויסדרייען מיט א גוטן תרוץ, אים געפעלט ניט די אָדער יענע חברה, און ווען עס פלעגט קומען א קרן היסוד קאמפּיין, אָדער פארן נאציאָנאלן פאנד, פלעגט ער זאָגן, אז ער איז א גרויסער רעוויזיאניסט און וועט זיין געלט אין בלאָטע ניט ווארפן, פריער דארף ער קריגן ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן, און נאכהער וועט ער געבן געלט. און ווען די רעוויזיאניסטן פלעגן אים בעטן געלט כדי צו העלפן זיי קריגן ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן, ווײַלע זיי פלעגן טענה׳ן אויב איין זייט ירדן קאָסט אָפּ אזויפיל דעם אידישן פאָלק היינט וויפיל דארף קאָסטן ביידע זייטן, דאן פלעגט ער נעמען זאָגן, אז אים דוכט זיך אז ציוניזם איז גאָר צו איינג פאר זיין פארנעם, עס פעלט אין ציוניזם א ביסל אנארכיזם. מיר האָבן רעכטע ציוניסטן, לינקע, מזרחי אגודת ישראל, פּועלי ציון, השומר הצעיר, רעוויזיאניסטן אָדער סתם ציוי־ניסטן, פארוואָס זאָלן מיר ניט האָבן ציוניסטישע אנארכיסטן, וואו מען דארף ניט קלייבן קיין געלט, אָדער זיין דיסציפּלינירט, איש כל הישר בעיניו יעשה !

ער האָט פשוט נט פארגונען די שכירות וועלכע ער פלעגט צאָלן צו זיינע אָנגעשטעלטע אין זיין גרויסן געשעפט. אים האָט זיך אלץ געדוכט אז ווי ווייניק ער זאָל זיי ניט צאָלן, צאָלט ער אלץ מערער וויפיל זיי זיינען ווערט, אָבער וואָס קען ער נעבעך טאָן, די פּראָפעסיאָנעלע פאראייננען מיט די מלוכה מישן זיך אריין און באשטימען א מינימום שכירות וועלכע מען קען ניט אראָפּדינגען, מוז מען נעבעך שווייגן און צאָלן מיט א קרעכץ.

אָבער אויף זיך אליין, האָט דאָך די מלוכה קיין דעה ניט, ער קען דאָך ספּענדן וויפיל ער גלייכט און גלייכן ער אויסצוגעבן וואָס

וויינִיגער, אַז אפילו זיין פרוי און קינדער האָט ער געזשאַלעוועט צו געבן עסן. צו יעדער מאָלצייט, ווען די פאמיליע פלעגט זיך זעצן צום טיש פלעגט גלייך ארויסברעכן א מלחמה, א פאיט, א קריגעריי, אַז אָט האָט מען געקענט מיינען, אַז זיי וועלן זיך נעמען שלאָגן צווישן זיך.

נאָר זיין פרוי האָט געהאט איין בייז אויף אים, ווי זי פלעגט זען אַז ער גייט ארויס פון די כלים, פלעגט זי זיך גלייך פונאנדערוויינען און זאָגן, אַז מער קען זי ניט אויסהאלטן, זי וועט מאָרגן גלייך גיין זען איר סאָליסיטאר און פאָדערן א גט אָדער אָנקלאָגן פאר א סעפּעריישן.

ווי ער פלעגט דערהערן אזוינע דבורים פלעגט ער ווערן געלאסענער און זיך גלייך אָפּקילן. ווײַלע דער שרעק אַז דער געריכט קען נאָך אים צווינגען צו באצאָלן די הוצאות פון גט, אויך די אויסגאבן פאר די לאיערס און אדוואָקאטן, האָט געווירקט אויף אים זיך איינצוהאלטן און ניט איבער כאפּן די מאָס. דערצו איז זיין ווייבל געווען זייער א שיינע, ער האָט איר ניט פיינט געהאט און וואָלט איר געגעבן דעם טעלערל פון הימעל, אָבער זיין קארגשאפט האָט גובר געווען זיינע געפילן און ער האָט ניט געהאט קיין שליטה אויף זיין געלט.

איין שוואכקייט האָט ער יא געהאט, ער האָט זיך געהאלטן און געוואָלט אַז אנדערע זאָלן אים אויך האלטן פאר אַ ספּאָרטסמאן, אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געקענט גוט שווימען און דעריבער האָט ער געזען אַז ער זאָל גיין שיין אָנגעטאָן, און אויך זיין פרוי און קינדער זאָלן זיין גוט באקליידעט, זאָלן זייטיקע מיינען, אַז ער איז א ספּאָרטסמאן און זאָלן ניט מערקן וועגן זיין קארגשאפט. ער פלעגט זאָגן, אַז ער איז ניט קארג, חלילה נאָר ער גלויבט אין לעבן עקאָנאָמיש.

די צוויי ווערטער „עקאָנאָמיע” און ספּאָרט זיינען געווען ביי אים די הייליקסטע פון זיין שפּראך. און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער פּרובירט ארויפברייגען אויף די טעמע פון די פּראקטישע זייט פון לעבן עקאָנאָמיש און די געזונטע זייט פון פארנעמען זיך מיט ספּאָרט. דער געפיל פון כבוד אַז מאנכע דיינקען אַז ער איז אויס ספּאָרטסמאן האָט אין געוויסע צופאלן גובר געווען זיין קארגשאפט און ער האָט אראָפּגענומען די האנט פון הארצן און זיך געשייד מיט אַ פּאָר פונט פאר צוועקן פון ספּאָרט.

אָבער גלייך פלעגט אים דאָס שטארק פארדריסן און אויפן געדאנק פלעגט אים ארויפקומען דער פאקט אַז ער דארף קאָרמענען א ווייב מיט

קינדער און עס קען נאָך זיין אַז בשתיקה שטיצט זיין ווייב אונטער, איר מוטער, זיין שוויגער.

אָט די דאגה אַז זיין ווייב גיט וואָס ניט איז צו זיין שוויגער לאָזט אים ניט רוען און ער קען דאדורך קיין נעכט ניט שלאָפן.

דעריבער, ווי ער זעצט זיך אוועק צום טיש עסן הויבט ער אָן צו קרעכצן און זאָגן די ווייב אַז די קינדער זאָלן הארכן: „עס איז שלעכט ביילע, ביטער, איך האָב היינט ניט פאַרדינט אפילו אויף די וואסער מיט וואָס דו האָסט געקאָכט דעם עסן". און נעמט דערלאַנגען זיפצעס איינע נאָך די אנדערע.

די ווייב ביילע, ווערט אלערליי קאָלירן, גראָדע האָט זי געהערט אַז ביי מאדאם יעטע טאַנץ, איז אריינגעקומען נייע קליידער, די לעצטע מאָדע, און זי האָט געדיינקט אים צו כאַפּן ביי אַ גוטע לוינע און בעטן ער זאָל איר ערלויבן גיין זיך אויסקלייבן אַ קלייד.

די טעכטער האָט זיין זיפצן אויך ניט צוגעגעבן קיין סך געזונט, ווילע איינע האָט זיך געקליבן אים צו בעטן געלט אויף אַ מאנטל און די צווייטע האָט זיך שטארק גענויטיקט אין אַ פּאָר שיך.

דער זון איז גאָר געווען צוטומעלט, ווילע ער האָט געדאַרפט מאָרגן אָוונט ארויסנעמען זיין „מיידל פריינדין" די געוויסע זינגערין פון לאַקשענ־שפּרוטער קלוב וועלכע איז געקומען אין פארפעלטאַן אויף עטלעכע וואָכן אורלויב. זי, די מיידל־פריינדין איז איינגעוויינט, אַז ווען דער „קאַוואַליער" נעמט איר ארויס, דאַרף ער איר געבן „אַ גוד טיים" און דאָס קאָסט אַ פּאָר פונט, האָט דער זון געדיינקט, אַז ער וועט דעם טאַטן היינט אָווענט ארויפציען אויף אַ געשפּרעך וועגן ספּאָרט און וועט אים געבן אַ קאָמפּלימענט אַז ער איז „אַ ספּאָרט" וועט אים אפשר געלינגען צו קריגן די געלט וואָס ער נויטיקט זיך. אפילו אויב ער וועט אים געבן מיט אַ קרעכץ, נאָר ער זאָל אים געבן.

אָבער הערענדיק דעם פּאָטערס ווערטער האָט ער פארשטאַנען, אַז יעצט קען ער מיט אים קיין זאַך ניט ריידן. מיט שווערע געמיטן און באַטריבטע הערצער האָבן זיי געגעסן שווייגענדיק די פּאָר ביסן, מיט אַ מאָל האָט זיך שעפּשל דבר־אחר דערמאָנט, אַז היינט גראָדע איז אים געלונגען אָנצופייפן זיין לאַנדסמאַן מאָטקע קלאַפּער און האָט אים פארקויפט אַ היפּש ביסל סחורה, וועלכע האָט פארזוכט ים וואסער, און וועלכע ער האָט געמיינט

אז ער וועט קיינמאָל דערפון ניט פּטור ווערן, ווײַלע זיי האָבן שוין אָנגעהויבן שימלען און צו פוילן.

באַטראַכטענדיק אַז ניט נאָר ער איז לויז געוואָרן פון אַ פּגר און גוטפּאַרדינט דערצו, נאָר ער האָט אָפּגענאַרט זיין לאַנדסמאַן וועמען ער האָט קיין מאָל ניט געגליכן, ווײַלע יענער איז געווען באַוואוסט אַלס דער גרעסטער הולטאַי פון פאַרפעלטאַן, מאָטקע קלאַפּער פלעגט געבן גרויסע נדבות אויף אַלץ וואָס מען האָט אים געבעטן, אים האָט ניט אויסגעמאַכט צו מען בעט אים אויף אַ שול אָדער פאַר אַ קירך להבדיל. ער האָט גלייך געכאַפּט דעם צעק בוך און געשריבן זיין היפּשע נדבה, מאָטקע איז געווען דער אמתר ספּאָרטסמאַן, ער האָט געהאַט אַ פּאָר אייגענע פערד וועלכע פלעגן לויפן אויף רייסעס, היינט מאָטקעס שפּילן אין קאָרטן איז געווען די הויפּט נייעס פון פאַרפעלטאַנער געשפּרעכן, ווייסטו וויפיל מאָטקע האָט פאַרלאָרן נעכטן? אָדער ווייסטו וויפיל מאָטקע האָט געמאַכט זונטאָג אין „בלאָף“? מאָטקע איז געווען אַ ריכטיקער „ספּאָרטסמאַן“.

אָט אַזוינע רייד וועגן מאָטקען האָט אים, מיסטער סיימאַן צעבון, דער גרויסער קויפמאַן ניט געקענט פאַרטראָגן און אַז איצט איז אים געלונגען מאָטקען אָנצולערנען בלק, איז אים געוואָרן אַזוי לייכט אויף די נשמה, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן, „חברה, זאָל זיין געלעבט“. מען לעבט דאָך נאָר איינמאָל אויף דער וועלט, מיין ווייב דו קענסט דאָך טאָן מיט אַ 25, נאַ דיר גלייך די מזומן, קעש. מיין טאָכטער, דו ווילסט געווים אַ צענעריל, טאָ נעם צוויי „פּיוועריס“, און דו מיין זון, קדיש איינער וועסט געווים ניט ארויסוואַרפן אַ פּיוועריס טאָ נעם עס צו גיך, איידער איך האָב חרטה, און צו מיין מוזינקע, דיר וועט אויך צוניץ קומען אַ פּיוועריס, דו וועסט בעסער ווייסן ווי עס צו האַלטן ווען דו וועסט עס אליין האָבן, נעם עס צו פון מיר.

די משפּחה איז געוואָרן איבעראַשט, ערשטוינט, פאַרוואונדערט, די ווייב האָט געוואָלט גלייך צוגיין צום טעלעפאָן און אָפּרופן דאָקטאָר מאַקס פייגענבלאַט, ער זאָל קומען באַזיכטיקן איר מאַן און זען אויב ער איז חלילה ניט אַראָפּ פון זינען. איין קלייניקייט, נעמען 45 פונט מיט אַ מאָל און דערלאַנגען סתם אין דער וועלט אַריין, אָנע קולות, געשרייען, לאַרעם און טומעל. אָט האָט זי מאַנאַטן געדאַרפט זיך אַרום רייסן ביז זי האָט געפּועלט אַז ער זאָל ערלויבן אָננעמען אַ שיקסע אין הויז פאַר צוויי פונט אַ מאַנאַט, ווײַלע זי קען שוין אליין מער ניט אַרבייטן, וויפיל געזונט און בזיונות

איר האָט דאָס געקאָסט און דאָ נעמט ער און דערלאַנגט 45 פונט מיט אַ מאָל ניט אַנדערש ער מוז זיין חסר דעה, משוגע.

אָבער די 5 „פּיוועדס״ אין האַנט האָט איר דערמאָנט אַז זי קען גיין זיך קליבן די קלייד וואָס זי וויל, דער געדאַנק האָט איר אָפּגעהאַלטן פון טעלעפאָנירן דאָקטאָר פייגענבלאַט און זי איז בעסער צוגעגאַנגען צום מאַן, דערלאַנגט אים אַ היציקן קוש, און באַדאַנקט און געזאָגט „אָט אַזוי אַז דו ווערסט אַ מענטש מיט לייטן גלייך, האָב איך דיר טאַקע ליב״.

די קינדער האָבן נאָכגעפאָלגט איר ביישפּיל און האָבן דעם טאַטן געקלאַפּט אין פּלייצע און געשריען אַז ער איז אַ „ספּאָרט״, וואָס דאָס איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט אין דער וועלט.

דעם גאַנצן אָוונט איז ער געווען אויפגעלייגט, גערעדט, געלאַכט, געכאַפּט אַ ביסל אונטערשטיפּן, זיך אונטערגעזונגען, דערמאָנט פאַרשידענע וויצן און דערציילט אַנעקדאָטן וואָס ער הערט זיך אָן פון פאַרשידענע „טראַוו־לערס״ ביז ער איז געוואָרן מיד און געגאַנגען שלאָפן.

גייענדיק צום שלאָפצימער האָט ער ארויסגענומען זיין מויל פאַלשע ציינער און האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אין קיך. די שוואַרצע דינסטמיידל וועלכע איז אַקאַרשט אָנגעקומען ארבייטן פון איר קראַל האָט ראַמענדיק די קיך דערזען די ציינער, האָט זי אינגאַנצן ניט געוואוסט וואָס דאָס איז און האָט אַוועקגעלייגט אין בלומענטאָפּ וועלכע איז געשטאַנען אויפן פענסטער פון קיך און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם.

אינמיטן דער נאַכט מיסטער צעבון כאַפּט זיך אויף, אים האָט זיך געחלומט וועגן ציינער, האָט ער גענומען זוכן זיינע ציינער, ער זעט אַז עס ליגט ניט אויף דעם אָרט וואו ער פלעגט עס אַלעמאָל האַלטן אויף אַ קליינעם טישל לעבן זיין בעט.

ער האָט זיך דערשראָקן, עפּעס שטיקט אים אין האַלז און די בויך טוט אים וויי, קען דאָס זיין אַז ער זאָל האָבן אַראָפּגעשלונגען זיינע פאַלשע ציינער?

אים איז געוואָרן קאַלט אין אַלע זיינע איברים, ער האָט גלייך אויפגעוועקט זיין פרוי און גענומען זאָגן מיט אַ ציטעריגע שטימע, ביילע איך האָב אַראָפּגעשלונגען מיינע ציינער און מיר טוט וויי אין האַלז און אין בויך. די ווייב ביילע איז אויפגעשטאַנען ניט טויט און ניט לעבעדיק און איז גלייך צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און גענומען רינגען דאָקטאָר פייגענבלאַט, ער זאָל גלייך קומען.

דאָקטאָר פייגענבלאַט איז גראַדע געווען פּאַרנומען אין שפּילן אַ קערטל מיט אַ פּאָר פון זיינע גוטע פריינט. ער איז זיך געמיטלעך צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, זיך גוט אויסגעהוסט און מיט אַ שלאָפעדיקע שטימע געפרעגט ווער רעדט דאָס?

מאַדאַם צעבון האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און זי האָט געחלשט האַלטענדיק די טרובקע פון טעלעפאָן אין האַנט.

מיסטער צעבון איז אַליין צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, מיט איין האַנט האָט ער געמינטערט זיין ווייב און מיט די צווייטע האָט ער אָנגעכאַפּט די טרובקע און גענומען שרייען, דאָקטאָר מיין ווייב האָט געחלשט, ווי ג׳ איז אייך ליב, קומט גלייך אהער אריבער, איך בין אין גרויס סכנה, איך האָב אַראָפּגעשלונגען מיינע פאַלשע ציינער און איך ווערג זיך. געוואַלט, דאָקטאָר, פריער ג׳ נאָכהער איר, ראַטעוועט!

דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט גוט געקענט מיסטער סיימאַן צעבון. ער האָט געוואוסט אַז ער איז זייער קאַרג, אָבער ער האָט אויך געוואוסט אַז מיסטער סיימאַן צעבון איז איינער פון די גרויסע גבירים אין פאַרפעלטאָן און זיין כלל איז געווען „בעסער אונטער צען שלעסער איידער אונטער איין דלות". ער וועט בעסער גיין, פאָרן, לויפן צו אַ קאַרגן גביר, איידער זיין פאַרנומען מיט אַן אָרימאַן. אָבער זייענדיק אַ פּראַקטישער מענטש האָט דאָקטאָר פייגענבלאַט געוואוסט, אַז אויב אַ דאָקטאָר וויל קריגן אַ נאָמען און די פּאַציענטן זאָלן אים אַכטן, רעספּעקטירן, דאַן דאַרף ער זיך ניט איילן ווען אימיצער רופט אים צו אַ חולה, ער קען זאָגן אַז ער קומט גלייך אָבער קומען דאַרף ער עטליכע שעה שפּעטער.

ווײַלע, זיינע פּאַציענטן דאַרפן פאַרשטיין דאָס ער איז אַ פאַרנומענער מענטש, וועמען אַלע דאַרפן און יעדער וויל נאָר, אַז ער אַליין פּערזענלעך זאָל אים אָדער איר באַהאַנדלען און ווילן ניט וויסן ווען ער זאָגט זיי אַ מאָל דורכן טעלעפאָן אַז ער האָט אַ פּאָר וויכטיקע, ערנסטע פּאַציענטן, וועלכע ער טאָר ניט אָוועקלאָזן און ער וועט בעסער שיקן זיין שותף דאָקטאָר גבריאל לעמפּעל, וועלכער איז זיין געהילף.

אגב, ווייס דאָקטאָר פייגענבלאַט אַז אויב איינער פון זיינע פּאַציענטן וועט פאַרלירן זיין געדולד און רופן אַן אַנדער דאָקטאָר אַרט אים אויך ניט. ער וועט שוין זיין חלק קריגן פון יענעם דאָקטאָר, ווײַלע ער וועט זאָגן אַז דער איז זיין פּאַציענט צו וועמען ער איז געלאָפן גלייך ווי מען האָט אים

טעלעפאָנירט נאָר מעשה שטן האָט זיך זיין קאר אים געגומען געבן „טראָבל" און דעריבער איז ער געקומען א פּאָר שעה שפּעטער, אָדער ער האָט געמוזט צום ערשטן דורכגיין זיין „ראונד" באזוכן זיינע פּאציענטן נאָך די וויכטיקייט פון זייער געזונט צושטאנד, דערפאר האָט ער ניט געקענט קומען פריער, ווי עס זאָל ניט זיין וואָס פאר א תירץ ער וועט ניט זאָגן ווייס ער, אז דער אנדער דאָקטאָר וועט עס אָננעמען פאר גוט געלט און ער וועט קריגן זיין חלק.

מיסטער צעבון האָט דערווייל געוואָרפן אין היץ און קעלט. ער האָט מורא געהאט צו טעלעפאָנירן א צווייטן דאָקטאָר, טאָמער קומט גלייך דאָקטאָר פייגענבלאט און ער וועט דארפן צאָלן צוויי דאָקטוירים, דיזע דאגה אליין האָט פארשטארקט זיין היץ און פארגרעסערט זיין נערוויזיטעט ביז ג' האָט רחמנות געהאט און ארום האלבן טאָג איז זיך צוגעפאָרן דאָקטאָר פייגענבלאט מיט זיין פּעקל אינסטרומענטן.

דערווייל האָט מאדאם צעבון נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעמינטערט פון אירע חלשות גענומען צו דער ארבייט ראטעווען איר מאן. זי האָט אים ארייגעלייגט אין בעט, וואָרעם איינגעדעקט, צוגעלייגט צום קאָפּ א נאסע טיכל אויסגעווייגט אין זאַלץ־וואסער און ביי יעדער הוסט וואָס מיסטער סיימאן צעבון האָט געגעבן איז איר אָפּגעפאלן א שטיקל געזונט, ווייל זי האָט געמיינט אז ער ווערט דערוואָרגן.

העלאו, וואָס מאכט איר? איז ארײן דאָקטאָר פייגענבלאט אויפגעלייגט זיין פרייליך איז געווען זיין „פּאָליסי" זיין „גאנג" ווען ער פלעגט באזוכן א חולה מעג יענער זיין א גוסס, וועלכער הויכט שוין ארוים זיין נשמה, וועט אלץ דאָקטאָר פייגענבלאט האָבן א שמייכל אויפן פּנים, כדי צו בארואיקן דעם פּאציענט מיט זיינע קרובים.

ביי אים איז קיין קראנקהייט געווען געפערליך. ער פלעגט זאָגן „מען קען העלפן מיט ג' הילף, מיר וועלן אויסהיילן"!

דאָקטאָר פייגענבלאט האָט גלייך אלעמען ארויסגעשיקט פון מיסטער צעבונגס שלאָף צימער און האָט גענומען טאַפּן דעם דופק ביי דעם חולה, אויסגעהערט זיין הארץ און דאן זיך גענומען פונאנדערנעמען זיין פּעקל און זיך פונאנדערלייגן מיט זיינע אינסטרומענטן, גלאנצנדיקע, ווייסע, אז עס האָט פארבליצט די אויגן און האָט ביי דעם חולה ארויסגערופן א געפיל פון גרוים דרך ארץ און זיכערהייט.

דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט מיסטער צעבון געטאַפּט, געקוועצט, ארום־געזוכט. מיט זיין עלעקטרישע לעמפּעלע אים טיף אריינגעקוקט אין מויל אריין, געהייסן אים הוסטן, קרעכצן, איינציען דעם אטעם, אָנבלאָזן די באַקן, זיך אויסציען, איינבויגן, אויסגלייכן זיך, מאַכן פארשידענע תנועות און גימנאַסטישע איבונגען, אָבער ניט קוקנדיג אויף זיינע צוויי שעה שווערע ארבייט, וואו ער האָט געהאָרעוועט און געשוויצט צוזאַמען מיטן חולה, איז דאָך אים ניט געלונגען צו געפינען די פאַלשע ציינער.

די איינציקע זאַך, האָט דאָקטאָר פייגענבלאַט געזאָגט, איז אַז מען וועט דאַרפן אונטערזוכן מיט אַן „עקס־ריי", דער אַפּאַראַט פון „עקס־ריי" וועט שוין באַשטימט אָנווייזן דעם ריכטיקן אָרט וואו די ציינער ליגן.

מיסטער צעבון איז געוואָרן אַ פּאַרציטערטער און פאַרצאַפּעלטער, הערנדיק דעם וואָרט „עקס־ריי" דאָס קען דאָך אים חלילה אריינקאָסטן מי יודע וואָס אפשר אַ גאַנצער פופציקער, און אַ מאָל נאָך מיט אַ שמיציג מערער, ניין, די ציינער זיינען דאָס אַזוי פיל ניט ווערט, מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן אַז מיסטער סיימאָן צעבון ניט קוקנדיק וואָס ער איז געוועזן אַ רייכער מאַן און געפירט אַ גרויס געשעפט אין די צענדליקע טויזנטע פונטן איז אָבער אליין געווען אַ פּראָסטע זאַך, האָט קוים מיט צרות געקענט אונטערשרייבן „ס. צעבון", די זעקס בוכשטאַבן און דאָס פלעגט אויך ארויסשלאָגן אים אַ שווייס אויפן שטערן. איך וועל זיך ניט לאָזן פאַרדרייען די קאָפּ האָט ער געזאָגט דעם דאָקטאָר איך האָב אַ גוטן באַקאַנטן „אַ דענטאַל מעקאַניק" וועלכער וועט מיר מאַכן אַן אַנדער „סעט" פאַלשע ציינער פאַר זיבן אָדער אַכט פונט און עס וועט זיין נאָך בעסער ווי דעם, וואָס איך האָב אַראָפּגעשלונגען.

אָבער האָט דאָקטאָר פייגענבלאַט אים גענומען ערקלערן דאָ רעדט זיך ניט וועגן דעם סעט פאַלשע ציינער אליין, ווי באַלד איר האָט זיי אַראָפּגע־שלונגען קענען זיי אייך געבן אַ סך צרות, עס קען נעמען וואַקסן אַ געוואוקס אין בויך, עס קען נעמען ווערן געשוואָלן דער מאָגן, עס קען זיך חלילה ענטוויקלען אַ קאַנסער, ווער ווייסט וואָס אַזוינע ציינער קענען אָנמאַכן אין אייער קערפּער.

טאָ וואָס זאָל איך טאָן? איז ווידער מיסטער צעבון געוואָרן אומרואיק, דאָקטאָר, העלפט, גיט אַן עצה, פריער ג' נאַכהער איר! איר זעט דאָך אַז עס ברענט אַ פייער, ראַטעוועט מיר, האָט רחמנות!

וועל, האָט דאָקטאָר פייגענבלאַט א צי געטאָן מיט זיינע פּלייצעס, מיר וועלן מוזן נעמען אן „עקס־ריי” רופן א ספּעציאַליסט, א מאָל וועט מען קענען די ציינער ארויסנעמען מיט א לייכטע אפּעראַציע.

וואָס אן אפּעראַציע ! שניידן די בויך, פּאַצקענען מיינע גידערם? ליגן אונטערן מעסער מיט כלאָראָפאָרם, האָט אַ פּאַרציטערטער און אויפגערעג־טער אויסגערופן מיסטער צעבון דאָס וועל איך כל זמן איך לעב ניט צולאָזן, איך קען ברוך השם אויספירן און מעג זיך פּאַרגינען צו מאַכן זיך אַ נייעם סעט ציינער. איר דאָקטאָר פייגענבלאַט דאַרפט מיר נאָר געבן אַזעלכע מעדעצין אז די ציינער וועלכע איך האָב אראָפּגעשלונגען זאָלן ארויסגיין אָהנע יסורים אָבער ניט מאַכן קיינע אפּאַראַציעס, פּעה, איך וויל פון דעם ניט הערן און ניט וויסן.

דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט גלייך ווי ער האָט אים באַזיכטיגט פּאַר־שטאַנען אַז דאָ מוז זיין אַ גרויסער טעות, ער איז געווען זיכער אז מיסטער צעבון האָט זיך געחלומט אז ער האָט זיינע ציינער אראָפּגעשלונגען אלזאָ האָט ער אים גענומען באַרואיקן און זאָגן אז די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט איצט אזוי פיל פּראָגרעסירט אַז זיי האָבן אויסגעפונען אזוינע פּילן, וועלכע קענען די האַרטסטע זאַך אין מענטשלעכן מאָגן מאַכן ווייך אָדער אויב מען דאַרף גאָר צו שמעלצן, אָדער פּאַרקערט פּאַרברייטערן די קישקעס אז די האַרטע זאַך זאָל זיך לייכט ארויסגליטשן אומבאמערקט אז דער חולה זאָל גאָר ניט פילן קיין שום ווייטאָק.

ער מיסטער צעבון זאָל זיך ניט זאָרגן וועגן די ציינער, ווײַלע דאָקטאָר פייגענבלאַט וויים שוין איצט וואָס ער האָט צו טאָן ער וועט פון אים די ציינער ארויסטרייבן.

אריינגייענדיק אין קיך אָפּוואַשן זיך די הענט האָט דאָקטאָר פייגענבלאַט גראַדע באַמערקט דעם סעט ציינער שטעקנדיק אין בלומענטאָפּ, האָסטיק האָט ער עס א כאַפּ געטאָן און אריינגעלייגט ביי זיך אין קעשענע זיך גוט ארומקוקנדיק אויב אימיצער האָט אים געזען עס טוענדיק.

איבערצייגנדיק זיך אז קיינער האָט אים ניט באַמערקט איז ער אריין צוריק צום קראַנקן אין שלאָף צימער.

אונטער די צייט ווען דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט זיך געוואַשן די הענט אין קיך, האָט מיסטער סיימאָן צעבון באַמערקט אַז איין פּוס זיינע איז עטוואָס דיקער ווי די אנדערע, דאָס האָט אים אין גאַנצן צוטומלט און גענומען רופן די ווייב אז זי זאָל וואָס גיכער ברייגנען צוריק דאָקטאָר

פייגענבלאַט. און ווי ער האָט דערזען דעם דאָקטאָר האָט ער אים גענומען פרעגן אפשר האָבן די צייגער גענומען וואַנדערן און בלאַנדזשענען ארום ביי אים אין קערפּער. דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט לאַנג באַקוקט זיין פּנים און מיט אַ ערנסטן פּנים א זאָג געטאָן, מיסטער צעבון איר מוזט זיך פאַר־לאָזן אויף מיר, איך קען אייך די צייגער ארויסנעמען און אייך דערלאַנגען אין אייערע הענט אין א האַלב שעה צייט, וואָס איר דאַרפט איצט טאָן איז ארויסקריכן פון בעט, זיך אָנטאָן און מיטפאָרן מיט מיר אהיים אין מיין קאַר, דאָרטן אין מיין קאַבינעט האָב איך אַלע נויטיקע מכשירים און מעדיצין, איר וועט אפילו ניט פילן דעם שניט וואָס איך וועל אייך מאַכן אין פּוס, עס וועט זיך אין פּאָר טעג פאַרהיילן און איר וועט אפילו קיין סימן ניט האָבן אז איך האָב אייך וואָס געטאָן. איר וועט זיין פריש און געזונט ווי געווען, אָבער דאָס וועט אייך קאָסטן א גאַנצע מאה א הונדערטער, ניט ווייניקער, זייט א ספּאָרט און נעמט דעם צאַנז וואָס איך גיב אייך.

זעט איר דאָקטאָר אויב אזוי בין איך א ספּאָרט און וועל אייך געבן די געלד וואָס איר פאַרלאַנגט הגם מיר קריינקט געגנוג די האַרץ. נאָר מיט צוויי באַדינגונגען, אז איך מוז האָבן אין האַנט מיין סעט ציינער צוריק וואָס איר וועט ארויסנעמען ניט געשעדיקט, און מיר זאָל די בויך ניט ווי טאָן ארויסנעמענדיק זזיי.

דאָקטאָר פייגענבלאַט האָט געהאָלפן מיסטער צעבון פאַרזיכטיק אריינ־צוקריכן אין זיין אויטאָמאָביל און האָט אים גענומען צו זיך אהיים אין זיין קאַבינעט, „קאָנסאַלטינג רום", וואו ער האָט אים געגעבן א ביסל „גאַז" לייכט פאַרשלעפערט, געמאַכט א קליינעם איינשניט אויפן פּוס, און אין אַ שעה שפּעטער ווען מיסטער צעבון האָט זיך גוט אויסגעצוכעט און געעפנט ברייט די אויגן האָט ער דערזען אויף א טעלערל ליגנדיק זיין אייגענער סעט פאַלשע ציינער, וועלכער דער דאָקטאָר האָט אים פון פּוס ארויסגענומען.

זיין שמחה איז געווען אומבאַגרעניצט. דאָקטאָר, איר זייט „אמאַלאַ־דעץ" א העלד, איך פיל זיך איצט אַן אנדער מענטש, איך וואָלט זיך געפילט נאָך בעסער אויב ניט דער געדאַנק אז איך דאַרף אייך געבן א גאַנצן הונ־דערטער, אָבער פאַרפאַלן, איך בין אַ ספּאָרט און איר האָט עס ערליך פאַרדינט. איך וועל אַלעמען דערציילן אז איר זייט דער בעסטער דאָקטאָר א מומחה, א ספּעציאַליסט, א פּראָפעסאָר. א דאַנק, איך וועל זיך אַליין צו שפּאַצירן אהיים איך פיל זיך איצט ווי ניי געבאָרן, א גוטן טאָג, דאָקטאָר.
מאָרגן פרי וועט איר האָבן מיין צעק מיט טויזנטער דאַנקען.

צוועלפטער קאפיטעל.

שמעריל שלים־מזל

א וועלט איז ניט משוגע, אויב זיי גיבן וועמען ניט איז א נאָמען, קען מען אפילו פרעגן, קווינקלען נאָכדיינקען צו זיי זיינען גערעכט אָבער אין תוך גענומען געפינט מען אוים אז קול המון כקול שדי די שטימע פון פאָלק איז א געטליכע שטימע.

מיסטער עדווארד לוקמאן האָט זייער פראָטעסטירט ווען לאנדסלייט פלעגן אים דערמאָנען אז אין דער היים האָט מען אים גערופן „שמעריל שלים־מזל” דאכט זיך אז ער איז א מאן אויף זיין פלאץ, ער האָט יעצט א פיינעם געשעפט, פארנעמט א בכבודיגן פלאץ צווישן די „הערי חושך לימיטעד” דאָס איז אזא סינדיקייט פון עטליכע קליינע שפעקולאנטען וועלכע האָבן זיך פארנומען און פארמאָסטן צו מאכן א מטבעה פון אלעם וואָס עס קומט אריין אין האנט. אויב עס מאכט זיך צו קויפן צובראָכענע העקלעך, צופוילטע גומיע, צושפאָלטענע מעבעל, צופרעסענע מאטעריאל אָדער נאסע קאליקאָ, וועלן זיי דאָס אָפקויפן און מאכן גוטע פארדינסטן ווען זיי וועלן עס משנה השם זיי איבערארבייטן ווען עס לאָזט זיך און פארקויפן פאר אימפאָרטירטע סחורה וועלכע איז ערשט אָנגעקומען פון ארגענטינע אָדער בראזיליען.

דערצו איז ער דאָך א גרויסער געלערנטער, זיין שווער זאָגט, ער איז א בויך האלטער. ער זאָגט דאָס ער פארשטייט דעם קונץ פון בוכהאלטעריי, א שיינע ריינע כשרע פראָפעסיע פאר וועלכע די „הערי חושן לימיטעד” האָט גרויסע אבשיי, עס האָט זיי שוין ניט איינמאָל געהאָלפן מיט ויינע עצות ווען מען האָט געדארפט זיך ארויסדרייען פון א „שפיצעל” וואָס האָט געשמעקט מיט חד גדיא, ווער רעדט שוין אז ער איז געוואָרן א מעמבער פון די קאָמיטע פון אנשי בית חיים שול דאן האָט זיין גדולה דערגרייכט דעם העכסטן שטופעל פון זיין אמביציע, וואָס מיינט איר עפעס א קלייניקייט זיצן מיט לעקיש פאבריקאנט ביי איין טיש און זאָגן א דעה יחיאל קנאקער,

אָדער אַ קרים טאָן איבער גרונם פּחדן, אָדער הייסן ר' זרח האפּער אַפּליינן זיין מעשה מיטן מדרש אויף דעם קומענדיקן זיצונג פון קאָמיטע, הכלל ער האָט זיך געפּילט ווי אַ דן יחידי, ווי אַ ציג אין באַטווינע.

אַז די מלחמה האָט ארויסגעבראָכן האָט מען דאָך געדארפט האָבן גלייך פּריוווילינע, האָט אונזער מיסטער עדוואַרד לוקמאַן געזאָגט, אַז גיין אויפן פראָנט איז ער ניט קיין בעלן, דאָרטן קען מען דאָך ניט זיין קיין סוחר און אַ קאָבעלעפּעל. אָבער מען מוז דאָך דאָרט עטוואָס טאָן פאר די מדינה, האָט ער באַשלאָסן זיך צו פארשרייבן צווישן די „שומרי החומות" די „סיוויל גארדס" דאָס וועט ער קענען ווען ער האָט צייט ארויסגיין אויף אַ פּאָר שעה און דורכשפּאצירן זיך מיט אַ פּאָר גוטע באַקאַנטע און קומען אַ היים און מאכן אַ קערטעל ווי אין פּסוק שטייט זה נהנה וזה לא חסר, ער איז אַ פּאטריאָט און טוט זיין חוב אָבער אין דער זעלבער צייט איז זיין נשמה ניט קיין ראַזינקע און קאָן אויך געניסן עטוואָס פון עולם הזה.

ווי מען האָט דערלויבט, אַז די „שומרי החומות" זאָלן טראָגן שיינע מונדירן איז ער אוועק און זיך באַשטעלט אַ מונדיר, וועלכע דער שניידער ר' יונה חיט האָט געזאָגט, אַז מענטשן וועלן זאָגן „קליידער מאכן לייט", עס איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן פּונקט ווי ער וואָלט אין אים געבאָרן געוואָרן און צוזאמען געוואַקסען.

ער האָט אזוי שטאָלצירט מיטן מונדיר אַז ער האָט דאָס געהאַלטן פאר זיין גרעסטן צירינג און וואו נאָר ער איז געגאַנגען האָט ער אויף זיך געהאַט דעם מונדיר, ווײַלע ביינאכט האָט קיינער ניט געוואוסט צו ער איז אַ גענעראל אָדער אדמיראל אָבער אַ יאַטיבעדאַם האָט יעדער פארשטאַנען אַז ער מוז עס זיין. זאגאר אין שול אויף אַ זיצונג פון קאָמיטע פלעגט ער קומען אין זיין מונדיר, דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן.

ווי זאָגט מיין באָבע, דער רבש"ע איז אַ גרויסער צו להכעיסניק און עס האָט זיך געמאכט אַז די רעגירונג האָט פונאַנדער געלאָזן די שומרי החומות און האָט אָפיציעל זיי פארבאָטן מערער ניט צו גיין אין יוניפאָרם. איר קענט זיך פאָרשטעלן די קלעם און פארדרוס, הארצווייטאָק פון מיסטער עדוואַרד לוקמאַן, אַז ער האָט געדאַרפט זיין שפּאָגל נייען מונדיר, זיין שטאָלץ ארײַנשטעלן אין שאפע און באַשיטן מיט נאַפטאַלין ווי זיין ווייב גיטעל־רייזעל האָט געהייסן.

טרערן זיינען אים געשטאנענען אין די אויגן ווען די ווייב האָט מיט באהאלטענעם פרייד גענומען איינשיטן דעם מונדיר, אפשר האָט זי געטראכט וועט ער מערער זיצן אַ היים און ניט זאָגן אַז זיינע פליכטן פאָדערן אים צו קומען אַ היים פארטאָג.

דאָס האָט אים דערמאָנט אַז די געהיימע פעדים פון שמעריל שלים־מזל זיינען נאָך ניט אינגאנצן איבערגעריסן געוואָרן.

די השגחה עליונה האָט אָבער באשלאָסן אַז איין דמז איז ניט גענוג און האָט פאר אים ווייטער צוגעגרייט אַ נייעם ענטווישונג.

עס איז געקומען דער פרייליכער סכת, וועלכער איז דעם יאָר גראָדע אויסגעפאלן צוזאמען מיט דעם ניט אידישן יום טוב. דאן האָבענדיק צייט און אַ פיינעם גוטן חזן האָט זיך דער עולם גענומען צוזאמענקלייבן אין שול. דאָ האָט עדווארד לוקמאן דערזען אַז ער האָט אַ געלעגנהייט ארויס־צווייזן זיין אויטאָריטעט פארן גאנצן עולם.

אזוי ווי די שול איז נעבעך געשטראָפט מיט די „מכה אשר לא כתובה בתורה״ און דאָס מאכט רש״י די מכה פון סעקרעטאר, דאָס הייסט אַז אַ סעקרעטאר קען זיך אין שול ניט האלטן לייגנער ווי עטליכע מאָנאטן אָדער וואָכן, אַ מאָל נאָר עטליכע טעג. ווי דער סעקרעטאר באזוכט עטליכע זיצונגען פון קאָמיטע און ער דערהערט דעם מיינונג וואָס די עקזעקוטיוו האָט פון די מעמבערס, און די מעמבערס פון קאָמיטע דיינקען פון עקזעקוטיוו, און אויסהערענדיק די גלענצנדע רעדעס פון יחיאל קנאקער מיט ר׳ זרח כאפערס מדרש ווערט אים ניט גוט און אנטלויפט וואו פעפער וואקסט און פארזאָגט אַ צענטן אַז א גוטער איד זאָל ניט זיין קיין סעקרעטאר אין אַ קאָמיטע וואו דער חוט המשולש פון יחיאל קנאקער, ר׳ זרח כאפער און איצעלע באראבאן זיינען. מיטגלידער, איך האָב דאָ דערמאָנט איצעלע באראבאן, ער איז גאָר אַן אנדער כאראקטער וועלכער נויטיקט זיך אין אַ באזונדערן קאפיטאל אים פאָרצושטעלן פאר מיינע לעזער. האָט זיך גראָדע געמאכט אַז דעם זומער איז אויך דער סעקרעטאר אוועק ווי זיינע פריערדיקע חברים. דאן איז ר׳ גרונם פחדן געוואָרן איינג אין מח, ווי טוט מען, מען וועט אויפרופן מעמבערס, זיי געבן פעטע עליות, און זיי וועלן געווים מנדר זיין היבשע נדבות אויפן שול און קיינער וועט ניט וויסן און גדיינקען וויפיל דער אָדער יענער האָט מנדר געווען. דאן האָט ער אַ וואונק געגעבן צו ר׳ זרח כאפער און יענער איז גלייך צוגעגאנגען צו מיסטער עדווארד לוקמאן

און אים געבעטן אזוי גוט זיין ארויף צו גיין אויפן בימה און אכטונג געבן און גערדיינקען ווער עס האָט מנדר געווען.

מיסטער עדוואַרד לוקמאַן האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. אַ קלייניקייט, אַן עדה פון דריי אָדער פיר הונדערט אידן וועלן זען ווי ער שטייט אויפן בימה מיטן גבאי צוזאַמען און העלפט אויסטיילן עליות. ניט אַלע טאָג מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט. דערווייל האָט ער זיך באַטראַכט ער איז אַ ביסל צופיל באַרוישט פון כבוד, ער קען זיך אויף זיין זכרון ניט פאַרלאָזן, וואָס טוט ער אז ער וועט ניט גערדיינקען וויפיל חיים ברוך אָדער זרח געצעל האָט מנדר געווען, אַלזאָ אַ איד אַ סוחר גיט זיך אַן עצה, האָט אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, ער שטייט דאָך נעבן די ספרי תורה, און האָט ארויסגענומען זיין בלייפעדער און פאַרצייכענט יעדע עליה ווי עס דאַרף צו זיין.

קיינער טראַכט ער, וועט אים דאָך ניט זען דאָס טוענדיק, דער טלית איבערן קאָפּ פאַרשטעלט אים. דער שמש האָט יאָ אַ ביסל געקוקט פאַרוואונדערט אָבער פאַרן שמש דאַרף ער דאָך ניט האָבן קיין מורא, ער ווייס אַז עדוואַרד לוקמאַן איז אַ מעמבער פון קאָמיטע וועט ער זיין מויל ניט שפּאַלטן.

אויב ער וועט יאָ ריידן וועט דאָך קיינער ניט גלויבן אַז אַ מעמבער פון קאָמיטע זאָל אין אַ פרומע שול שרייבן אום יום טוב אויפן בימה בשעת קריאת התורה.

דער דריטער אינצידענט האָט לאַנג ניט געדויערט נאָכצופאָלגען די פּריערדיקע און אים דערמאָנען אַז דער שלים־מזל האָט נאָך מיט אים זיין שותּפות ניט אָפּגעבראָכן.

דאָס האָט פּאַסירט אין אַ פּשוטן מיטוואָך, די קאָמיטע פון שול ניט האָבענדיק קיין סעקרעטאַר האָט איינגעזען אַז „במקום שאין איש" מעגמען נעמען אַ מיידל און איר מאַכן צייטווייליג פאַרן סעקרעטאַר און ווערזאָל איר איינווייזן אויב ניט מיסטער עדוואַרד לוקמאַן, דער עקספּערט, דער קענער, אַלזאָ פּלעגט ער קומען יעדן טאָג אין דערפרי און ווייזן די מיידל וואָס מען דאַרף טאָן.

ויהי היום איין שיינעם פרימאָרגן מיטוואָך פרי, ווי פריער דערמאָנט, גייט זיך דער שמש צו זיין ארבייט און דערמאָנט זיך אַז ער דאַרף בעטן

די מיידל אין אָפּים אָנשרייבן אַ בריוו צו אַ מעמבער אים דערמאָנען אַז ער האָט יאָרצייט דעם און דעם טאָג.

ווי דער שטייגער איז דער שמש אַ גאַנץ איידעלער יונגער מאַן, גייט זיך פּאַמעלעך שטיל און זייענדיק אַ ביסל אַלטמאָדיש האָט ער פאַרגעסן אָנצוקלאַפּן אין טיר און עפענדיק אַזוי די טיר האָט ער דערזען ווי מיסטער עדוואַרד לוקמאַן פּרובירט אַרומנעמען די מיידל און געבן איר אַ קוש, אָבער די מיידל ווערענדיק אויפגערעגט פון אַזאַ חוצפּה האָט זיך ניט געלאָזן און דערלאַנגט פּעטש. דאָ האָט ער שוין איינגעזען אַז ר' גרונם פּחדן איז גערעכט, דער שמש טויג ניט, דער שמש דאַרף גיין.

וואָס פאַר אַ מיינונג מיסטער עדוואַרד לוקמאַן האָט געהאַט וועגן שמש איז ניט וויכטיק, מאַדאַם לוקמאַן האָט אָבער איר מיינונג וועגן איר מאַן אויסגעדריקט אין איר וואונדערבאַרע האַנט אַרבייט.

יעצט האָט ער זיך איבערצייגט אַז דער ניצוץ פון שמירל שלים־מזל האַלט זיך אין צופלאַקערן אין אַ גרויסן פלאַם.

דרייצענטער קאפיטעל.

די שווערע לאַגע פון העברעאישן לערער

נאָטיצן פון אַ רייזנדער

(זיך געדרוקט אין „דזשואיש העראלד" 11־טן יולי 1941)

היינט צו טאָג איז דער דרום אפריקאנער אידישער ישוב איינער פון די וויניקע אידישע געמיינדעס, וואָס לעבט נאָך פריי און פארהעלטניסמעסיק רואיק. פירנדע, שטאָלצע אידישע ישובים זיינען אראָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט, און אונזער אידישער ישוב טראָגט דעריבער אויף זיך אַ שווערע פאראנטוואָרטליכקייט. דער נייער אידישער דור מוז באקומען אַ געהעריקע מאָדערנע אידישע דערציאונג, דאָס קען בלויז דערגרייכט ווערן אויב די לאגע פון אידישן לערער זאָל ווי געהעריק פארבעסערט ווערן אין מאטעריעלן זין, און אזוי ארום וועט דער ערשטער שריט געמאכט ווערן צו דער אימפעראטיווער רעפאָרמע פון דער אידישער דערציאונג דאָ אין לאנד.

דער ארטיקל שילדערט די טרויעריקע לאגע פון העברעאישן לערער אין דרום אפריקע. אויב ביז איצט האָט מען עס נאָך טאלערירט, איז היינט די צייט אַ צו ערנסטע כדי עס זאָל אויך ווייטער אָנגיין ווי געוועזן. —

די אידישע עפנטליכקייט מוז זיך אריינמישן!

דער גורל פון אידישן לערער, איז קיינמאָל ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. אונטער אלע אומשטענדן האָט זיך בולט ארויסגעוויזן אז דער

העברעאישער לערער איז אזא מין באשעפעניש וואָס מען טאָלערירט אים בלויז, קיין גרויסע באדערפעניש אין אים איז אָבער ניט פאראן.

אפילו די אידישע עלטערן, וועלכע האָבן ערנסט געוואָלט געבן זייערע קינדער אַן עכטע אידישע דערציאונג האָבן זיך אויך באצויגן צום אידישן לערער, מיט אַ ביטול, פאראכטונג אָדער גלייכגילטיקייט; גאנץ אנדערש ווי צו דעם ניט אידישן לערער.

א לערערס גורל

די לערער לײַדן אממייסטן פון די האלב ציוויליזירטע, עם הארצדיקע „טשערמאנס" פון פיל קאָנגרעגיישנס, גרויסע אָדער קליינע, וואו עס ווערט געפירט „האָך" און קליין פּאָליטיק, פּליאָטקעס און נארישע אינטריגעס.

פּאסירט אז אַ העכסט געבילדעטער יונגערמאן פון ליטע צו פּוילן, אַ מושלם מיט סמיכה אויף רבנות קומט אָן אין אַ קליין שטעטל אלס אַ געהילף צום דאָרטיקן רעווערענד. דער אויבער־רעווערענד איז שוין אביסל פארענגלישט, האלט אַ דרשה אין ענגליש פאר אַ בר מצוה, אָדער האלט אַ „סערמאָן" פאר די „לײַדים און דזשענטעלמען" פון דער קאָנגרעגיישן. דערצו איז די פּרוי פון דעם „אויבער רעווערענד" אַ פולשטענדיקע „סאָסייטי לײַדי". דאָס הייסט זי שפּילט „ראמי" דריי מאָל אַ טאָג, מיט די אנדערע לײַדים פון דער קהלה. מען קען זיך שוין פארשטעלן אז דער „געהילף" זיינער, אַ שטיקל „גרינהארן" קען קיין האניג ניט לעקן, און זיין לעבן ווערט פארביטערט מיט אלערליי קליינליכע „שפּיצלעך" כדי ער זאָל וויסן זיין „פּלאַץ" און געדיינקען אז ער איז נאָר אַ געהילף אַ מין „אונטערמענטש", וועלכער דארף נאָר אויספירן די אינסטרוקציעס פון זיין בעל הבית.

אויב דער „געהילף" באזיצט גענוג זעלבסטווירדע און וויל זיך ניט קריכן אויפן קאָפּ, ווערן אָנגעווענדעט הינטער־קוליסן מיטלען. און דער „טשערמאן", אַן עם הארץ גמור ווערט פּלוצלונג אַ למדן און געפינט אוים אַז יענער מאן מיט סמיכה אויף רבנות איז ניט גענוג קוואליפיצירט צו לערנען מפטיר מיט זיין קדיש און הויבט אויף אַ געוואלט, אז דער לערער טויג נישט.

דערווייל ווערט די קאָנגרעגיישן צעטיילט אויף צדדים, די מחלוקת צעוואקסט זיך, אנטוויקלט זיך; עס הויבט אָן אָנצונעמען אַ פּערזענליכן

כאראקטער, און עס ווערט פרייליך, לעבעדיק אין שטעטל.
דרך ארץ רבותי! אידן קריגן זיך.

נויטיקע קוואליפיקאציעס

אין א צווייטע שטעטל, אז מען נעמט א לערער פאדערט מען פון אים: אז ער זאל זיין א שוחט, מוהל, בעל תפילה, א בעל קורא, א בעל תוקע, זאל ריידן „היברו" על פי הברה הספרדית און דערצו שאדט ניט אז ער זאל האבן א דיפלאם פון אן אוניווערסיטעט. אויב ער באזיצט אט די אלע מעלות האט ער א „טשאנס" צו קריגן דעם פרינצליכן געהאלט פון 15 פונט א חודש, און די בעלי־רחמים פארגעסן ניט דערביי צו דערמאנען אז עס איז ווינשענסווערט דאס דער בעל דבר זאל זיין א בחור ניט קיין פאר־הייראטער חס ושלום.

ווען דער פאסענדער קאנדידאט ווערט שוין יא באגליקט מיט אזא „שטעלע", ווערן די „קאמיטע מעמבערס" גרויסע מבינים און האלטן כסדר אין קריטיקירן זייער לערער רעווערענד מיט זיינע אלע קוואליפיקאציעס.

טעכניק

די בעסטע טעכניק צו דערשטיקן אין לערער דעם פארלאנג וועגן העכערן שכירות איז — ארויסצורופן דעם רייזענדעם אויפזעער פון „באארד אוו עדיוקיישן", וועלכער זארגט נאר וועגן „רוחניות", דאס הייסט — „בר מצוה" סערטיפיקאטן; און זייער ווייניק וועגן „גשמיות", דעם מאטעריעלן עקאנאמישן צושטאנד פון לערער.

ווען אזא רייזנדער אינספעקטאר לאזט זיך אראפ אין שטעטל מיטן גאנצן טאראראם און מיטן גרויסן אויטאריטעט פון „באארד אוו עדיוקיישן" און הויבט אן פלוצלינג צו עקזאמינירן א קינד, פארלירט שוין דער לערער דעם אפעטיט פון דערמאנען וועגן זיין שכירות און, ושלום על ישראל.

אין א דריטער שטעטל פארוועלט זיך א רייכן בעל הבית צו ווערן דער „טשערמאן" פון קאנגרעגיישן, און אזוי ווי די קאנגרעגיישן האט שוין א טשערמאן, וועלכער האפט זיך צו האלטן אויפן ביינקעל ביז 120 יאר, איז ממילא קיין אנדער עצה ניטא ווי צו מאכן אין דער זעלבער שטעטל א צווייטע קאנגרעגיישן. און אז עס זיינען פאראן צוויי קאנגרע־גיישנס קען דאך ניט זיין אז דער לערער פון קאנגרעגיישן נומער איינס זאל אויך לערנען מיט די קינדער פון קאנגרעגיישן נומער צוויי.

דארף מען דאָך שוין נעמען אַ צווייטן לערער און זאָלן זיי שוין צווישן זיך אויספּרובירן דארווינס טעאָריע אז „דער שטארקערער לעבט אריבער”.

פּרואוון

אמת, געוויסע לערער האָבן פארשטאנען זייער אומבאהאָלפענע לאגע, און האָבן געמאכט אַ פּרואוו זיך צו אָרגאניזירן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאראיין, כדי צו רעגולירן אַז זייער געהאלט זאָל זיין גענוג אויף צו לעבן אַ נאָרמאַל לעבן.

זייער מיה איז אָבער דערוויילע ניט דערפאָלגרייך. דער קאָמיטעט און סתם בעלי בתים האָבן פיינט „טרייד יוניאָנס”, זיי דאכט זיך אַז וויפיל דער „פּוסטעפּאסניק” קריגט איז צו פיל, ער איז ניט ווערט אַ צענט חלק דערפון. דערצו נאָך ווי סמייעט ער, דער לערער, צו בעטן גאָר מערער?

אַט האָט זיך פארלאָפן אַ געשיכטעלע אין אַ געוויסער קהילה וואָס שטאָלצירט מיט אירע מוסטערהאפטע אידישע אינסטיטוציעס און מיט אירע הייסע, פייערדיקע אידישע פּאטריאָטן.

האָבן זיך די דאָרטיקע לערער ארומגעזען, אַז דער לעבנסמיטל שטייגט פון טאָג און אַז זייער געהאלט וואָס איז צו קליין אפילו אין גוטע נאָרמאלע צייטן, איז זייער קנאפּ בפרט נאָך היינט בעת דער יקרות וואקסט פון טאָג צו טאָג, יעצט האָבן די לערער געהאט די „העזה” זיך צוזאמענצוקומען אויף אַ אסיפה און באשליסן אַז עס איז צייט אַז מען זאָל בעטן אַ הוספה אויף זייערע שכירות כדי מען זאָל קענען ווי ניט ווי דורכלעבן די שווערע מלחמה טעג.

ווייזט אָבער אויס אַז די לערער האָבן געמאכט זייער חשבון אָן די בעלי הבתים און ווי נאָר די דעלעגאציע האָט געעפנט דאָס מויל האָט מען גלייך אנטזאגט צוויי לערער פון זייערע שטעלעס און געגעבן אָן אָנצוהערעניש די אנדערע, אַז מען וועט אָן זיי אויך קענען אויסקומען.

אַ שטרייק

ווייזט אויס, אַז די לאגע איז געוואָרן אומדערטרעגליך אַז אפילו די שטילסטע פון די שטילסטע האָבן רעוואָלטירט, און אלס פּראָטעסט האָבן 43 לערער, אלע מיטגלידער פון דעם לערער פאראיין גענומען שטרייקן.

אויף אזא „חוצפה" פון די לערער האָט זיך קיינער ניט גערעכנט, און די קאָמיטע האָט בעת מעשה געוואָלט דעם גאנצן ענין איגנארירן. וואָס וועלן שוין די לערער טאָן? זיי וועלן זיך אויסהונגערן און גיין צוריק קנעלן. וואָס דען? ווערן „מאניפעקצערערס צו ספּעקולירן אויף דער בירזשע"? זיי דארפן דאָך עסן!

א פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אָבער איינגעזען, אז דאָס פּאסט ניט פאר דער עפנטליכקייט. אפשר וועלן זיך די גויים דערוויסן און די צייטונגען, וועלן נעמען עס צולייגן אויף טעלערלעך, טויג עס ניט, מיר זיינען דאָך א „מאָדעל קאָמיוניטי", טאָרן מיר דאָך אונזער רעפּוטאציע ניט פארלירן אפילו אז דאָס דארף אונז קאָסטן, אז עטליכע לערער זאָלן זאט אָפּעסן.

האָט מען געוויינטליך גערופן א נייע אסיפה און פארופן די לערער, די שטרייקערס, די יונגאצעס; און א געלערנטער קאָמיטע מאַן מיט א דיפּלאָם אין בוזים און א פּאָר פונט אין קעשענע האָט גענומען באווייזן די לערער מיט סטאטיסטישע ציפערן, אז „לא דובים ולא יער", עס איז גאָר קיין יקרת ניטאָ. באלשעוויקעס האָבן דאָס אויסגעטראכט. אין א טאָג איז דאָך דאָ 24 שעה — האָט ער געטענהט — א העלפט איז דאָך נאכט, שלאָפט מען. מען שפּילט א קערטל און מען גייט אין „בייסקאָפּ", בלייבט דאָך איבער דער טאָג פון 12 שעה פון וואָס מען ארבייט נאָר בלויז ארום 8 שעה, הייסט עס א דריטל פון טאָג און געצאָלט נעמט מען פאר אלע 24 שעה אלזאָ דארף נאָך יעדער לערער זיין דאנקבאר פאר די 66 מיט צוויי־דריטל פּראצענט וואָס ער קריגט מערער ווי פאר דעם דריטל וואָס ער ארבייט.

„צוואָס דער טומל"

צוויטנס, האָט דער גרויסער געלערנטער באוויזן, אז פּראָדוקטן זיינען נאָר טייער געוואָרן אויף 7 פּראצענט און דאָס אויף אזעלכע ארטיקלען וואָס א העברעאישער לערער קויפט איינמאָל אין א יובל, אָבער די איבער־ריקע זאכן ווי ברויט און זאלץ, ציבעלע און קנאָבעל, זיינען כמעט ניט געשטיגן אין פּרייז.

אלזאָ וואָס איז דער גאנצער טומל. און כדי צו ווייזן אז די קאָמיטע זיינען פיינע מענטשן וועט די קאָמיטע די אָפּגעזאָגטע לערער צוריקנעמען אויף זייערע שטעלעס און וועגן העכערן די שכירות, וועט מען ערשט ריידן ווען עס וועט זיין א פּאסיקע צייט דערפאר.

וואָס האָבן די לערער געקענט טאָן, האָט מען פּראָטעסטירט און... געגאַנגען צוריק צו דער אַרבעט, עס איז דאָך „ביטול תורה״; און מען גרייט זיך צום ווייטערדיקן קאַמף.

אָבער די קאָמיטע שלאָפט אויך ניט. די ערשטע זאַך געפעלט זיי ניט, וואָס עפּעס עס איז פאַראַן אַן „אגודת המורים״ — אַ לערער פאַראיין. ווער דאַרף עס אַזאַ זאַך? עס שמעקט מיט די רויטע אידעאַלען, מיט באָלשעוויזם רחמנא לצלן, מסתמא וועט מען שוין געפינען אַ מיטל ווי פון דעם פּטור צו ווערן.

— — — —

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, און מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן אין דער „מאָדעל קאָנגרעגיישן״ איז ניט וויכטיק, אָבער די אידישע עפנטליכקייט דאַרף זיך אַריינטראַכטן און זיך מערער פאַראינטערעסירן מיטן גורל פון אידישן לערער וועלכער איז דער יסוד פון אונזער קינפטיקן דור. אויב מען וועט נאָר וועלן וועט מען געפינען די געהעריקע מיטלען כדי די לאַגע אויסצובעסערן, אַז אַ לערער זאָל קענען זיך לעבן אַנשטענדיק ווי יעדער געוויינליכער אַנשטענדיקער מענטש.

פֿערצענטער קאַפּיטעל.

דער פֿאַרפֿעלטאַנער הומאָריסט

ברוך לאַכער איז, חלילה ניט קיין לץ, ער לאַכט ניט פֿון קיינעם, ער פֿרייט זיך אַז מען לאַכט ניט פֿון אים. אויב יענער איז אַ שטיקל חשוב, עפּעס אַ קנאַקער, אַ טומלער, אָדער אַזוי אַ פּערזאָן וועלכער קען פּיזיש רעאַגירן אויף לצנים וועט ער, ברוך לאַכער ניט וואַגן אים אָנצורירן, פֿאַרקערט ער וועט אַרומטאַנצן אַרום יענעם, און געבן חניפֿה אויפֿן פֿוד, פֿאַרקערט איז יענער אַן אָרימאַן, אָדער אַזוי אַ נעביכעל איז דאָך ניטאָ פֿון וואָס צו לאַכן, פֿרעגט זיך די פֿראַגע פֿאַרוואָס מען רופֿט אים „לאַכער”? זיין נאָמען איז דאָך גאָר מיסטער ברוך מאַקס וויץ? די פֿראַגע איז ניט לייכט צו פֿאַרענטפֿערן, ווייל דאָס איז איינע פֿון די געהיימניסע וועלכע פֿאַרפֿעלטאַנער חקרנים זיינען נאָך איצט שטאַרק באַשעפֿטיקט אין פֿאָרשן און זוכן די אורזאַכע.

דער פֿאַקט איז אָבער, אַז ברוך לאַכער איז ניט אַ פּשוטער חי וקים, נאָר אַ גרויסער קאָכלעפֿעל אין פֿילע פֿון פֿאַרפֿעלטאַנער „סאָסייטיס”, (געזעלשאַפֿטן) וואו ער פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. דאָ, אַלס קאָמיטע מאַן, דאָרטן אַלס פּרעזידענט, אַנדערסוואו אַלס קאַסירער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אומעטום לאָזט ער זיך הערן. ווען ניט ווען קען ער איבערדערציילן אַ פֿעפֿערדיקן וויץ, אַז אַ קאַזאַק קען רויט ווערן פֿון חרפּה הערנדיק. אָבער זיין עולם צוהערער גלייכט עס און נעמט עס אָן פֿאַר גוט געלד. ווען אַנדערע פֿון זיינע צוהערער גיבן אים נאָך צו הערן מיינט ער גאָר, אַז ער איז אַ הומאָריסט, דער גלגול פֿון מאָטקע חבד, שייקע פֿייפֿער, אָדער הערשעלע אָסטראָפּאָלער, און מאַנכעס מאָל דוכט זיך אים גאָר אַז מאַרק טוויין און שלום עליכם האָבן זיך געדאַרפֿט לערנען פֿון אים ווי צו מאַכן אַ הומאָרעסקע.

גאַנץ אָפֿט פּאַסירט אַז זיין קוואַל פֿון באַנאַלע וויצן ווערט אויסגעשעפּט און יעדער באַקאַנטער אָדער אומבאַקאַנטער האָט שוין דעם זעלבן וויץ

געהערט עטליכע מאָל, דאָך פאַלט ער ביי זיך ניט אַראָפּ און ער גיט זיך אַן עצה, ער ווערט אַ פאַרלעזער פון הומאָריסטישע ערציילונגען.

אמת, קיין גרויס טאַלאַנט צום פאַרלעזן האָט ער ניט. איבערהויפּט הומאָריסטישע בילדלעך פאָדערט אַן ארטיסטישע איבערגעבונג, אַ טיפער פאַרשטאַנד אין פּסיכאָלאָגיע, אַ גרונדלעכער וויסן און קלאָרן באַגריף פון דעם אָדער יענעם כאַראַקטער, טיפּ, וועלכער דער הומאָריסטישער שרייבער שילדערט אָפּ.

געזונט זאָלן זיין פאַרפעלטאַנער צוהערער, פאַר זיי איז גענוג אויב ברוך לאַכער לייענט זיי מיט אַ ניגון פון אַ אויסגעוועבטן בעל תפילה, זיין שטיין אויף אַ זייט אָפּגעבויגן גיט צו דעם עולם אַ ביסל שטימונג און אַז ער גיט נאָך אַ קיצל מיט אַ גראַבלעכן אָנצוהערעניש, וועלכער ער לייגט צו פון קאָפּ, געפעלט עס זיינע צוהערער אַזוי שטאַרק אַז זיי נעמען לאַכן און ווי באַלד דער עולם לאַכט, מאַכט שוין ניט אויס פון וואָס, אפילו אַ קרים מיטן נאָז, אַ פינטל מיטן אויג, אַ הוסט, אַ כראַקע, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָדער אַ טייטל טאָן מיטן פינגער, אַלעס וועט אויסקומען אַזוי קאָמיש, לעכערליך, אַז די מילצען נעמען זיך שאָקלען און מען לאַכט.

ברוך לאַכער האָט דאַן גרויס הנאה דערפון און קוועלט אויף פאַר גרויס נחת. אַ גליקלעכער, צופרידענער שמייכל באַלייכט זיין פּנים, די קנייטשן פון זיין שטערן נעמט זיך אויסגלייכן, זיינע אויגן ווערן שפּיציק, קריגן אַ נייעם גלאַנץ, זיינע געזיכטסציגע ווערן איידעלער און ער צולאָזט זיך פאַר מתיקת הנפש. ער פאַלט אריין אין אַזאַ עקסטאַזש אַז ער וואָלט בשעת מעשה געקענט אפשר וועמען ניט איז טאָן אַ טובה, אויב נאָר דער בעטער וואָלט געוואוסט אויסצוניצן דעם פּאַסענדן שעת הכושר.

זיין ווייב חנה איז זייער אַ וואוילע פרוי מיט אַ גוטהאַרציקע נאַטור, זי פאַרשטייט אַז ווען זי וועט אויף זיין פאַרלעזונג לאַכן הויך אויפן קול, וועט איר מאַן ברוך זיין צופרידן און קיין זאַך ניט האָבן דאגעגן. ביי זיך אהיים לאָזט ער איר אַ וואָרט ניט אויסריידן. ער האַלט נאָר אין איין דער־מאָנען „חנה, לאָז מיר צורו, איך קען זיך ניט קאָנצענטרירן", אָבער ווען ער לייענט פאַר עפּעס פאַר וועמען ניט איז, דאַן איז חנה'ס הילכיקער געלעכטערל ווערט צו אים אַ מטמון מיט גאָלד.

ווילע ווען זי לאַכט לאַכן אַלע מיט איר, קומט אויס אַז מען פאַרשטייט אים און מען שאַצט אָפּ זיין קונסט, זיין הומאָרעסקע, וועלכע ער פּרובירט אַליין מאַנכעס מאָל צוזאַמענשטעלן פון פאַרשידענע קוועלן;

אלץ וואָלט זיך געגאַנגען גלאַט און גוט ווען ניט מיסטער לעקיש פאַבריקאַנט.

איר דאַרפט וויסן אַז מיסטער לעקיש פאַבריקאַנט איז ג׳ צו דאַנקען אַ איד, מיט אַ גרויסע מויל נאָך גרעסער ווי זיין קעשענע, ער קען אַזוי אָנזידלען אַ מענטשן אַז יענער זאָל זיך פילן ווי אָפּגעשמיסן, דערצו האָט מיסטער לעקיש פאַבריקאַנט אַן אייגנאַרטיקן חוש פאַר הומאָר, ער קען „אַריינזאָגן" אַ צווייטן און זיבעטן ריפּ און דערביי מאַכן אַ מינע ווי ניט אים מיינט ער דאָס.

אַזוי ווידער, ווי ברוך לאַכער׳ס באַגריף פון וויציקע שאַפונג איז אַ שטאָך צו טאָן יענעם אין אַנאָנגעווייטאָקטן אָרט און ניט נאָר דער וועמען עס קריגט דעם שטאָך זאָל פילן, נאָר אויך די אַנדערע וועלכע הערן דעם וויציקן אָנצוהערעניש זאָלן וויסן און פאַרשטיין וועמען מען מיינט און דורך דעם האָבן גרויס הנאה, אַלזאָ קומט אויס אַז לעקיש פאַבריקאַנט האַלט אַז ברוך לאַכער איז אים אַ קאָנקורענט אין לעקיש פאַבריקאַנטס, כלל אין געשעפט איז, אַז אַ קאָנקורענט דאַרף מען פיינט האָבן און אים אָנטאָן צרות וויפיל מען קען און ווען עס לאָזט זיך.

די שנאה פון לעקיש פאַבריקאַנט צו ברוך לאַכער האָט זיך מיט דער צייט אַזוי צוואַקסען, אַז ער האָט אים געקראָגן אַזוי פיינט פונקט ווי ר׳ זרח באַפּער האָט פיינט דעם שמש, ווייל ער קערט איבער דעם סידור, אָדער ווי יחיאל קנאַקער האָט פיינט דעם גבאי אָדער פאַרזיצנדער ווען יענער לאָזט אים ניט ריידן ווייניקער ווי צוויי שעה, אָדער ווי אַ באַוואוסטער רעפאַרמירטער רבי האָט פיינט אַ מיאוסע שיקסע, דעריבער האָט לעקיש פאַבריקאַנט אַלץ געזוכט צו געפינען אַ שפּיצעל מיט וואָס ער זאָל קענען ברוך לאַכער אָפּטאָן.

לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט וואַרטן. ווי לעקיש פאַבריקאַנט איז געוואָרן גבאי אין „צימעספאַנטיינער טאַבאַק שמעקער" האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן פאַר זיי אַ באַנקעט, אַז די שטאָט זאָל האָבן וועגן דעם צו ריידן און אַנדערע „סאָסייטיס" זאָלן קריגן חשק אים צו בעטן אַז ער זאָל ווערן ביי זיי גבאי, קאַסירער, וויים טשערמאַן אָדער אַזוי אַ קאָמיטע מאַן.

וואָס טוט לעקיש פאַבריקאַנט, לאַדט ער איין ברוך לאַכער צו זיך אין אָפיס און בעט אים אַז מיטן האַרבן וואָרט ווי זיין שטייגער איז צו ריידן

מיט מענטשן, „דו הערסט! איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַר אונזער סאָסייטי וואָס פאַרלעזן און אַלעמען „קיצלען" אַז דער רוח זאָל זיי כאַפּן". זע נאָר צו צוגרייטן אַ פיינע פאַרלעזונג פאַר אונזער באַנקעט.

ברוך לאַכער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ווײַלע „צימעספּאַנטיינער טאַבאַק שמעקער" איז אַ גרויסע סאָסייטי מיט איינפלוסרייכע מיטגלידער, האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט פאַרקאַשערט די אַרבעל, צוזאַמענגעזוכט אַלע הומאָריסטישע ערציילונגען און סקיצן, וועלכע ער האָט נאָר געקענט קריגן, גענומען עטליכע בויגן ווייסע פּאַפּיר און אָנגעזאָגט זיין ווייבל חנה, אַז זי זאָל אים ניט שטערן און לאָזן זיך קאָנצענטרירן, ווען אַלע הכנות זיינען געווען צוגעגרייט האָט ער גענומען אַרבעטן פלייסיג, זוכן פון דעם אַ פּראַזע, פון צווייטן אַ טעמע, פון דריטן אַ סטיל, פון פירטן אַ ביסל פעפער און מיט ג' הילף איז אים געלונגען צוזאַמענצושלעפּן אַ הומאָריסטישע סקיצע „דיפּלאָמאַטן און סכה".

דער באַנקעט האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ פּאָר טעג נאָך שבועות און לעקיש פאַבריקאַנט האָט באַשטעלט ברוך לאַכער חול המועד פסח. וועט איר דאָך געוויס וועלן פרעגן וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ צו פאַרלעזן אַ טעמע פון סכה? טאָ זייט אַזוי גוט און איילט זיך ניט. איר דאַרפט וויסן אַז ברוך לאַכער איז קיין עין הרע אַ פּראַקטישער איד, אַ איד מיט אַן אויסרעכענונג, אַ איד וועלכער ווייס אַ חשבון. ער ווייס אַז פון שבועות ביז סכות איז ניט וויט וועט ער פאַר זיין פאַרלעזונג מאַכן אַ קליינע הקדמה און באַמערקן „אָט איז דאָך באַלד סכות און ווי באַלד איך האָב דערמאָנט סכות וויל איך אייך טאַקע געבן אַ פיינע זאַך" ער איז דאָך ניט ערגער ווי אַנדערע גרויסע פירער אונזערע ווען זיי קומען אין פאַרפעלטאַן ריידן וועגן די טעאָריע פון ציוניזם וועלן זיי דערלאַנגען אַ רעדע וועגן פּלעכאַנאָוום בליק איבער די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אַגב וועט ער קענען האָבן אַ פּאַרטיקע סקיצע אין זאַפּאַס און דערצו אָריגינאַל, ווײַלע אַלע קאַפּיטלעך פון תשר"ק און ישראל מה יפית שאַפּונגען האָט ער דאָך שוין פאַרגעלייענט צענדליקע מאָל, עס איז צייט מהנה צו זען דעם עולם מיט עטוואָס נייעס. ער וועט עס קענען פאַרלעזן פאַר אַנדערע סאָסייטיס, וועלכע וועלן אים געוויס בעטן, אַ ברירה האָבן זיי, וואָס איז זיי וועלן אפשר גיין אימפּאַרטירן אַ פאַרלעזער פון אייראָפּע אָדער אַמעריקע? יעדער קלוגער איד האָט זיך זיין אויסרע־כענונג.

א טאָג פאר די פארזאמלונג האָט לעקיש פאבריקאנט טעלעפאָנירט איצעלע באראבאן מיט ר׳ זרח כאפער און זיי פארטרויט א סוד, אז ברוך לאכער גרייט זיך צו פון זיי אָפּצולאכן אויפן באנקעט.

איצעלע באראבאן האָט מען קיין פינגער אין מויל ניט געטאָרט אריינ־ליגן ער וואָלט געווים אָפּגעביסן. זינט אים האָט זיך איינגעגעבן די ספּעקו־לאציע מיט די „שערס" פון „הרי חושך לימיטעד" איז ער געוואָרן ביי זיך א גרויסער בעל העזה און זייער אנקרייטיג, ווי נאָר אים האָט זיך געדוכט אז אימיצער וויל אים מיט וואָס באליידיקן האָט ער, איצעלע ניט געמאכט קיין שהיות און יענעם גלייך ארייננעוואָרפן אין ציפּערבלאָט.

ר׳ זרח כאפער איז אויך איינער פון די היציקע בעלי בתים וועלכע קענען בשום אופן קיין עוולה ניט פארטראָגן און איז שטענדיק מוכן ומזומן גלייך יענעם אָנצווזידלען מיט א פארטיקן מדרש אָדער אַן א מדרש, אָבער א פאסענדן פסוק וועט ער אלעמאָל האָט אין קעשענע.

דער זאַל איז געווען העל באלויכטן, די געסט זיינען געווען אויסגעזעצט ביי די שיינע סערווירטע טישלעך וועלכע זיינען געווען אָנגעפּאקט מיט פּרוכטן, קאָנפעקטן, קייקס, קאנדיטערסקי אויסארבייטונגען, גוטע משקה און קאלטע געטראנקען.

לעקיש פאבריקאנט האָט שוין פארנומען זיין פּלאַץ אויבן אָן ווי עס פּאסט פאר א גבאי און האָט מיט א גליקלעכן שמייכל אָנגעהויבן זיין עפּענונגס און באגריסונגס רעדע.

נאָכדעם ווי ער דער פארזיצענדער האָט שוין אלעס אויסגערעכנט, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאר די סאָסייטי פון „צימעספאנטיינער טאבאק שמעקער", אַז זיי וועלן אויף דור דורות ניט קענען זיך אויסצאָלן וואָס זיי זיינען אים שולדיק, האָט ער זיך געווענדעט צום עולם מיט די פאָלגענדע ווערטער :

„לידים און דזשענטעלמען ! איך האָב דעם גרויסן פארגעניגן אייך פאָרצושטעלן אונזער באליבטן הומאריסט ברוך לאכער וועמען איר קענט אלע און וועלכער לאָזט זיך ניט בעטן, ווען א סאָסייטי פארלאנגט א פאר־לעזונג לאָזט ער זיך ניט דינגען, ער פרייט זיך מיטן כבוד אליין, און לויפט לויפנדיק ווי א ניט־גוטער וואָלט אים יאָגן. פאר היינטיקן אָוונט האָט ער ווי ער אליין זאָגט געמאכט „א ספּעציעל" צוגעגרייט אזא הומארעסקע וואָס דער גרעסטער מרה־שחורה־ניק וועט פּלאַצן פאר געלעכטער, ער רופט זיין מייסטערווערק „דיפּלאמאנטן אין סכה".

מיסטער ברוך לאכער איר קענט איצט אנפאנגען פארצולעזן !

ווי געוויינטלעך האָט מאדאם חנה לאכער גענומען פּאצן מיט אירע פּוכקע הענטלעך און גלייך דערויף האָבן די איבעריקע מיטגעהאָלפן.

אז עס האָט זיך איינגעשטילט האָט ברוך לאכער זיך אויפגעהויבן צוגעגאנגען לאנגזאם צום טישל פון גבאי זיך פארנייגט פארן עולם, גוט זיך אויסגעהוסט, אויסגעטרונקען א האלבע גלאָז וואסער און גענומען פארלעזן.

„ווען דער אויפגעקומענער גביר גימפּעל פייפער האָט זיך פארגלוסט א ביסעלע כבוד".

שוויג ! דו פאסקודניאק איינער ! האָט א געשריי געטאָן איצעלע באראבאן מיט זיין באסאווע שטימע, ווער דארף האָבן דיינע פּלוידעריי !

„קיינער וויל ניט" האָט מיטגעשריען ר' זרח כאפּער וועלכער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, גענומען צוקנעפּלען זיין ראק, דער מדרש זאָגט :

„מיסטער טשערמאן", האָט א קלונג געטאָן די זילבערנע שטימע פון יחיאל קנאקער, דער עולם איז געוואָרן גלייך אומרואיק. די טישלעך האָבן זיך גענומען רוקן. די געשיר האָט גענומען קלינגען און אלע מיט א מאָל האָבן גענומען שרייען הויך אויפן קול „געהערט אזא חוצפה", „אָן אקט אין דער וועלט", „לאָזט א מענטשן פארלעזן", „מען טאָר פון אידן און אסכה ניט לאכן", „עס איז גענוג אז גוים לאכן אָפּ פון אידן און אידישקייט" דארף נאָך אַ איד אין אזא צייט מאכן ליצנות ? די אלע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ פארפעלטאנער סימפאניע און עס האָט געהאלטן, אז מען זאל זיך דערלאנגען פּעטש.

ווי לעקיש פאבריקאנט האָט דערזען אז עס קען חלילה פארשטערט ווערן זיין שמחה, האָט ער זיך גלייך גענומען צום הילצערנעם האמער, וועלכער ער טראָגט ארום כסדר ביי זיך אין קעשענע און קלאפּענדיק פאר עטלעכע מינוטן אין טיש האָט אים געלונגען אַ ביסל דעם עולם איינצושטילן און בארואיקן. ווי עס איז געוואָרן עטוואָס שטילער האָט לעקיש פאבריקאנט אויסגעשריען מיט זיין הויכע קלינגנדיקע שטימע :

„לײדיס און דזשענטעלמען", עס פּאסט נאָר ניט פאר אונזער סאָסייטי אז מען זאָל מאכן אַ סקאנדאל, זעצט זיך אויף די ערטער, מיר וועלן בעטן מיסטער ברוך לאכער, אז ער זאָל אונז זיין הומאריסקע פּארלעזן אָן אנדערש

מאָל, דערווײַלע וועלן מיר הערן אונזער באַרימטן פּאָעט מיסטער פּיליפּ יצר וועלכער וועט דעקלאַמירן זײַן ליד „חנוכה לאַטקעס".

„איך שטים אײַן", מיסטער טשערמאַן! האָט אָפּגערופן זיך יחיאל קנאַקער. נאָר איצעלע באַראַבאַן איז אָבער שוין געווען גוט אויפגערעגט. ער האָט געזען אם לא עכשיו אימתי? אויב ניט יעצט, ווען קען ער האָבן נאָך אַ מאָל אַזאַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט ברוך לאַכער פאַרן רופן אים „גימפּעל פּייפּער" האָט איצעלע געכאַפּט אַ גלאָז ביר פון טיש און האָט אַרײַנגעגאָסן ברוך לאַכער אין צורה.

ברוך לאַכער האָט גלײַך ניט פרעגנדיק בײַ קיינעם קיין שאלה געגאַנגען אַראָפּלאָזן איצאַלע באַראַבאַן אַ פּאַטש, אָבער די ביר אין די אויגן און די שטופּעניש האָט זײַן האַנט געמאַכט פאַרבלאָנדזען אויף ר' זרח כאַפּער'ס פּנים.

געוואַלט, אַ פּאָגראָם! „מען שלאָגט אידן", האָט גענומען שרײַען ר' זרח כאַפּער און געכאַפּט אַ פלעשל לעמאָנאַד אין האַנט פאַרגעסנדיק זײַן מדרש מיט די פּסוקים.

דערווײַלע האָט זיך מאָטקע קלאַפּער אַרויסגעכאַפּט אין קאָרידאָר און האָט אויסגעלאָשן די עלעקטרישע ליכט אין זאַל. דאַן האָט זיך אין דער פינסטער אָנגעהויבן די ריכטיקע חתונה.

ווען אין זאַל איז געוואָרן צוריק ליכטיק זײַנען די טישלעך און די שטולן געווען איבערגעקערט. די כלים, גלעזער, פלעשער צובראָכן. די ווײַסע טיש־טיכער מיט די ריינע סערוועטן צוטראַמפּלט, די בלומען צוטראָטן, און יעדער איינער האָט געפּרייכט, געכראָפּעט, געקרעכצט, און אויסגעזען ווי ער, אָדער זי, וואָלטן דורכגעמאַכט די קאַמפּיין פון „על אַלאַמיין" אָדער „דאַנקערק", די האָר ציפּיצעלט, צוװאָרפן, צושטערט, צושויבערט, די אַנצוגן, די קליידער צוקנייטשט, די שטײַפע ווײַסע העמדער אָפּן, די שניפּסן צוריטן, די זאָקן אַראָפּגעלאָזן און די פּנימער האָבן געפלאַמט.

גייענדיק צוריק אַהיים האָט ברוך לאַכער געוואָלט טרייסטן זײַן ווײַבל, האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערווײַלע איז מיר איינגעבליבן, אַן אָריגינאַלע הומאָריסקע פאַר סכת!

„ווער ווייסט", האָט זי געענטפערט פאַרביטערט, אַ מאָל קען פּאַסירן אַז זיי וועלן דיר ערשט בעטן וואָס פאַרלעזן אויף פּורים. און ביידע זײַנען פאַרקלעמטע אַוועק צו זיך אַ היים.

פופצענטער קאפיטעל.

דער עלפטער נס

אָדער ווי אזוי מען פירט אָן אַן אסיפה ׃

(פון מיין סעריע, וואָס איך זע און הער)

„אין נחת ביעקב", די מיטגלידער פון „אנשי בית חיים" שול אין פארפעלטאן זיינען אביסל צוטראָגן. זיי קענען זיך ניט געבן קיין עצה, די קאָמיטע מיט די עקזעקוטיווע וועלכע זיי האָבן ערווילט האָבן באקומען די דיקטאטארישע חלאת, זיי, די קאָמיטע און די עקזעקוטיווע האָבן גענומען פירן זייער ממשלה, ביד רמה, מיטן גאנצן קנאק און גיי טו זיי עפעס, זיי לאכן פון אלעמען, און זאָגן, מען האָט אונז אויסגעקליבן, האָט די קהילה אונז געגעבן זייער צוטרוי, מעגן מיר טאָן וואס מיר ווילן, און גייט קלאָגט זיי ביים „נתנה תוקף".

צוערשט האָט די קאָמיטע און די עקזעקוטיווע, ענטזאגט דעם שמש פון זיין שטעלע, ווייל צו אלע זיינע גרויסע חטאים, וועלכע מיר האָבן באשריבן אין די פריערדיקע קאפיטלעך האָט ער נאָך פארגעסן אונטער־צוטראָגן אַן אתרוג צו די פרוי פון איינעם פון די אנשי בית חיים שול, קאָכעלעפעל. אזא פארברעך מצד דעם שמש פון שול האָט גאָר ניט זיין גלייכן אין די גאנצע היסטאָריע פון שול, און דער פסק דערפאר קען נאָר זיין ווי ר' גרונם פחדן האָט זיך אויסגעדריקט „דער שמש טויג ניט, דער שמש דארף גיין".

אז מען האָט זיך אָפּגעפארטיקט מיטן שמש האָט די קאָמיטע מיט די עקזעקוטיווע דערזען אז זיי האָבן אויך א חזן וועמען עס איז א מצוה גדולה צו לערנען א פרשה אין בלק.

קיין פינגער אין מויל דארפן די קאָמיטע פון „אנשי בית חיים" ניט ארייגלייגן, זיי ווייסן שוין ווי יענעם צו דערגיין די יאָרן. ווען זיי ווילן אָן וועמען זיך אנטשעפענען, וועט שוין יענער ניט לעקן קיין האָניג. עס האָט ניט לאנג געדויערט און די פּאָפּולאריטעט פון חזן האָט גענומען פאלן.

מיט אמאָל האָט מען גענומען געפינען חסרונות ניט אויף דעם חזן'ס זינגען חלילה, ווײַלע אויף דעם האָבן זיי קנאַפּע מבינות און דאָס אַרט זיי ווייניק, פאַר זיי איז וויכטיק דאָס אַ חזן דאַרף האָבן „הכנעה" פאַר זיינע בעלי בתים, אָבער וויסן זיין פּאַך און קענען זינגען איז אַ תּפל. אבייזאַך זיי איז ניט געפעליג געוואָרן דעם חזן'ס ווייב, מיט אַ מאָל האָט זיי ניט גענומען פּאַסן זיין שדוך.

אמת, דער חזן האָט אפילו חתונה געהאַט אַ סך יאָרן צוריק אין ליטע אָדער פּוילן, איידער ער איז נאָך אָנגעקומען אין פאַרפּעלטאַן אין די „אנשי בית חיים" שול פאַר אַ חזן, אָבער, ר' זרח כּאַפּער, דער למדן פון אנשי בית חיים שול וויים, אַז ערגעץ וואו שטייט געשריבן „איזהו חכם הרואה את הנולד", אלזא האָט דער חזן געדאַרפט פאַרשטיין אַז איין טאָג קען ער אמאָל אָנקומען אין „אנשי בית חיים" שול, האָט ער געדאַרפט זיך מישב זיין מיט די קאָמיטע וועגן זיין זיווג, אַז ער האָט דאָס ניט געטאָן איז „אחת דתו" אוועקצוגיין פון שול.

און אַז די קאָמיטע און די עקזעקוטיווע ווילן, אַז דער חזן זאָל אוועק־גיין העלפט ניט קיינע טענות און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מען האָט זיך גענומען און ענטזאַגט דעם שמש מיטן חזן, ווײַט מען שוין געווים דעם רב אויך ניט פאַרגעסן. דער רב זאָל געזונט זיין האָט קיינמאָל ניט נושא חן געווען ביי זיין קאָמיטע. ער מוסר'ט אַ סך, האָט זיין אייגענע מיינונג, פרעגט ניט קיין דעה ביי די עקזעקוטיווע, זיינע דרשות שמעקט גאָר ניט די קאָמיטע ליט, ער רעדט צו לאַנג, קוקט ניט אויף „טרחה דציבורא" און איז בכלל ניט צוגעפּאַסט צו די פּאָליטישע ליניע פון די קאָמיטע.

די אַלע דערמאָנטע פּאַקטן האָט גענומען אַרויסרופן אַן אומצופרידנ־הייט און אומרואיקייט צווישן די מיטגלידער פון אנשי בית חיים שול. עס האָבן זיך גענומען אײַנגעפינען אפּיקורסים וועלכע האָבן געהאַט די העזה אויסצודריקן זיך אַז עס איז שוין צייט דאָס מען זאָל דעם גאַנצן עקזעקוטיווע מיט די קאָמיטע בעטן מוחל זיין און זיך אָפּטראָגן אויף לאַנגע יאָר, כדי זייער פּלאַץ זאָלן פאַרנעמען מער פּיאיקע און ערפאַרענע פּערזאָנען.

די קאָמיטע און עקזעקוטיווע האָבן דעם געדאַנק גאָר ניט געגליכן, זיי האָבן דאָס באַטראַכט אַלס אַ פאַרברעכן ניט נאָר קעגן זיך אליין, נאָר קעגן

די גאנצע אָרגאניזאציע פון די אנשי בית חיים שול, ווילע לויט זייער מיינונג איז, ווי באלד אז א קהילה קלייבט אוים א קאָמיטע, גיט איבער די קהילה צו דער קאָמיטע „אלע פּאָלמאכטן אין די גאנצע הנהגה פאר גוט אָדער שלעכט” און ווער עס נעמט זיך גריבלען און פרעגן אויב דאָס אָדער אנדערש איז לויט די קאָנסטיטוציע פון די קהילה — איז פּשוט א „מורד במלכות”.

אָבער וואָס מען טוט מען פאַרט? אז מען מוז דאָך יא איינמאָל אין יאָר רופן די מיטגלידער צו אַן אסיפה גדולה און אויף דעם אלגעמיינעם פארזאמלונג קען דאָך יאָ ווער ניט איז פרעגן קשיות מערער וויפיל עס איז ערלויבט פּסח צום סדר, און כידוע אז ווען מען פרעגט פארוואָס? קריגט מען דעם תירוץ פאר גאָרנישט, קען דאָך חלילה וחס פּאָרקומען א שול־רעוואָלוציע, די מאכט קען דאָך ארויספאלן פון די הענט פון די איצטיקע גבאים וועלכע דיינקען אז זיי זיינען שותפים מיטן רבוני של עולם אזוי וויער איז „אין סוף” אזוי ווילן זיי אז זייער הערשאפט זאָל אויך זיין אין סוף, מוז מען דאָך נעמען וואָס טאָן אין דעם ענין, וואָס טוט מען ניט צוליב א ביסעלעכבוד. נויט ברעכט אייזן, האָט מען גענומען זוכן מיטלען ווי אזוי זיך צו צוגרייטן פארן גרויסן „יום הדין” פון די אסיפה רבתי.

די ערשטע זאך פּאָדערט זיך אונטער אזוינע אומשטענדן אז מען זאָל זיך צומאכן צו די „צאן קדשים” די כשרע פּשוטע, ערליכע היימישע אידן מיטגלידער פון אנשי בית חיים, האָט די קאָמיטע אָפּגעדרוקט דעם אידישן טייל פון יערליכן דין וחשבון אין א נוסח פון א „שרה בת טובים” תחינה, מיט פארגלאָצטע אויגן צום הימל האָט מען באדאנקט דעם בורא עולם פאר זיין גרויסע מתנה — „שלום” וואָס ער האָט מזכה געווען אונזער זינדיקן דור און בזכות זה וועלן מיר אויך געניסן. ווען איינער לייענט דורך אזא שיר המעלות ווילט זיך אים זאָגן רבנן קדיש.

פארטיג געוואָרן מיט זייער „תורה שבכתב” האָבן זיי זיך גענומען צו זייער תורה „שבעל פה” אויף וואָס זיי זיינען גרעסערע עקספּערטן און ווי דער פּסוק זאָגט „ויתרוצצו הבנים” די קאָמיטע מיט זייערע גוטע געטרייע משרתים האָבן אָנגעהויבן מאכן פּריוואטע קליינע קאָנספּיראטיווע באראַטונגען אויסצוזוכן און אויסצוגעפינען „מי ומי” ווער פון די מיטגלידער איז אחשוד און אפּיקורסית און גלויבט ניט אין די מעשים טובים פון די קאָמיטע און עקזעקוטווע צוזאמען.

אז מען האָט זיך דערוואוסט פאַר ווען מען דאַרף מורא האָבן האָט מען אויסגעאַרבייט די גאַנצע סטראַטעגיע פון די „מלחמת מצוה".

די קאָמיטע האָט גלייך מאָביליזירט אַלע יונגאַצעס טומלער, שרייער, אונטער די קאָמאַנדע פון וועלוואַלע שפּריצער, וועלכער הייסט היינט מיסטער ווילי ריץ, און ער וועלוואַלע איז אַ פּערזאָן וועמענס מויל איז אַ סך גרעסער ווי זיין חוצפּה.

וועלוואַלע שפּריצער, דער גענעראַל פון די קאָמיטע האָט שוין געוואוסט אַז ער דאַרף זיין חברה קונדסים פונאַנדערטיילן אין אַלע סטראַטעגישע פּונקטן פון שול און ווען ער וועט זיי געבן דעם אָפּגעמאַכטן סיגנאַל, וועלן זיי מאַכן אַזאַ טומל און מהומה דאָס דער עולם־גולם זאָל זיך דערשרעקן און וועט ניט שטימען מיט די אָפּאָזיציע.

טאָמער וועט דער טומלען זיך ניט מאַכן דעם געהעריקן רושם דאַן וועט די קאָמיטע און עקזעקוטיווע באַזאָרגן אַז מיסטער העראַלד טראַסק אליין בכבודו ועצמו זאָל זיין פּאָרזיצענדער אויף דער אסיפה און „ער זאָל לעבן" האָט שוין ערפאַרונג ווי ניט צו דערלאָזן אַן אָפּאָנענט (אַ געגנער) צום וואָרט.

קיין גרויסע גאונית ליגט ניט אין אַזעלכע אסיפה־סטראַטעגיע, דער פּלאַן איז איינפאַך אָנע קונצן. ווי דער פּאָרזיצענדער עפנט די פאַרזאַמלונג בעט ער גלייך אַלעמען זיך אויפשטעלן, כדי צו ערן דעם אָנדיינקונג פון די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער, ווערט דערמיט אַליין גלייך געשאַפן אַ גינסטיגע שטימונג צו פאָלגן דעם פּאָרזיצענדער און ווי מען זעצט זיך צוריק אויף זייערע ערטער איז דער פּאָרזיצענדער מודיע, היות ווי עס געפינען זיך פילע צווישן די פאַרזאַמעלטע וועלכע וואָלטן וועלן ארויסזאָגן זייער מיינונג און אַזוי ווי מיר זיינען דאָך אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פּאַסט דאָך פאַר אונז אַלעמען אויסצוהערכן, דאַריבער ליגט ער פאָר, אַז מען זאָל באַגרעניצן די צייט פון די רעדנער בלויז צו פינף מינוטן.

ווי ער וועט דאָס פאַרלאַנגען וועט וועלוואַלע שפּריצער מיט זיין חברה אויסשרייען „מיר זיינען מסכים", „דער פאַרשלאַג איז אָנגענומען", וועלן שוין די איבעריגע צאַן קדשים מיטשטימען.

ווי באַלד דעם רעדנער'ס צייט איז באַגרעניצט אויף פינף מינוטן איז זיך שוין ניט וואָס צו שרעקן. די איבעריקע „ספּיצלעך" וועלן זיך פונאַנ־

דערוויקלען לויט די נויטווענדיקייט פון מאָמענט, אויף דערויף זיינען דאָר דאָ יחיאל קנאַקער און איצאַלע באַראַבאַן אויף וועמען מען קען זיך פאַר־לאָזן ויהי היום אין איין שיינעם פרימאָרגן זיינען צוזאַמענגעקומען מאַנכע מיטגלידער פון „אנשי בית חיים" שול אויף די אסיפה גדולה.

נאָך אַ היפּשע צייט וואַרטעניש האָט מען קוים צוזאַמענגעציילט דעם קוואָרום. ד.ה. 50 מיטגלידער אָנע וועלכע קען קיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ניט זיין געזעצליך.

ווי נאָר וועלוואַלע שפּריצער האָט רעפּאָרטירט, אַז אַלעס איז אין אָרדענונג, די „חברה" זיינען אויף זזייערע באַשטימטע פּלעצער, האָט מיסטער הערואַלד טראַסק זיך אַנידערגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער באַדאַנקט אַלע חשובע מיטגלידער פאַר דעם גרויסן כבוד זיי האָבן אים אָנגעטאָן אים צו מאַכן פאַרן פאָרזיצענדער פון די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג (קיינעם האָט זיך אפילו ניט געחלום'ט זיין קאַנדידאַטור אַרויסצושטעלן) אַלזאָ ערקלערט ער די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „אנשי בית חיים" שול פאַר געעפנט און בעט דעם עולם זיך אויפשטעלן פון זייערע ערטער כדי צו באַערן דעם אָנדיינקען פון די פאַרשטאָרבענע חברים. ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, האָט ער אָוועקגעגעבן אַ לאַנגע דרשה, אויסגערעכנט די גרויסע פאַרדינסטן וואָס די עקזעקוטיווע און קאָמיטע האָבן אויפגעטאָן פאַרן שול אין אַלגעמיין און איבערהויפּט די געוואַלדיקע אויפטועכצן פון געוויסע מיטגלידער ווען ניט זיי, וואָלט אפשר די וועלט חרוב געוואָרן. אויב ניט די וועלט, וואָלט אָבער אידעשקייט אין דרום אפריקע געווים אונטערגעגאַנגען, ווי ער האָט געענדיגט זיין לאַנגע דרשה האָט ער באַמערקט אַז עס איז געוואונשן אַז מען זאָל דעם רעפּאָרט פון קאָמיטע און עקזעקוטיווע אָננעמען איינשטימיג אָנע דעבאַטן, נאָר אַזוי ווי דער פאַרשלאַג איז געווען אַ ביסעלע צו שטאַרק אַז אפילו די צאַן קדשים זאָלן זיך אָן דעם אָנכאַפּן, ווײַלע יעדערער ערוואַרט עטוואָס פּיקאַנטע נייעס אויף אַן אסיפה, דאַריבער האָט ער זיך גלייך פאַר־בעסערט מען קען דעם רעפּאָרט יאָ דעבאַטירן אָבער עס איז געוואונשן אַז מען זאָל באַגרעניצן די צייט פון די רעדנער בלויז אויף פינף מינוטן.

גלייך האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן פון שול „געווים", „דאָס איז גאַנץ גלייך", "מיר אַלע זיינען איינשטימיג„, אַ גליקליכער שמייכל האָט זיך צוגאָסן אויפן פּנים פון מיסטער הערואַלד טראַסק, „אהא" האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן „דער נצחון פון קאָמיטע איז געזיכערט" אַלעס וועט גיין „אגיל ואשמח".

ווי איין רעדנער האָט גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט אַז ער וועט בלויז פאַרלייענען דריי שורות פון זייער „שרה בת טובים תחינה" וועלכע מען האָט על פי טעות הדפוס אַ נאָמען געגעבן רעפאָרט, „אזוי ווי דער שלום איז געקומען אויף דער וועלט און אַלע פעלקער ווילן לעבן בשלום און מיר אַלע זיינען אויך דורכגעדרונגען מיט די שלום געפילן", זייער גוטע נייעס האָט דער רעדנער פאָרגעזעצט, עס איז טאַקע צייט אַז די קאָמיטע זאָל נעמען טראַכטן וועגן שלום, ווייל ביז איצט איז זייער גאַנצע טעטיקייט געווען נאָר קריגערייען, רייסערייען און מחלוקות. פון די גאַנצע 23 זיצונגען וועלכע די קאָמיטע און די עקזעקוטיווע האָבן געהאַט זיינען אויף פופצען צוזאַמענגעלאָפן מענשן פון גאַס און געשטאַנען ארום די פענסטער הערנדיק ווי מען דערלאַנגט זיך אין טאַטן אריין „בשם ומלכות" און אויף צוויי זיצונגען פון די 23 האָט מען זיך געשלאָגן, אָדער געוואָלט זיך שלאָגן.

„אייער צייט איז געענדיקט, איר קענט מערער ניט ריידן", האָט מיסטער העראָלד טראַסק אַ געשריי געטאָן צום רעדנער. ווען דער רעדנער האָט פּראָטעסטירט אַז עס איז נאָך ניט קיינע פינף מינוטן ווי ער רעדט, האָט דער פאָרזיצענדער געשריען ניט מיט זיין קול „מיסטער" אויב איר זעצט זיך ניט אוועק, וועל איך אייך הייסן פאַרלאָזן די שול. דערווייל איז צו־געשפּרונגען צום טיש ר' זרח כאַפּער, און אויפהייבענדיג ביידע הענט צום הימל, האָט ער זיי געשאָקעלט ווי לולבים און געשריען מיט אַלע כוחות, ווי דער רוח וואָלט אריין אין זיין גאָרגעל „מען טאָר דעם רעדנער ניט לאָזן ריידן, ער האָט באַליידיגט די קאָמיטע, ער האָט אמאָל געזאָגט אַז די קאָמיטע און עקזעקוטיווע פּאַסן זיך מערער צו זיין אין פּרעטאָריע ווי אין אנשי בית חיים שול". דער מדרש זאָגט, דאָ האָט גלייך ווי אַ לייב זיך אויפגע־שטעלט יחיאל קנאַקער און ניט געלאָזן ר' זרח כאַפּער דערציילן וועגן זיין „מדרש". ער יחיאל קנאַקער ווייס, אַז דער רעדנער איז אַ שונא דעם שול, ווייל פאַר די גאַנצע צייט ווען דער רעדנער איז געווען אין קאָמיטע מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער קיינמאָל ניט ערלויבט צו ריידן אַ שלעכטן וואָרט אויף די אָנגעשטעלטע פון שול, איז דאָס אליין ניט אַ באַווייז? קען דאָס דער רעדנער אָפּלייקענען?

איידער ער האָט געענדיקט האָט זיך אַן אנדער יאַלד אין אַ קאַפּעלוש, אַ מיטגליד פון קאָמיטע אבייזער געטאָן, דער ערשטער רעדנער האָט ניט באַליידיקט די קאָמיטע אליין נאָר אַלע מיטגלידער פון „אנשי בית חיים שול" ווייל די קאָמיטע איז געוואָרן אמאָל אויסגעוויילט פון „שול" דאָס

איז געווען אַ וואונק אַז וועלוואָלע שפּריצער זאָל אריין אין די סימפּאַניע פון דעם מישמאַש פון קולות און ער האָט גלייך מיט גבורה זיך געגעבן אַ שטעל אויף די פיס און גענומען קוויטשענען מיט זיין זיסע שטימעלע, „מיסטער טשערמאַן" איך לייג פאָר, אַז מען זאָל דעם רעדנער וואָס האָט אַלעמען באַליידיגט אויסשליסן פון שול אַלס אַ מיטגליד און איר זעט דאָך אַלע בחוש, אַז ער האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר די קאָמיטע, פאַרן עקזעקו־טיווע און אפילו פאַרן פאָרזיצענדער אליין.

ווי דער רעדנער האָט זיך ניט ווילענדיק פונאַנדערגעלאַכט אויף דעם פאָרשלאַג פון וועלוואָלע שפּריצער, האָט זיך דער פאַרזיצענדער מיסטער העראַלד טראַסק, אינגאַנצן ארויס פון די כלים און האָט גענומען שרייען, ברומען צום רעדנער, זעצט זיך אנידער, איך גיב אייך ניט דאָס וואָרט! איך וועל אייך הייסן ארויסגיין פון שול!

ווען דער רעדנער האָט אים געלאָסן געפרעגט „מי שמך לאיש" מיט וועלכע רעכט זייט איר דאָ מיט אַמאָל געוואָרן דער פאָרזיצענדער, האָט איך ווער ניט איז געקליבן אויסער די אייגענע כאַלאַסטרע?

דערהערנדיק אַזוינע ווערטער איז מיסטער העראַלד טראַסק אוועק פון טיש און פאַרגעלייגט מען זאָל אויסקלייבן אַ פאָרזיצענדער פאַרן פירן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אָבער דאָ האָט זיך גלייך אריינגעמישט אַנאַנדער אַקטיאָר פון קאָמיטע וועלכער איז מיט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צום טיש, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז ער ווערט פאַרלויפיג אָנפירן מיטן פאַרזאַמלונג און לייגט פאָר, אַז מען זאָל גלייך שליסן די דעבאַטן און אָננעמען דעם רעפּאָרט פון קאָמיטע כדי ניט צו פאַרזאַמען קיין צייט אין ערליידיקן די וואַהלן פון די נייע קאָמיטע מיט די עקזעקוטיווע. מיט די הילף פון וועלוואָלע שפּריצער און זיין חברה איז דער פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון עטליכע שטימען און מען איז גלייך צוגעטראָטן צו די וואַהלן פון די נייע קאָמיטע.

דערווייל איז זיך דער עולם אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין און קיינע נייע מיטגלידער זיינען ניט אריינגעקומען, די פּמליא של מעלה, די אויבערש־טע פון שטויסל וועלכע זיינען געזעסן ביים טיש האָבן ניט געוואוסט געגוי ווי זיך נוהג צו זיין, ביז וואַנעט איינער האָט פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל אויסרופן יעדן נאָמען פון מיטגליד, וועלכער האָט זיך ביים טיר פאַרשריבן און ער זאָל צוגיין צום טיש און אָנשרייבן פאַר וועמען ער וויל שטימען

און זיי דערלאנגען דעם צעטאלע, ווײלע אזוי פארשטייט איצאלע באראבאן דעם באגריף פון „געהיימע וואהלען" וועלכע איז איינגעשריבן אין די קאנסטיטוציע פון דער קהילה.

נאכן אויסרעכענענדיג ארום עטליכע און צוואנציק נעמען איז מיסטער הערלאד טראסק מיד געווארן און האט געהייסן אז מען זאל פשוט ארום גיין און צונעמען די אנגעשריבענע צעטלעך פון די שטים־געבער.

און דא וואלט איך שווערן ביי מיין רבי'ס בארד און פאות אז עס איז פארגעקומען דער עלפטער נס. (עשרה נסים האבן מיר דאך געהאט שוין אין בית המקדש) ווען מען האט אויסגעציילט די צעטלעך האט זיך ארויס־געוויזן, אז 61 האבן געשטימט פאר איין קאנדידאט און 34 פאר א צווייטן אויף דעם זעלביקן פאסטן פון עקזעקוטיווע. הייסט עס אז 95 מיטגלידער האבן דערלאנגט זייערע שטים צעטלעך.

ווען די אסיפה האט זיך אנגעהויבן זיינען געווען בלויז 54 מיטגלידער וועלכע האבן זייערע נעמען פארשריבן ביים טיר אריינגייענדיג צו די אסיפה, קיין נייע מיטגלידער זיינען ניט צוגעקומען, פארקערט פופצען אדער זעכצען מיטגלידער זיינען גלייך זיך פונאנדערגעגאנגען ווײלע עס איז זיי געווארן שפעט צו מיטאג, דען שטעלט זיך די פראגע פון וואנעט האט זיך איינגע־פונען די עקסטרא 57 אדער 58 צעטאלעך, האבן די נשמות יתירות, אדער די צוויי „מלאכי השלום" וועלכע באגלייטן יעדן אידן אויך געשטימט? זוים איך ניט, אבער ווי עס זאל ניט זיין, קען מען דאס זיכער באטראכטן אלס א נס מן השמים.

זאלן די אפיקורסים זאגן וואס זיי ווילן פאקטן בלייבן פאקטן...

זעכצענטער קאפיטעל.

רייזע איינדרוקן

(נאטיצן פון א רייזענדער)

אז מיט גאט הילף, איך האב שוין באוויזן אוועקצולייגן מיינע זאכן אויף באנאזש און קוים מיט צרות זיך אריינגעכאפט אין „טריין", האב איך זיך ערשט גענומען ארומקוקן, וואו איך געפין זיך, און „מי ומי ההולכים" מיט וועמען איך פאר מיט.

דער צווייטער קלאס קאמפארטמענט, איז געווען, פול אנגעפאקט מיט פעק, פעקלעך, צעמאדאנעס, קערב, קאסטענס און דערצו זיינען מיר געווען אלע זעקס פאשענזשירער, אריינרעכענדיג זיך אליין.

יעדער פאשענזשיר פון מיין קאמפארטמענט האט פארגעשטעלט א באזונדערע נאציע. מיר האבן געהאט א אינטערנאציאנאל „בזעיר אנפין" אין א קליינעם פארמאט. עס איז געווען איין ענגלענדער, א בור, א יוגאסלאוו א גריק, א פראנצויז און א איד.

דער ענגלענדער, א יונגער סטודענט פון אוניווערסיטעט, האט זיך גלייך ארויפגעקלעטערט אין דער הויך, אויפן אויבערשטן באנק, זיך געפארעט מיט די פעקלעך, געפאקט אהין און איבערגעלייגט אהער ביז ער האט באוויזן זיך אויסצוציען ווי א פריץ און זיך צולייגן ווי ביי זיין „טאטן אין ווייגגארטן". ער האט גענומען א בוך אין האנד און איז גלייך איינגעשלאפן און גענומען חראפענען, מסתמא האט ער געלערנט א סך תורה אדער געהארעוועט אין ספארט ווי ער זאל ניט זיין. ער איז געווען מיד.

דער בורישער מיטרייזענדער, א מיטעליאריגער מענטש, שטארק געבויט, אנגעטאן אין א מיליטערישע אוניפארם מיט די רויטליכע סימנים אויף זיינע עפאלעטן האט געעפענט זיין לייוועטנעם פעקעל און גענומען זוכן די פלעשל מיטן ביטערן טראפן, וועלכע אים האט זיך אויסגעדוכט, אז ער האט פארגעסן מיטצונעמען און מיר האט אויסגעוויזן אז ער האט שוין דאס לאנג אויסגעטרונקען מיט א גרויסע הוספה דערצו.

אונזער פראנצויז, אַ בילד־שיינער יונגערמאַן מיט צערטליכע געזיכטס־ציגע, פיין געקליידעט לויט די לעצטע מאָדן, האָט זיך טיף פארזונקען אין זיינע מחשבות, הויכע רעיונות, אפשר, האָט ער ניט געקענט אָפּמאכן זיין דעה, מיט וועמען זאָל ער האלטן צו מיט „ווישי", לאוואל און חבריה, אָדער מיט גענעראל דע־גאל.

דער גריק ווידער האָט גענומען קייען פארצוקערטע „מאנקי נאטס" און דערציילט וואָס פאר וואונדערבארע אליווס עס וואקסען אין זיין גארטן, ערגעץ ארום אטענס, אין גריכענלאנד, וואו ער באזיצט איבער פינף הונדערט אליוו־בוימער.

דער איד האָט גענומען פארפירן אַ שמועס מיטן יוגאסלאוו צוערשט אויף רוסיש, דאָס הייסט דער איד האָט געפרעגט אין רוסיש און דער יוגאסלאוו, אַ הויכער, גרויסער, דיקער מאַן האָט געענטפערט גוטמוטיג אויף זיין שפּראך, יוגאסלאוויש, וועלכע קלינגט אזוי און האָט אסך ענליכע ווערטער ווי אין רוסיש און נאכהער זיינען זיי אריבער אויף ענגליש.

ווייזט זיך ארויס, אַז דער יוגאסלאוו איז אַן ארבייטער אין „אַ קופּער־מאין" אין רהאדיסיע. ער איז פריער געווען אין אמעריקע וואו ער האָט אויך געארבייט אין אַ קופּער־מאין, ער האָט אָפּגעשפּארט ארום 5,000 דאלאר און איז צוריקגעפאָרן אהיים אין זאגרעב, יוגאסלאוויע, וואו ער האָט זיין געלד אריינגעלייגט אין אַן ארטיגן באנק, און אבגעמאכט צו קריגן 6 פּראצענט ציגזן, אינטערעסט פאר זיין קאפּיטאל.

מיט די 300 דאלאר אַ יאָר אינטערעסט האָט ער גערעכענט אַז ער וועט קענען לעבן אַ רייכן, באקוועמען לעבן, ווייל די לעבענס־מיטעל אין יוגאָ־סלאוויע פאר די מלחמה איז געווען אומגעפער ביליג כמעט אומזיסט, האָט ער חתונה געהאט און געוואָרן אַ בעל הביתישער לידיג־ גייער אָדער ווי מען רופט עס דאָ אין ענגליש „אַ רעטאיעד מען".

זיין שמחה האָט אָבער לאנג ניט געדויערט, דער באנק וואו ער האָט איינגעלייגט זיין פארמעגן האָט אין 6 מאָנאטן צייט באנקראטירט און ער איז געבליבן אָן אַ סענט. אלזאָ האָט ער באשלאָסן ווייטער צו פאָרן אין דער ברייטער וועלט אריין און מאכן אַ לעבן.

הערענדיג אַז אין רהאדיסיע קען אַ מיינער פארדינען פון צוויי ביז דריי פונט אַ טאָג, וואָס מאכט אויס ארום 15 אמעריקאנער דאָלארן, איז ער גלייך געקומען אין רהאדיסיע און זיך געשטעלט ארבייטן ביי זיין פאך.

פאר די לעצטע זעקס יאָר האָט ער באוויזן ווידער אָפצושפּאָרן אַ פּאר־מעגן פון 1800 פונט און האָט עס אָפּגעשיקט צו זיין פרוי אהיים, וואו זי האָט איינגעקויפט אין זאגרעב וואָס מען רופט דאָ „אַ בלאָק פון פיר פלעטס".

די הכנסה פון די דירה געלד, קען ער שוין מאכן אַ פיינעם לעבן און ער האָט שוין געוואָלט פאָרן צוריק אהיים אין יוגאסלאוויע, האָט אויס־געבראכן די מלחמה און ער האָט געמוזט בלייבן ארבייטן אין רהאדיסיע.

יעצט האָט אים די „מייונג קאמפאניע" געגעבן צוויי מאָנאטן אורלויב, איז ער געקומען אהער אין דרום אפריקע פארברייינגען זיין האָלידיי.

אַז ער האָט געענדיגט זיין ערציילונג האָט זיך דער בורישער מיט־רייזענדער ארייגעמישט אין געשפרעך און גענומען דערציילן אַז ער איז אַ גרויסער גביר, פארמעגט איינינע פארמס און אויך אַ שותף אין אַ גרויסן גאראזש און אויטאמאביל געשעפט דערצו איז ער אַ כעמישער אינזשיניר, האָט געשטודירט אין דייטשלאנד, רעדט פליסענד דייטש, ענגליש, שפּאניש, יעצט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי, וואו ער פראדוצירט „גוטע זאכן" פאר היטלערן.

ער דער בור, „דאטסמאן" איז זייער אַ גרויסער אָנהייגער פון גענ. סמאטס און וועט גיין וואו נאָר פעלד־מארשאל סמאטס וועט אים פירן. נאָר איין זאך פארדריסט אים פארוואָס פעלד־מארשאל סמאטס איז אזוי פריינדליך צו די „פאריינערס" די אויסלענדערס.

פרעג איך אים, וועמען מיינסטו אויסלענדער, די איטאליענער אָדער די דייטשן? ניין, ענטפערט ער מיר, ער מיינט אונטערן נאָמען אויסלענדער אלעמען, ענגלענדער, אידן, בכלל, אלע די, וועלכע זיינען ניט קיין אפריקאנער.

אויב אזוי, באמערק איך, דארף ער דאָך זיין דאנקען די האלענדער און זאגאר די בורן אליין, ווייל אונטער דעם נאָמען אפריקאנער פארשטיי איך אַז דאָס זיינען די „נייטיווס" די קאלירטע, זיי זיינען די אמתדיגע בעלי בתים פון די אפריקאנער מדינה. ד ווייסע זיינען דאָך דאָ קוים 300 יאָר. זייער אַ קורצער פעריאָד צו בארעכטיגן אַ נאציע אַז זי זאָל מיינען אַז דאָס איז זייער לאנד און נאָר זיי האָבן אַ חלק אין די ירושה פון זייערע אורעלטערן און ווילן בשום אופן זיך ניט טיילן, זאגאר פארגינען ניט אַז אנדערע זאָלן אויך עטוואָס געניסן.

איבערהויפט האָב איך ענטוויקעלט דעם געדאנק, אַז די יעצטיקע וועלט מלחמה איז דער רעזולטאַט פון אַ איבערגעטריבענעם שאָווענים, וועלכע ציט זיין יניקה פון אַ קראַנקהאַפטן נאַציאָנאַלן עגאָיזם, מיט די צוצעפּעניש פון אַ גסיסה׳דיגן קאַפּיטאַליסטישן אָרדענונג וועלכע זעט אַז זייער ענד איז נאָענט פּרובירט זיך ראַטעווען און דערהאַלטן ביים לעבן מיט איינ־שפּריצונגען פון פאַשיזם, נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, מאַלאַניזם און אַנדערע דיקטאַטיריזמס, באַבסקי רפואות.

מיר וואונדערט האָב איך געענדיגט מיין באַמערקונג אַז ער אַזאַ געבילדעטער מאַן מיט אוניווערסיטי דיפּלאָמע זאָל ניט זען אַליין די סתירה אין זיינע אייגענע רייד. ער גלייבט גענעראַל סמאַטס, האַלט אים פאַר זיין וועגווייזער און אין דער זעלבער צייט פּריידיקט ער די טעאָריע פון דאָקטאָר מאַלאַן און אפשר נאָך מערער, די פלוידערריי פון די „אָסעוואַי בראַנדוואַג״.

דער מיליטערישער בור איז געוואָרן אַנטשוויגן, האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און האָט זיך ענטשולדיגט און פאַרלאָזן דעם קאַמפּאַרט־מענט. אין אַ פּאָר שעה אַרום, האָט זיך אונזער מחותן אומגעקערט צוריק, זייער בגילופענדיג און גייט גלייך צו צו מיר און זאָגט בזה הלשון „דו פּ. איד, מיט אַ גרויסן פּיי, פאַרוואָס גייסטו ניט אין פּאַלעסטינע, מיר ווילן ניט האָבן קיינעם אין דרום אַפריקע, ניט קיין אידן, ניט קיין ענגלענדער, איך וויל זיך שלאָגן מיט דיר, קום לאָמיר זיך שלאָגן״! אַנטקעגן דיין מאַרך קען איך זיך צו יעדער צייט שטעלן, אָבער אַנטקעגן דיינע פויסטן בין איך ניט קיין העלד, האָב איך לאַבענדיג געענטפערט און די איבעריגע האָבן מיטגעלאַכט. מיין קאַלטבלוטיקייט און לאַכן האָט אים נאָך מער צורייצט. איך גיב אַ קוק אויף מיין „בעל דבר״ איז מיר געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן. זיין גאַנצן פּנים אָנגעצונדן האָט געפלאַמט, די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט, די ציינער פאַרקריצט, די פויסטן צוזאַמענגעלייגט, און גיט זיך אַ לאָז מיט די ווערטער „איד, איך גיי דיר הרג׳ענען!

פּלוצלונג גיט זיך דאָס אַ הויב דער יוגאַסלאַוו און דערלאַנגט אים אַ פּאָר אין נאָז אַריין אָהנע הקדמות, אַז דער בור איז געפאַלן הינטערווייליך אויפן טיר און האָט דערביי געזאָגט „פּרוביר ליג נאָר אַרויף אַ פינגער אויף אים, ער איז מיין ברודער, אויב דו ווילסט זיך שלאָגן — שלאָג זיך מיט מיר און איך וועל די ווייזן ווי מען דאַרף זיך פּייטן״!

דער בורישער העלד איז געוואָרן בלאַס ווי זיין ליוועטענער זעקעל. מיט אַמאָל האָט ער פאַרלאָרן זיין חוצפה און האָט זיך אינגאַנצן אויס־געניכטערט און גענומען ווישן דעם שטראָם בלוט וואָס האָט געפּלייצט פון זיין נאָז.

ער האָט זיך גענומען גלייך פאַרענטפערן אַז ער האָט נאָר געמיינט צו מאַכן אַ שפּאַס, פאַרקערט, ער איז אַ גוטער פריינט פון אידן און האָט אַסך אידישע חברים און איז גאָר גאָט די נשמה שולדיג.

דערהערענדיג אַז ער איז געוואָרן אַזאַ בעל תשובה האָב איך שוין געהאָלפן אים צו פאַרהאַלטן די בלוט פון נאָז און מיר האָבן זיך געגעבן די הענד און געמוזט גיין אין סאַלון טרינקען אויף זיין חשבון אַ לחיים אויף היטלערס מפּלה און אונזער ניי־געבאָרענעם אינטערנאַציאָנאַלער גוט־ברודערשאַפט.

דער מוסר השכל איז, אַז, די „ידי עשו, איז אַסך ווירקזאַמער, ווי דער קול יעקב״!

זיבעצענטער קאפיטעל.

די גט מגפה

פון די סעריע „וואס איך זע און הער"

(נאטיצן פון א רייזענדן)

באזוכענדיג דעם בית־דין, פון זייער א גרויסע שטאדט אין דרום אפריקע, האט דער חשובער רב, א מיטגליד פון בית־דין אויסגעגאסן פאר מיר זיין הארץ און האט מיט גרוים צער מיר דערציילט דאס די גט־מגפה אדער „גט־מאדע" ווי ער רופט עס, האט זיך אזוי פארשפרייט צווישן די מיטעלע און רייכע שיכטן פון די אידישע באפעלקערונג, אז עטוואס מוז געטאן ווערן, איינצוהאלטן דעם אימפעט, פון פונאנדערברעכן, און צושטערן אידישע היימען.

געוויינטליך, יעדערער פארשטייט דאס אויב מאן און פרוי קענען ניט שטימען און יעדער טוט דעם צווייטן צו להכעיס, איז גלייכער און ראטזאמער, אז זיי זאלן זיך בעסער פונאנדערגיין, איידער לעבן צוזאמען און פארביטערן, פארפינסטערן איינער דעם אנדערן די יארן.

דאס איז געווען דער פונדעמענטאל גרונד־געדאנק וועלכע די אידישע געזעץ־געבונג האט גענומען רעגולירן דעם אידישן פאמיליען־לעבן.

באגרייפענדיג אז א היים קען נאר זיין געבויט אויף די יסודית פון אחדות, הארמאניע, רעספעקט, אכטונג איינער צום צווייטן, און איבערהויפט געגנענזייטיגע ליבע, געטרייקייט און איבערגעבענהייט. ווי נאר דיזע פרינציפן קענען ניט אויסגעפירט ווערן צוליב דעם שולד פון איינע פון די צדדים, דאן איז געשאפן געווארן אן אויסוועג פון באפרייאונג און דאס איז דער גט.

אבער ווען דער גט'ן זיך קומט בלויז ארוים אלס רעזולטאט פון „מאדע" אדער נארישע ניט אויסגערעכענטע האנדלונג דאן מוז זיך די געזעלשאפט אריינמישן און נעמען די געהעריגע מיטלען אויפצוקלערן די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פון אזא שריט.

עס קומען זיך גטן יונג און אַלט. לעבט זיך אַ עלטערע פרוי, רייכליך, האָט ניט קיין דאגות פון חיונה דאַן מוז זי גיין אין „ביוטי פארלאר" מאכן זיך די האָר, פארבען בלאנד אָדער פלאַטינום, אויסגלייכן אירע קנייטשן, מאניקיורן אירע נעגעל און זיך מאכן אַ ביסעלע אינגער.

ווען דאָס האָט ערפאָלג נעמט זי קאקעטירן מיט יונגע אינגלעך ביז אַ אומערפארענער יונגער שנעק כאפט אריין דעם „גליק פון באקענען זיך מיט די יונג־אַלטע קאקעטקע. אויב דער יונגער מאַן איז גראדע ארעם דאַן ווערט פארצויגן אַ גאנצער ראמאנס.

די יונג געווארענע „כלה" ארבייט אויף טיש און אויף ביינק ביז זי פויעלט אוים ביי איר מאַן — אַ גט. כדי זי זאָל דעם זעלבן טאָג גיין צו דער חופה מיט איר יונגן „קאוועליער" אויב דער בעל דבר אליין האָט נאָך ניט באוויזן דערוויילע חרטה צו האָבן אויף דעם גאנצן שדוך.

אמאָל מישט זיך אריין אַ רייכער ברודער, אָדער אַ רייכע שוועסטער וועלכע גיבן דעם „אַלטן" מאַן „גודוויל" „אָפּטרעט געלד" פארשטייט זיך אַז אַזא מסחר ווערט דורכגעפירט בשתיקה, בסוד סודות קיין זייטיגער זאָל דערפון ניט וויסן.

איז אָבער אמאָל דער מאַן אַ גרויסער עקשן, און וויל גראדע זיין „שיינהייט" קיין גט ניט געבן, דאַן געפינט מען אויך אַן עצה. מיר פארמאָגן דאָך אַ רעפאָרם טעמפּעל גייט מען אהין און דער רעפאָרם רב איז מסדר קידושין און גיט אַ גט לויט די פאָדערונג פון זיינע קונדן.

נעמט אַ רייכע מיידעל אַן אָרימען דאָקטאָר אָדער אדוואָקאט פאסירט אַז די מיידעל בלאָזט זיך און ברעקעלט זיך אפילו אין „האניג חודש" גיט זי אים אַנצוהערן אַז ער דער „ברויטגעבער" מוז אָנקומען צו איר, ווייל אויב ניט אירע גדן און אירע עלטערנס פארבינדונגען וואָלט ער זיין אַ קנאפער מענטש און קיינער וואָלט זיך אויף אים ניט אומקוקן. דאָס אליין איז נאָך ניט געגוג, זי נעמט זיך די גרויסע דעה, ערלויבט אים ניט צו ריידן מיט די אָדער אַ קוק געבן אויף יענע און באווייזט ביי יעדעס געלעגענהייט, אַז ער דער מאַן איז אונטערוואָרפן אונטער איר קנאפּעל. פארדריסט עס דעם יונגן מאַן, ווערט ער ברוגז רעדט מיט איר ניט, ווערט זי בייז־ווילד, צורייצט. זי איז דאָך צובאלעוועט פון אהיים, וואו יעדער קאפריז האָט מען איר נאָכגעגעבן, וויינט זי, היצט זיך, פאלט אריין אין אַ היסטעריקע,

פאקט זיך איין און לויפט צוריק אהיים, צו טאטע־מאמע, און קומענדיג אהיים, לויפט מען גלייך אין בית־דין נעמען א גט.

ווען די רבנים פון בית־דין פרובירן צורעכט מאכן און זיי צוריק צוזאמענברייינגען און מאכן שלום בית, ווערט די יונגע ווייבל אין כעס און זאָגט די רבנים דאָס זיי זאָלן „מאינדן זייערע אייגענע געשעפטן" און טאָן וואָס זי הייסט און פאָדערט, זי קען זיי גוט באצאָלן פאר זייער טרחה.

עס וועט קלינגען ווי אנעקדאט דער פאָלגענדער אינצידענט. נאָכדעם ווי א יונגע פאָרל האָבן זיך געט'גט איז דער יונגער מאן וועלכער האָט די צערעמאָניע דורכגעמאכט, פארבליבן אויף א ווילע און האָט זיך געוואָלט אויסריידן זיין הארץ.

די רבנים האָבן זיך געהיילט שוין צו פאָרן אהיים, ווײַלע עס איז שוין געווען שפעט האָבן זיי געזאָגט צום יונגן מאָן אז זיי קענען אים געבן „א ליפט" אין זייער אויטאָמאָביל און פאָרענדיג קען ער ריידן וואָס ער וויל זיי דערציילן.

דער יונגערמאן האָט איינגעשטימט און ווען זיי זיינען שוין געזעסן אין אויטאָמאָביל ווענדעט ער זיך צום עלטערן רב בזה הלשון „רב, איך וועל מער ניט חתונה האָבן מיט א אידישע מיידעל. יעצט וועל איך בעסער נעמען א שיקסע פאר א ווייב. „א שיקסע ? פרעגט איבער דער רב געמיטליך, מאלע וואָס מען טרעפט ניט, א אידישער יונגער מאן דארף נעמען א אידישע טאָכטער אזוי האָט געוויס געטאָן דיין טאטע און אזוי האָב איך אויך געטאָן.

„זייט איר צופרידן פון אייער שידוך ? האָט דער יונגער מאן ווייטער א פרעג געטאָן. דער רב וועלכער איז גראדע אן אנגעוויטיגטער וועלכער לייד אסך פון זיין מרשעת האָט אויף זיין פראגע ניט געענטפערט.

„אָט זעט איר רב ! דאָ גייט א שיקסע האָט דער יונגער מאן ווייטער אָנגעפאנגען צו ריידן ווייזענדיג מיטן פינגער אויף א ניט־אידישע מיידעל וואָס איז פארבייגעגאַנגען. אָט מיט אזא שיקסע וואָלט איך אין מיטען דערנאכט חתונה געהאט אפילו אין רעפאָרעם טעמפעל. קיינער האָט אים מערער ניט געענטפערט און א שווערע שטילשווייגעניש האָט געהערשט אין אויטאָמאָביל.

בכלל אזא חוצפה איז זייער פארשטענדליך. ווײלע אין מערסטע פאלן זיינען אונזערע קינדער אזוי נאכגעגעבן און אזוי פארצויגן דאָס אָנזידלען אנעלטערן פון זיך רעכענט זיך פאר די גרעסטע חכמה פון קינד. טאטע מאמע קענען זיך ניט אָפּלויבן און דערציילן איבער מיט שטאָלץ „אוי, האָט מיינער אָדער מיינע, אים אָדער איר, אזוי דערלאנגט אז עס איז אריין אין זיבעטן ריפּ״ איז עס אַ וואונדער אז ווען קינדער וואקסן אונטער „דערלאנגען״ זיי טאטע מאמע און אויך זייטיגע וועלכע קומען זיי אין וועג. אנדערע מיידלעך ווידעה, אז זיי האָבן חתונה מיינען זיי אז אַ מאַן באַשטייט נאר די דריי טײלן „ אַ מאטאר־קאר, ספּאָרט״ און שפּילן אין קאָרטן. אויב מעשה שטן דער מאַן שפּעציאליזירט זיך נאר אין די לעצטע דאַן מעג מען דאָך לכל הדעות לויפן אין בית־דין און פאָדערן אַ גט. ווי קען מען דען לעבן מיט אזא „לא יוצלח״ וועלכער קען אפילו די אייגענע ווײב ניט געבן קיין „גוד טאיעם״ מיט אזא מאַן מעג מען שלאָגן כפּרות.

אנדערע מיידלעך ווידער, מיינען אז חתונה האָבן הייסט גיין אויף בעלער, טאנצן אָן אָן אויפהער, פארנאכלעסיגן די היים, די ווירטשאַפט, שפּילן אין „ראמי״ ביי טאָג און ביינאכט, דער רעזולטאַט איז איבעריידן זיך, מחלוקת, לייטישע געלעכטער און דער לעצטער אקט פון די פאמיליען־דראמע שפּילט זיך אָפּ צווישן די פיר שוויגענדע ווענד פון בית־דין.

איבערהויפּט באַמערקט זיך דאָס פילע פון אונזערע פרויען פארשטיין זייער ווייניג די גאנצע ערנסטקייט פון אַ אידישן פאָלקסטימליכן פאמיליען לעבן וואו מאַן און פרוי זיינען פאראייניגט, פארקניפּט און פארבונדן פיזיש, מאראליש, גייסטיג און געזעלשאפטליך. אסך פון אונזערע מאָדערנע ווייבלעך מיינען אז די חופּה און דער גאנצער פּראצעדורע פון חתונה האָבן איז בלויז אַ קאָמעדיע, אַ מין צערעמאָניע וואָס די מאָדערנע מיידלעך מוזן עס דורכ־מאכן, כדי צופרידן צושטעלן זייערע אַלט־מאָדישע עלטערן. דערפון נעמט זיך דער לייכטזיניגער באַגריף אויף אַ גט און אָפּברעכן אהיים.

אונזערע פאראנטוואָרטליכע אנשטאלטן און כלל טוער דארפן זיך פּארטראכטן וועגן דיזע פּראָבלעמע און זען וואָס צו טאָן וועגן דעם. אניט ווערט חלילה דער גאנצער יסוד פון אונזער פאמיליען לעבן אונטערגעגראָבן און צופוילט.

אכצענטער קאפיטעל.

פאָרט אַ איד נאָך קאלעדאן

דרום אפריקע איז געבענשט מיט פילע ערטער, וואו מענטשן קענען פאָרן זיך אָפּרוען, ערהוילן, פארשטארקן זייער געזונט, אָפּפרישן זייערע כחות, פארבעסערן זייער אפעטיט, און בכלל זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ אלע זייערע דאגות אויף אַ קורצע אָדער לענגערע צייט, דורך דעם ענדערן זייער געוויינט־לעכן לעבנס־שטייגער.

אָבער איין זאַך דוכט זיך מיר האָט אלעמאָל געפעלט, און דאָס איז אַ מאָדערנער „שלחן ערוך", דער גאסט, וועלכער קומט האָבן הנאה, אָדער זוכן פארגעניגן ווייסט כמעט ניט די אָרטיקע מנהגים און עטיקעט. דער רעזולטאט איז, דאָס מאנכעס מאָל קומט ארויס קאָמישע און אפילו אומ־אנגענעמע סיטואציעס, וועלכע איז געוואונטשן בעסער אויסצומיידן דאריבער דיינק איך וועלן מיינע שורות זיין נוצליך פאר די, יעניקע וועלכע ווילן געניסן די גאנצע ווערדע פון זייער געלד און טרחה.

איינע פון די בארימטע געזונטס־פאבריקן איז לכל הדעות קאלעדאן, מיט אירע הייסע מינעראלישע בעדער און וואסער, די שיינע פרעכטיקע לאנדשאפט, די גרינע דופטיקע פעלדער, די קלאָרע לופט, דער בלאער הימל, די יונגע וועלדעלאך מיט זייער פרישקייט, די בערג און טאָהלן מיט זייערע קאָנטראסטן, דאָס אלעס דינען אלס אַ שיינעם הינטערגרונט פאר דעם קאלע־דאן האָטעל־סאנאטאָריום, וואו עס געפינען זיך די ווארעמע בעדער מיט די הייסע מינעראלישע קוואלן.

פונקט ווי די שמעקענדיקע רויזן האָבן שטעכענדע צווייגליך, אזוי האָט די נאטור באזאָרגט, אז דער צוגאנג צו קאלעדאן אויב מען האָט ניט אליין קיין אויטאָמאָביל, זאָל האָבן אַ טעם פון די קאָמבינאציע פון „גלגול מחילות" מיט „חבוט הקבר", ווײלע דער אייזענבאן פאָרט לאנגזאם, פאמעלאך, געלאסן דער לאָקאָמאטיוו הוסט, קרעכצעט, שטעלט זיך אָפּ, אָפּט, זיפצעט, ווען ער

קריכט און דרייט זיך איבער די הויכע בערג און טיפע טאָהלן. עס זעט אויס ווי דער לאַקאַמאָטיוו וואָלט מיטפילן מיט זיינע בידנע פּאַסאַזשירער, וועלכע זיינען נעביך אויסגעמאַטערט און וואַרטן שוין אויף די גליקלעכע שעה, ווען זיי וועלן אָנקומען אויף אָן אָרט און קענען אויסרוען זייערע צושאָקעלטע ביינער.

קודם כל, איידער א איד רירט זיך ארויס צו פאָרן נאָך קאַלעדאָן ברויכט ער צו וויסן וואָס ער דאַרף דאַרטן מיטנעמען און ווי זיך אויפצופירן, כדי ער זאָל זיך גוט פאַרברענגען און האָבן הנאה פאַר זיין געלט און צייט.

זיך צוקוקנדיק ווי די געסט „וויזיטאָרס" פאַרברענגען זייער צייט ביים טיש, אין עס־צימער, אין אויפנאַמס־זאַל און די בעדער, קומט מיר אויס, אַז עס פאָדערט זיך פאַר יעדן גאַסט צו באַזאָרגן זיך מיט פאָלגנדעס:

ראשית, דאַרף ער האָבן א שטעקן, מיט וועלכן ער קען גיין שפּאַצירן און זיך אויך אָנשפּאַרן, ווען איינער א נודניק כאַפּט אים אָן פאַר א קנעפּל, און גייט אים דערציילן א פּעפּערדיקן געזאַלצענעם וויץ, וועלכער שטאַמט נאָך פאַרן מבול.

ער קען מיטן שטעקן פּאַקן און דרייען אהין און אהער אויסקריצן אויפן זאַמד די „בלאו פּרינט" פון זיינע פאַרשידענע פּראָיעקטן וועגן די גרויסע בנינים וועלכע ער האָט בדעה צו בויען אין זיין פאַנטאַזיע. הכלל מיט א שטעקן קען א איד אויפטאָן א סך זאַכן. דער נביא האָט שוין לאַנג פאַר־שטאַנען די גרויסע נוצן וואָס א שטעקן קען זיין פאַר א אידן און ער דריקט זיך אויס „ומקלו יגיד לו" ד.ה. „זיין שטעקן וועט אים דערציילן", עס זיינען דאָ ברוך השם אזוינע אידן, וועלכע שעפּן זייער גאַנצע אינפאָרמאַציע פון זייער שטעקן...

והשנית, אז ער האָט זיך שוין באַזאָרגט מיט א שטעקן דאַרף א איד האָבן א גלאָז מיט זיך, כדי ער זאָל קענען טרינקען די „מים חיים", די מינעראַלישע וואַרעמע וואַסער, וועלכע אים דוכט זיך אז זיי גיבן אים חיות. קיין שיעור וויפיל מען דאַרף טרינקען מינעראַלישע וואַרעמע וואַסער איז ניטאָ. איינער קען טרינקען דריי גלעזער און א צוויטער גראַדע פינף גלאַזנס, און מאַנכע וויזיטאָרס קענען זיך אין גאַנצן ניט אָפּרייסן פון „קוואַל" און וויסן אליין ניט וויפיל זיי זאָלן טרינקען. זעט איר, דער ים איז שוין א סך קלינער ווי דער „קאַלעדאָנער קוואַל", אויפן ים דערציילט דוד המלך „הים ראה וינס" ווי דער ים האָט דערזען קיין עין הרע אזא גרויסע מחנה אידן

נייען ארוים פון מצרים האָט ער זיך דערשראָקן, אידן קענען חלילה אים אויסטרייכן אלס א רפואה, אָדער מאַכן פון אים א „ביזנעס" האָט ער זיך געכאַפּט באַצייטנס און געמאַכט פּליטה.

דער קוואַל אַליין איז גרויס ווי א טל ומטר און א קליין סידורל א פּינטעלע. אז א פּאָר קעץ אָדער הינט שטעלן אַריין זייערע פּיסלעך ווערט ער גאָר נעלם און איר זעט מער ניט קיין קוואַל. דערצו האָבן די אינהאַבער פון האָטעל זיך ווייניק געזאָרגט, אז דער קוואַל זאָל זיין גוט אַרומגעצאַמט, אז קיין הינט און קעץ, קעלבער און שעפּסן, בהמות און חזרים, זאָל צו אים ניט האָבן קיין צוטריט. פאַרקערט, זיי די בעלי הבתים פון האָטעל, ווילן שאַפן דעם איינדרוק אז אַלעס איז פון דער נאַטור, פון ששת ימי בראשית אָן, דעריבער קען זיי דער קוואַל, הפקר, פאַר חיות און בהמות, און די פּאַרע פון די הייסע מינעראַלס זאָל פאַלן אויף די שוואַרצע שמוציקע ערדענע ווענטלעך און צוריק אַריינפאַלן אָפּגעקילטע טראָפּנס אין קוואַל. א ביסל נידעריקער פון קוואַל איז די רינע וואו עס לויפט אַראָפּ די „מים חיים" אין וועלכע נייטיווס און „קאַלערדס" וואַשן זייערע שמוציקע וועש, אָבער דאָס אָרט קיינעם ניט, יעדערנס אויגן זיינען נאָר צוגעשמידט צום „קוואַל" און ווייטער ווי די „דלת אמות" פון „קוואַל" וויל קיינעם ניט זען.

אַרום דעם קוואַל אויף דעם בערגעלע איז דאָ א פּאָר ניט קיין אָפּגעהובעלטע ברעטער, וועלכע דינען אלס בייגק צום זיצן, פאַר די וועלכע ווילן זיך אָפּרוען פון איין גלאָז ביז צום צווייטן. עס געפינט זיך אויך דערביי א ביידל פון פאַרדאַרטע צווייגן; דאָס איז די גאַנצע דעקאָראַציע פון „קוואַל" אז מען זאָגט „נאַטור" דאַרף זיין נאַטירלעך ניט אַנטוויקעלט, איינפאַך, פּראָסט.

דער „קוואַל" איז דער „פּאַקוס" דער צענטראַל פּונקט וואו אַלע וויזיטאָרס פאַרזאַמלען זיך און ריידן זיך אויס די האַרץ איינער צום צווייטן. ווילט איר וויסן א ביסעלע רכילות, א פּיקאַנטע אינטריגאַלע, אַזוי א אינטערעסאַנטע מעשה'לע דאַן טאָרט איר דעם „קוואַל" ניט אויסלאָזן ווען איר זייט אין קאַלעדאַן.

והשלישית, אז מען האָט זיך באַזאָרגט מיט א שטעקן און א גלאָז דאַרף א איד האָבן א טערמאָמעטער צו מעסטן די היץ פון די וואַסער, און אַלעמען דערציילן וויפיל גראַד היץ זיין קערפּער קען פאַרטראָגן.

פּירטנס דאַרף א איד אַריינגיין ביי א גרויסן דאָקטאָר א ספּעציאַליסט אויפן האַרץ, מאָגן, נירן, לונגען, איידער ער פאָרט אין קאַלעדאַן און זיך

לאָזן פון אים עקזאַמינירן. ווען ער האָט שוין זיין רעצעפּט אין קעשענע, וועט ער ווערן אַ גרויסער אויטאָריטעט ביי קאַלעדאָנער וויזיטאַרס, און וועט קענען זיי דערציילן באריכות זיין געשפּרעך מיטן דאָקטאָר, זיינע קלוגע פראַגן וועלכע ער האָט געדיינקט צו פרעגן, און די עצה וועלכע ער האָט געקראָגן, ווי לאַנג ער מעג זיין אין די הייסע וואַנע, מיט וועלכע פוס ער דאַרף אריינ־קריכן, אָדער אריינשפּרינגען מיטביידע פיס אמאָל, דאָס אַלעס איז זייער וויכטיק פאַר די וויזיטאַרס צו וויסן, און זיי ווערן קיין מאָל ניט מיד דאָס הערנדיק אכצען מאָל אַ טאָג די זעלבע זאַך.

די פינפטע זאַך דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט אַ ביסל שטאָלץ, מען דאַרף זיך אָנבלאָזן און קוקן אויף יעדערן פון אויבן אַראָפּ, עס שאַדט ניט צו דערציילן און בארימען זיך מיט דעם אייגענעם יחוס, זאָל מען אים ניט גלויבן, אָבער דערוויילע וויסן אַלע אַז ער האַלט זיך פאַר אַ יחסן; און ער איז ניט „אבי־ווער".

אין טיפ, אַזא נודניק האָט מיר האַלב פאַרמאַטערט דערציילנדיק זיין „גאָלדענע קייט" פון וואַנעט ער שטאַמט, גאַנצע דורות פון רבנים גאונים זיינען פאַרקניפּט אין זיין משפּחה, די ארומיקע צוהערער וועלכע האָבן זיך פאַרקליבן ארום אונז, ווי דער שטייגער איז „אַז וואו צוויי איז איינער אַ דריטער, און וואו דריי דאַרף מען ווערן אַ פירטער" און אַזוי ווערט ביי יעדעם קליינינקייט געשאַפן אַ געזעמעל, — האָבן געקליבן נחת, אַז אַזא גרויסער מאַן שטייט מיט זיי „פנים אל פנים" צו אַזא זכיה קען מען נאָר דערלעבן ווען מען קומט אין קאַלעדאָן.

וועלנדיק פּטור ווערן פון אים, האָב איך אים אונטערגעגעבן „היץ", און באַמערקט, אַז ער מאַכט אַ טעות, זיין יחוס ציט זיך נאָך פריער פון אדם הראשון אליין; דער נודניק האָט זיך דערפרייט צו אַזא מדרגה פון זיין יחוס האָט ער זיך ניט געחלומט צו דערגרייכן, כדי צו מאַכן אַ בעסערן איינדרוק אויף די ארומגעזאַמעלטע האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן פון וואַנעט וויים איך, אַז זיין יחוס ציט זיך אַזוי לאַנג? פון חומש! האָב איך געענטפערט, חיות און בהמות זיינען באַשאַפן געוואָרן פריער ווי אדם הראשון.

אַלע האָבן זיך גוט פונאנדערגעלאַכט און דער יחסן האָט מיט מיר שוין מער ניט גערעדט ביז ער איז אַוועקגעפאָרן פון קאַלעדאָן.

אויב איינער איז אמאָל אין דער היים, אין ליטע אָדער פּוילן געווען פרום, און דאָ אין אַפריקע איז ער געביך ניט אַזא צדיק, געפינט ער זיין

תיקון אין קאלעדאן. ער דארף נאר ניט עסן קיינע פליישיגעס און דערמיט אויפהויבן זיין פרעסטיזש, אז ער איז ניט אזא „גרגרת" ער נעבעך קומט אפ אויף דער וועלט פאר זיין אידישקייט, און ניט קוקנדיק אויף זיינע גרויסע ערפאלגן אין מסחר, אינדוסטרי אדער פראפעסיע האלט ער דאך נאך אלץ פון אידישקייט און נעמט זיך די רעכט צו זאגן מוסר אלע איבעריקע, וועלכע עסן פליישיקע וועלכע איז ניט כשר, הגם די מילכיקע וואס ער עסט ניצט ער אויך די זעלביקע פליישיקע טעלער, לעפעל, גאפל מעסער, נאר דאס מאכט אים שוין ניט אויס, ווײַלע אין גאנצן ניט ניצן זייער טריפה געשיר קען ער ניט, כדי דער עולם זאל אים ניט באטראכטן פאר א „היפאקריט". איבעריגס זיינען פילע פון די אנגעפארענע קאלעדאנער „צדיקים" ווייניק באהאוועגט אין „הלכות כשרות" פאר זיי איז גענוג, אז זיי טוען זיך אן א כח, און עסן ניט קיין פלייש, זיי זארגן זיך ווייניק צו אויסגעפינען אויב די מילכיקע זופ איז ניט געקאכט אין פליישיקע טריפה טעפ, דאס פאלט זיי ניט איין און אויך ארט זיי ניט.

ווען איינער עסט פארט פלייש, און ער וויל זיך מיט וואס בארימען, איז מיין עצה ער זאל מיטנעמען אין קעשענע א שטיקל ווייסע ברויט איינגעוויקעלט אין עטלעכע פאפירלעך און אלעמען דערציילן, אז ער קען ניט פארדייען קאלעדאנער ברויט און זיין „אשת חיל" מוז פאר אים ספעציעל באקען ווייסע חלה, די ווייסע מעל קריגט ער אויפן „שווארצן מארק" ווײַלע איבערזיפן די מעל געפעלט אים ניט, אויב ווייסע, מוז זיין ווייסע, ווי עס דארף צו זיין.

אז מען האט זיך שוין מיט די אלע זאכן באזארגט מוז א איד האבן אין קעשענע א פאר פעקלעך קארטן און דווקא „בייסיקל" ניט קיין אנדערע און דאן אפמאכן זיין קאמפאניע מיט וועמען צו שפילן. ער דארף געוויינטליך מודיע זיין אלעמען, אז ער שפילט ניט צוליב געווינען די פאר פונט אדער עטליכע שילינגס, דאס איז ווערט ביי אים בלאטע, ער שפילט נאר ווײַלע אים געפעלט די „גיים", ער גלייבט א „סאלע", א „פאקער", א „קלאבער־יאש" א „פאנטון", א זעקס און זעכציק, א איין און צוואנציק, א „ראמי".

ווי אז ג' העלפט, אז מען קען מעטנעמען די פרוי אין קאלעדאן, דאן איז א איד גאר גליקלעך. ערשטנס קען ער זיין פטור פון איר אויף גאנצע שעהן און זאלן אנדערע האבן דעם „פלעזשער" פארגעניגן צו הערן איר

„מענה לשון" ווילע זי געפינט שוין גלייך איר „לײדיס סאָסיטי" וואו זי קען גלייך זיך באקוועם אריינפאסן און פילט זיך מערער ווי ביי זיך אין דער היים.

צוווייטנס, איז נאָך אַ מעלה, ווען איר נעמט מיט אייער אייגענע פרוי מיט זיך, זי ווערט אייער „פובליסיטי אגענט", זי וועט אלעמען דערציילן וואָס פאר אַ יחסן איר זייט, די גרויסקייט פון אייער צדקה, די צייט וועלכע איר גיט אוועק צו העלפן אייערע לאנדסלייט, ווי גוט און פיין איר באגייט זיך מיט אייער שוויגער, שוועגערינס און אלע אירע קרובים.

איר קענט זייער אָפט אונטערהערן אויפן ווארענדע פון האָטעל פאָלגענדן געשפרעך :

גוט מאָרגן, גוט יאָר, וואו איז אייער מאן ? מיין מאן זיצט אונטן אין קאנטאר (אָפיס) און שרייבט טשעקס. פארשטייט איר מיר ? היינט האָבן מיר גראדע אין שטאָט צוויי חתונות, און מיר וואָלטן ניט געגאנגען אפילו אז מיר וואָלטן ניט געווען אין קאלעדאן, נאָר איך האָב געזאָגט צו מיין מאן, „עס האָט ניט איינע צו די אנדערע, דו מעגסט אויף חתונה ניט גיין, אָבער אַ טשעק דארפסטו שיקן, אַ מענטש טאָר קיין חזיר ניט זיין, וואָס האָט ביי אונז אַ ווירדע עטליכע פונט ?"

קאלעדאן איז אַ גוטער פּלאץ, ווען איר ווילט זיך ארויסדרייען ראש השנה אָדער יום כפור פון צו גיין אין שול טאָמער רופט מען אייך אויף, אָדער מען איז אייך מכבד מיט אַ „פתיחה" און מען ווארט פון אייך, אז איר זאָלט וואָס מנדר זיין אויף שול, אָדער פאר די פארשידענע צדקה אנשטאלטן ווי תלמוד תורה, „בקור חולים", כשר'ע קיך, מושב זקנים אָדער בית היתומים, איז מיין עצה זיך אריינצוכאפּן קיין קאלעדאן, ווען איר פאָרט אוועק אין קאלעדאן זייט איר דערפון פּטור.

הגם עס געפינען זיך פיפיגע ווייבלעך, פון „אשת חיל" רעגימענט, וועלכע טראָגן זיך ארום מיט ביכלעך און פארקויפן אייך פּלעטן אויף צאריטע, איינע האלט אוים, אזוי זאָגט זי, אַ קעמפּ פון 1500 ליטווישע אידן אין איטאליע, אַ צווייטע באזאָרגט אָרימע מיידלעך פון פוילן מיט זאָקן, אַ דריטע וויל שיקן קארטעטן די ווייבלעך פון לעטלאנד און אנדערע באלטישע לענדער, אַ פירטע צניעה באזאָרגט מיט טלית־קטן'ס אידישע קינדער אין עסטרייך. ווען איר נעמט אַ פּלעט קענט איר געווינען „אַ קיים וויסקי", אַ פּיאנע אָדער אַ טיי לעפעלע, און פון זייערע הענט וועט איר זיך שוין ניט ארויסדרייען,

איר מוזט נעבעך נעמען מיט אַ שמייכל אַ פלעט פאר זיך און אויך פאר אייערע גוטע פריינט, עס העלפט ניט אפילו, אַז איר זאָגט, דאָס איר זייט אַ רעפארמער און געהערט צו די נייע רעפאָרם קאָנגרעגיישן, דאָס קען אמאָל פארטרייבן אַ משולח פאר אַ ישיבה... אָבער ניט אונזערע „נשים צדקניות", וועלכע פארקויפן אייך הייליקע לאטעריי צעטאלעך און ווילן אייך באגליקן מיט אַ „ראדיאָ סעט" אָדער מיט זאבאטינסקים פאָטאָגראפיע, פון זייערע הענט איז ניטאָ קיין באהעלטעניש זאגאר דער גרינער טישל פון קאָרטן איז אויך ניט קיין שוץ מיטל, זיי, די העלדישע לאטעריי ווייבלעך וועלן אייך דאָרטן אויך געפינען, און וועלן אייך מאכן ניט נאָר קויפן אַ פאָר צענדליס לאטעריי צעטאלעך, נאָר וועלן פארלאנגען אַז איר זאָלט מאכן „אַ קיטי" און אראָפנעמען עטליכע פענים פון יעדע גיים, פאר דעם אָדער יענעם צוועק און זייט מיר אַ חכם און ענטזאגט זיי דאָס צו טאָן, וועט איר זען אַז גאנץ קאלעדאן, און דאָס מיינט גאנץ דרום אפריקע וועט וויסן וואָס פאר אַ דבר אחר איר זייט. איר וועט זיך איינקויפן אזא מפטיר, אַז אפילו אייער שוויגער וועט אייך אויך ניט קענען העלפן.

צווייטער טייל

געקליבענע שריפטן

—:o:—

בנציון מירוויש

קייפטאון
CAPETOWN.

דרום אפריקע
P.O. Box 1387.

1945

איבערדרוקן אָן ערלויבעניש פון מחבר איז שטרייַנג פאַרבאָטן.
אלע רעכטן רעזערווירט 1945.

פארעדע!

די צוועלף יאָר, די יאָרן פון 1933, ווען היטלער מיט זיין פינסטערע מחבלים האָבן פארכאפּט די מאכט אין דייטשלאנד ביז 1945, דער יאָר פון זייער ענטגילטליכע מפלה — זיינען געווען די שרעקליכסטע, גרויזאמסטע בלוטיקסטע יאָרן אין די וועלט געשיכטע און פינסטערע מערדערליכע פארניכטונגס יאָרן אין די היסטאָריע פון אידן אין אייראָפּע.

1) ווי האָבן מיר אידן אין דרום אפריקע ריאגירט אויף די געשעענישן?

2) וועלכע שריט האָבן מיר אָנגענומען צו העלפן באקעמפן דעם מאָדערנעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיין גיפט פארשפרייט אין אלע ווינקאלעך פון ד. אפריקע?

3) וואָס האָבן מיר בייגעטראָגן אין גרויסן געראנגל פון ליכט מיט פינצטערניש?

4) וועלכע מיטלען האָבן מיר אָנגענומען אנטקעגן די אָנרוקענדע שווארצע וואָלקענס פון די פאשיסטישע ריאקציע?

5) ווי האָבן אונזערע „גדולים" זיך באצויגן און אָפּגע־שאצט די וויכטיקייט פון מאָמענט, ווען נשמה־אויפ־טרייסלענדע פאסירונגען קעגן אידישן לעבן, כבוד און פארמעגן האָט גענומען פּאָרקומען אין דייטשלאנד, איטאליע, פוילן, אונגארן, עסטרייך, רומעניע און צעכאסלאוואקיע?

דער ענטפער אויף די אלע פראגן וועט דער לעזער געפינען אין דיזן טייל פון מיין בוך, אין וועלכן איך דרוק איבער מיינע ארטיקלען וועגן די אויבנדערמאָנטע טהעמעס.

דער צוקינפטיקער היסטאָריקער און פאָרשער פון דרום אפריקאנער אידנטום וועט געפינען אין מיינע ארטיקלען אַ סך מאטעריאל פון וועלכע ער וועט קענען פארשטיין גרונטליך די פסיכאלאגישע און סאָציאלע אומשטענדן פון אונזערע קהל־שע פארזאָרגער און זייערע נאָכפאָלגער — די מאַסן.

דער מחבר

אינהאלטס-פערצייכענונג

(צווייטער טייל)

		זייטע
1)	די אנטיסעמיטישע באוועגונג	115
2)	אונזער ענטפער היטלערן	120
3)	מיר טאָרן ניט שווייגן	125
4)	פּראָבלעמען פון היגן אידנטום	129
5)	מיר דארפן אַ דעמאָקראַטישן נאַציאָנאַל־ראַט	133
6)	אַ פּראָטעסט טאָג איבערן גאנצן לאנד	136
7)	קריטישע באַמערקונגען	139
8)	מיר דארפן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט	141
9)	וואָס דארפן מיר טאָן ?	144
10)	פאָריגן יאָר האָבן אידן אימפּאָרטירט מערער סחורה פון דייטשלאנד ווי אין יאָר 1932	148
11)	דער באָיקאָט מוז פארגעזעצט ווערן	152
12)	מיר דארפן אַ זעלבסט־שוץ	156
13)	מיסטער אָסוואלד פּיראָו מוז גיין	159
14)	דער טראַגישער סך הכל פון יאָר תרצ״ז	163
15)	דור הולך	170
16)	ווען איר וועט שטיין מיט געבויגענע קעפּ	174
17)	די פאשיסטישע מפּלה	177
18)	דער קאַשמאַר פון יאָר תרצ״ח	181
19)	ארום צוטיילונגס־פּלאַן	189
20)	דאָקטאָר קדמוני׳ס געבורטס שטעטעלע	193
21)	אזוי דארף זיין	197
22)	נאָכן ידיד	201
23	גרונדלאגן פאר אונזער געזעלשאפטלעכע אָרדענונג	217
24)	וואָס איז אַ נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע ?	222
25)	די געשיכטע און ענטוויקלונג פון מלאכה ביי אידן	233

ערשטער קאַפּיטעל.

די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג

(זיך געדרוקט אין „די אידישע פּאָסט" 13־טן מאי 1938)

מיט דער זייער אַנגעווייטאַקטער פּראָבלעם פון אנטיסעמיטיזם האָבן זיך גענומען פאַראינטערעסירן אַלע אונזערע כלל טוער מנהיגים, רבנים, משכילים, דיינקער, פאַרשער, דאָקטוירים און סתם אינטעליגענטן.

יעדער איינער פּרובירט זיך צו פּאַרטיפן לויט זיין יכולת אין די פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע גרונד־לאַגן פון די פאַרשידענע אנטיסעמיטישע באַוועגונגען און גריבלען זיך אין דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון די קריינקליכן געדאַנקן גאַנג פון די באַוואוסטזיניקע אידן־פרעסער און זייערע תלמידים און נאָכטענצער.

אונזער אינטעליגענציע וויל ניט נאָר פאַרשטיין די סבות און אומשטאנדן ווי דער אנטיסעמיטיזם איז געבאָרן, געוואקסן און זיך גענומען אַנטוויקלען ביז עס האָט דערגרייכט דער העכסטער פונקט פון אידן־העצע אין אונזער צייט, נאָר זיי ווילן אויך אין איין גאַנג געפינען אַ רפואה צו די מכה און זעען אַמווייניקסטנס צו פאַרקלענערן דעם טעמפּ פון אנטיסעמיטישן געוואוקס, אויב ניט אינגאַנצן עס צו באַזייטיקן.

פיל פון אונזערע אינטעליגענטן זיינען אַזוי צוטומלט געוואָרן פון אונזערע נידערלאַגן און וואקסנדע כוואַליעס פון אידן־האַס וועלכע האָבן זיך גענומען רוקן און פאַרפּלייצן די אידישע וועלט אין אַלע לענדער, אַז ביי זיך אַליין האָט זיך גענומען אַריינגנבנען אַ ספק אין זייערע הערצער און האָבן זיך גענומען פרעגן אפשר זיינען מיר טאַקע אַ סך שולדיק אין דעם וואָס יעדער קריגט אונז פיינט און וויל אונז טאָן שלעכטס, אפשר האָבן מיר מיט אונזער הנהגה אַליין פאַרדינט אַז די ניט אידישע וועלט זאָלן זיך אַזוי באַציען צו אונז?

מיט איין וואָרט עס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ מאָדע פון זעלבסט־קריטיק, וועלכע פאַרצווייגט זיך אין אַ קאָמפּלעקס פון „בטול היש"

פון „צדוק הדין" פון שלאָגן זיך על חטא און געפינען אויף זיך אלערליי חסרונות און ניט באוואוסטזיניק צוגעבן אַז אונזערע פארפאלגער זיינען גערעכט.

אנדערע ווידער, איבערהויפּט אונזערע אָפיציעלע פארזאָרגער, מאָראל פּרעדיגער און מוסר זאָגער געפינען, אַז מיר מוזן זיך מאכן אַ קאָלעקטיוון חשבון הנפש און יעדער איד מוז אָנשטריינגען אלע זיינע כוחות און מערער ווי זיינע קרעפטן און ווערן אַ מין בחיר היצירה, אַן אויבער מענטש, אַ האלבער מלאך, שטילער ווי וואסער און נידעריגער ווי גראָז, פיין, ארענטליך, איידל, העפליך און על כולם אַ פייערדיקער פּאטריאט, אַ מאָדעל און מוסטער פאר יעדן איינעם, דאן וועלן מיר ארויסרופן דעם געהעריגן רעספּעקט ביי אונזערע מיטבירגער און וועלן פארמאכן אלע בייזע צינגער.

אונזערע ראדיקאלן באהויפּטן דאָס אונזער גאולה קען קומען דורך דעם וואָס דער איצטיקער וועלט געראנגל פון פאשיזם און קאָמוניזם וועט זיך ענדיקן מיטן אנטגילטיקן נצחון פון די לעצטע, דאן וועט ווירקליך קומען אויף דער וועלט די עפּאָכע פון „באחרית הימים" און מיטן „חסד" פון אים אליין סטאלין זאָל לעבן, וועט אנטיסעמיטיזם פארבאָטן ווערן און קיינער וועט ניט וואגן צו דערמאָנען לגנאי אַ אידן, ווייל אזא מין וועט ניט זיין בנמצא, עס וועלן נאָר זיין בירגער פון פּראלעטארישע דיקטאטור, אַ חוץ יענע אומווירדיקע נפשות וועלכע האָבן אַ פּסול אין זייערע משפחות, למשל זייערער אַ זיידע אָדער אַ קרוב איז געווען אַ מאָל אַ קאפּיטאליסט אָדער גאָר אַ עקספּלאָטאטער רחמנא לצלן. וועגן אזוינע האָבן מיר דאָך ניט צו דאגהנען, זיי געהערן דאָך צו די בורזשואס קלאס און זיינען ניט ווערט אַז מיר פּראָלעטאריער זאָלן וועגן זיי זאָרגן...

נאָך אנדערע פארלאנגען גאָר אַ קלייניקייט, מען זאָל אָפּדרוקן על חשבון הקהל ביכלעך, בראשורן, פלוג־בלעטלעך וואו עס זאָל באוויזן ווערן מיט אותיות ומופתים אַז מיר אידן זיינען אויך „מענטשן" און עס פאר־שפּרייטן אומזיסט צווישן די ניט אידישע באפעלקערונג, און ווי גלייך זיי די ניט אידן וועלן עס לעזן וועט יעדערער איינזען אַז ער איז אומגערעכט און וועלן קומען זיך איבערבעטן מיט אונז.

אָט די אלע טעארעטיקער און רפואה זוכער פארגעסן אַז שנאת עולם לעם עולם האָט זיך אָנגעפאנגען פון גאָר אור אלטע צייטן. שוין גלייך ווי יוסף איז געשטאָרבן און די אידישע באפעלקערונג אין מצרים איז געווען

קוים עטליכע הונדערט נפשות דערציילט אונז דער חומש „ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף” און האָט געפאָדערט פון זיינע מיניסטאָרן און עצה געבער „הבה נתחכמה לו פן ירבה”. דאַן ווען אידן זיינען געווען די קלענסטע מינדערהייט אין דער וועלט, זיינען זיי געווען גרוים אין די אויגן ביי זייערע שכנים און מען האָט שוין גענומען זוכן מיטלען און פּראָיעקטן ווי זיי צו באַגרעניצן און פאַרביטערן זייער לעבן.

אידן אין יוסף׳ס צייטן האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט קיין האַנדל, מלאכה אָדער פּראָפעסיע, האָבן ניט קאָנקורירט מיט די מצרים אין ערד אַרבייט, האָבן זיך ניט געוואָרפן קיינעם אין די אויגן. זיי זיינען געווען פּאַסטוכער אין די באַזונדערע פּראָווינץ גושן, אַ באַשעפטיקונג וואָס קיין מצרי האָט זיך דערמיט ניט געוועלט פאַרנעמען, פונדעסטוועגן האָט פּרעה געזוכט מיטלען און אַרויסגעלאָזן אַלערליי גזירות זיי צו פאַרניכטן ווייל ער האָט גוט פאַרשטאַנען אַז אין דעם קליינעם הייפעלע פּאַסטוכער ליגט אַ גוואַלדיקע דינאַמישע קראַפט פון פרייהייטס קעמפער און זיינען אַ געפאַר פאַר זיין אַבסאָלוט זעלבסטהערשאַפט.

דער שטענדיקער צוזאַמענשטוים פון די ניט אידישע און אידישע קולטורן האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון בייסנדן און שאַרפן קעגנערשאַפט צו אידן, דערפאַר איז פאַרשטענדליך דאָס פון די גענויע 900 יאָר וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אין זיין לאַנד, אין ארץ ישראל, האָבן זיי גאָר געהאַט 40 פרידלעכע יאָרן, אין די צייט פון שלמה המלך און די איבעריקע צייט האָבן זיי געמוזט שטענדיק זיך פאַרטיידיקן קעגן זייערע נאָנטע און ווייטע פעלקער.

יאָרן שפּעטער, ווען געצענדינערייי האָט גענומען מאַכן פּלאַץ פאַר קריסטנטום האָט די קריסטליכע קירכע איבערגענומען און פאַרגרעסערט די ירושה פון אידן־האַס און האָט פאַר גאַנצע 1600 יאָר פאַרפאָלגט אידן און געפריידיקט פיינטשאַפט און אין וואָרט און אין טאַט האָט אָנגעפירט אַ פאַרניכטונגס קאַמף אַנטקעגן אידן און זייער קולטור.

די קירכע האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט אידן אומגליקלעך צו מאַכן און זייער לעבן פאַרביטערן, אַלע מיטלען זיינען געווען כשר אויב זיי האָבן געפירט צום געווינשטן ציל אויסראָטן אידן און זיי אָפּווישן פון דער ערד.

די שענדליכסטע ליגנס און די ווילדסטע און פינסטערע בלבולים ווי עלילת דם, דאָס שענדן פון זייערע הייליקייטן פאַרגיפטן די ברונעמער

און נאָך אלערליי אומגעלומפערטע פלוידערייען זיינען סיסטעמאטיש פארשפרייט געוואָרן אנטקעגן אידן און אונז פארשארפט הונדערטער טויזנטער אויב ניט מיליאָנען קדושים מארטירער וועלכע האָבן מיט גוואלדיקע איבערנאטירלעכע גבורה אריבערגעטראָגן אלערליי אומענטשליכע פייגונגען פון די אינקוויזיציעס און אומגעקומען אויף קדוש השם.

טויזנטער בייזע גזירות האָבן זיך געשאטן אויף אידישע קעפ, איבעראל וואו נאָר די קירכע האָט געהאט א דעה, האָט מען אידן געיאָגט און געטריבן, פארפאָלגט און פאראכט, פארפייניקט און אונטערדריקט, געראבירט, געמאָרדעט, פארברענט לעבעדיקערהייט אויף די שויטערהויפנס, און אלעס איז געטאָן געוואָרן אין נאָמען פון „ליבע און רחמנות" איז דען א וואונדער אז די אלע אידישע פארפאָלגונגען האָבן צופלאקערט דעם העלישן פייער פון אידן האס און איינגעפלאנצט און פארוואָרצלט די אידן שנאה אויף קומענדיקע דורות.

אין יעדער קינד האָט זיך איינגעזאפט און איינגעוועבט אין זיין נשמה א געפיל פון פיינטשאפט, גאל און שרעק פאר יעדן אידן. דאריבער איז אפילו נאָכדעם ווי די קלעריקאלן און קירכע האָבן פארלאָרן זייער פרעסטיזש און איינפלוס אויף זייערע אָנהייגער איז דאָך זייער 1600 יאָריקע לערע פון שנאה געבליבן און ביי יעדעם געלעגנהייט און אונטער אלע אומשטענדן זייענדיק אומעטום א מינדערהייט, שוואך, מאכטלאָז און הילפלאָז האָבן אידן געפילט די פאלגן פון די העצעס און דעם גיפט פון אידן־האס.

יעדער דעספאט פאָליטיקער דעמאגאג און אויסוואורף האָט לייכט געקענט און קען זיך מאכן פאָפולער און קומען צו מאכט אויב נאָר ער איז העפטיק אין זיינע אָנפאלן אויף אידן און קען זייער לייכט אויפרייצן די בייזע אינסטינקטן פון די אומוויסנדע און וויסנדע מאסן.

אויב דער רעליגיעזער געפיל איז ערגעץ וואו אָפגעשוואכט און מען קען עס ניט מער נוצן אלס מאָטיוו פאר אידן העצע דאן ווערט באנוצט אנדערע מאָטיוון עקאָנאָמישע קולטורעלע, פאָליטישע, סאָציאלע, פאטריאָטישע אָדער סתם אזוי תרוצים.

אידן ווערן באשולדיקט אלס קאפיטאליסטן וועלכע ווילן פארכאפן אלע רייכטימער פון דער וועלט אָדער אלס קאָמוניסטן וועלכע ווילן צושטערן די עקזיסטירנדע אָרדנונג. אידן ווערן באשולדיקט אלס אזעלכע וועלכע קענען זיך ניט אסימילירן און צוזאמענוואקסן מיט די הערשנדע מערהייט

אין די זעלבע צייט ווארפט מען אידן פאר אז זיי קריכן אלעמען אין די ביינער און שמעלצן זיך צוזאמען מיטן פאלקס ארגאניזם פון די לענדער וואו זיי לעבן.

זעלבסטפארשטענדליך אז אין די לענדער וואו די רעאקציע הערשט אומבאגרעניצט, מוז דער איד זיין א שעיר לעזאזל ניט נאר אלס כפרה הינדל אדער בליץ אבלייטער כדי אפצוציען דעם צארן פון די פאלקס מאסן נאר די גאנצע אידישע אידעלאגיע און וועלט אנשיינונג איז א געפאר פאר זייער הערשאפט.

אלזא איז קלאר פאר יעדן דיינקענדן פערזאן אז אנטיסעמיטיזם איז דער פועל יוצא דער פראדוקט פון א לאנגע לאנגזאמע קאמפליצירטע נשמה פארגיפטונג און עס איז אין עצה אין חכמה ואין תבונה קענן די אלע וועלבע זיינען אנגעפילט און דורכגעדרונגען מיט אידן האס און פאר'סמט מיט טראדיציאנעלע פאראורטיילן.

אונזער האפנונג איז דאס פריער אדער שפעטער וועט די ציוויליזירטע וועלט מוזן באטראכטן אנטיסעמיטיזם ניט אלס א אידישע פראגע נאר אלס א וועלט פראבלעם פון אינטערנאציאנאלן מאסשטאב כדי צו ראטעווען איר אייגענעם געוויסן און אונזער אויפגאבע איז מיט צו העלפן מיט אלע אונזערע כוחות די אלע פראגרעסיווע עלעמענטן וועלבע באטראכטן די אידן פראגע אלס זייער הויפט אויפגאבע צו באקעמפן און עס צו באזייטיקן.

מעגליך אז דער מאמענט ווען אנטיסעמיטיזם זאל ווערן א וועלט פראבלעם איז גאנץ ווייט פון אונז אבער עס איז אויך מעגליך דאס אומערווארטעטע סאציאלע ערשיטערונגען וועלן פארשנעלערן דעם פראצעס פון אונזער ערווארטונג און די גאנצע מענטשהייט וועט ענדליך דאך דערזען דעם שרעקליכן אפגרונד פון אנטיסעמיטיזם און זיינע פאלגן און וועלן איינמאל פאר אלעמאל אנשטריינגען אלע זייערע קרעפטן דאס אפצושאפן און באזייטיקן דעם שאנד פלעק פון די מענטשליכע געזעלשאפט.

אונדזער ענטפער היטלערן

(זיך געדרוקט אין „אידישן עקספרעס" 5־טן מאי 1933)

גרויס איז דער צער, טיף איז דער ווייטאַק לעזנדיק די אויסלענדישע פּרעסע באריכטן וועגן די ווילדע באַרבארישע מעשים, אומבאַשרייבלעכע יסורים, שרעקליכע מערדערייען אנטקעגן דער אומשולדיקער הילפלאזער אידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד.

עס ווילט זיך קוים גלויבן דאָס דער פינסטערער שאָטן פון דער מיטל־אַלטליכער אינקוויזיציע האָט אויפגעלעבט אין אַ לאַנד וואָס פּרעטענדירט אויף קולטור און ציוויליזאַציע, אַ פאָלק וואָס שטאָלצירט מיט פילאָזאָפן און דיכטער, מוזיקער און קינסטלער, קען זיך אין אַ קורצער צייט פאַר־וואַנדלען אין צובושעוועטע חיות מיט בעסטיאַלע אינסטינקטן און ערלויבן אירע באַנדעס כוליגאַנעס צו ראַבירן, פּלינדערן, שלאָגן און מאָרדן אומ־געשטערט און קיינער פון די אינטעליגענציע, קיינער פון די געלערנטע האָט ניט קיין מוט צו פּראָטעסטירן. זאָגאַר די גייסטליכע, די אָפיציעלע פאַר־שטייער פון דער קירכע, די פּריידיקער פון „מענטשן ליבע און רחמנות" האָבן זיך באַהאַלטן און ווילן ניט אויסדריקן זייער אומצופרידנהייט מיט היטלערס באַנדעס.

רוסלאַנד פאַרן צאַריזם איז געווען מער געבונדן ווי דייטשלאַנד אונטער היטלער. פונדעסטוועגן האָבן זיך די שריפטשטעלער, געלערנטע און סתם אַזוי אינטעליגענטן זיך געשטעלט אין די רייען פון די פאַרפאָלגטע אידן און זיינען געגאַנגען אין די טורמעס פאַר זייערע איבערצייגונגען.

און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט אָפּגעגעבן 12 מיליאָן שטימען פאַרן סאָציאַליזם אין די לעצטע וואַלן, האָט ניט געקענט געבן איין שטימע אנטקעגן אידישע פאַרפאָלגונגען! אַלזאָ איז קלאָר, דאָס דער אידן־האָס האָט דורכגעדרונגען אַלע שיכטן פון דער דייטשער באַפעלקערונג און האָט פאַרגיפטעט די געפילן און שכל פון דייטשן פאָלק.

היטלער איז ניט נאָר די פאַרקערפּערונג פון דייטשן צופּוילטן „וויסנ־שאַפטליכן אנטיסעמיטיזם", ער איז דער געהעריקער און פּאַסנדער שליח צבור פון דייטשן פאָלק.

דער אויסערליכער גלאַנץ פון קולטור, מיט וועלכע די דייטשן האָבן געשטאָלצירט האָט זיך איצט באַוויזן, אַז עס איז נאָר אַ אויבערפלעכלעכער אָבער אינערלעך זיינען די דייטשע מאַסן, די זעלבע באַלוואַנעס ווי די דאַנסקיע קאַזאַקן אין די צייט פון די צאַרישע הערשאַפט, אָדער פּעטליור־ראַווצעס און נאָך אַזוינע כאַמעס.

אמת, דער שטורם פּראַטעסט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט פון מזרח און מערב, צפון און דרום האָט געהאָלפן עטוואָס איינצוהאַלטן דעם טעמפּאַ פון היטלערס טייוולאַנישע באַנדעס, אָבער די אידישע עקזיס־טענץ אין דייטשלאַנד ווערט רואינירט.

סיסטעמאַטיש מיט דייטשע פּינקטלעכקייט ווערט דער איד אַרויס־געשטויסן פון אַלע פּאָזיציעס אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן געביט.

אידישע דאָקטוירים ווערן פאַריאָגט פון שפּיטאַלן, ניט קוקנדיק אויף זייערע גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון מעדיצין; אידישע אַדוואָקאַטן און ריכטער ווערן אַרויסגעשטויסן פון געריכט, אידישע אַנגעשטעלטע ווערן אַנטזאָגט פון זייערע פּאָסטנס, דער אידישער געשעפט ווערט באָיקאָטירט, דער אידישער קרעדיט אונטערגעגראָבן ניט קוקנדיק וואָס אידן האָבן מיט־געהאָלפן די ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד.

אַלע קרבנות פון די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע אין דעם גרויסן וועלט קריג קענען ניט פאַרדעקן דעם גרויסן חטא פון זיין אַ איד, אָדער האָבן אַ אידן פאַר אַן עלטער זיידע. קען דער מענטשלעכער שכל דאָס באַגרייפן די טיפקייט פון אומרעכט און ווילדקייט פון אומענטשליכקייט?

און אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג ווערט נאָך צוגעלייגט די אַלע נאַכט „הויז אונטערזוכונגען" פון היטלער־לייט, באַוואַפנט מיט גומענע שטעקנס, נאַגאַיקעס און רעוואָלווערן, וועלכע רייסן זיך אַריין אין מיטן נאַכט אין די פרידלעכע אידישע הייזער, צושמעטערן די מעבל, צוברעכן די כלים, צורייסן די בילדער, פאַרניכטן אַלעס וואָס קומט אונטער זייערע הענט און דערצו ווערט דער אייגנטימער אַוועקגעפירט ערגעץ וואו און ווערט פאַרשוואונדן. קיינער ווייס ניט וואו ער איז אַהינגעקומען, נאָר מיט

עטליכע טעג שפּעטער ווערט ווי געפונען אַ טויטער קערפּער ארויסגעשווינקט פון אַ טייך אָדער ערגעץ וואו אין אַ גראָבן און מערסטנטייל זיינען די קערפּערס אזוי צוקלאַפּט אזוי „באַאַרבעט", דאָס מען קען זיי שווער דערקענען.

די „הויז אונטערזוכונגען" קומט פאר איבער גאנץ דייטשלאַנד אַלע נאַכט און קיין אידישער איינוואוינער איז ניט זיכער אויב ער וועט די נאַכט שלאָפן אַ היים אָדער ער וועט שמאַכטן אין די אונטער־ערדישע קאַזאַמעטן פון די פּאָליציי סטאַנציאַנען אָדער אין די פינסטערע קעלערן פון היטלערס מחבלים.

און ווען אידן איבער דער גאנצער וועלט זיינען געוואָרן אויפגעציטערט און האָבן באַשלאָסן צו רעאַגירן אויף היטלערס אָנפאַלן און געבן היטלערס באַנדעס אַ נעהעריקן ווידערשטאַנד דורך דעם באַיקאָטירן דייטשע סחורות, דייטשע מעדיצין, דייטשע שיפן, דייטשע פינאַנציעלע אונטערנעמונגען, רייטשע קוראָרטן און דייטשע ביכער, ביז וואַנעט די כאַמעס וועלן קומען צו זייער שכל און זען דאָס אידישע לעבן און האב און גוטס איז ניט הפקר — איז אין דער זעלבער צייט דרום אפריקע אַנ־אויסנאַם.

עס געפינען זיך דאָ אַ גרופּע כלל טוער וואָס האַלטן אין וואַרטן ביז וואַנעט דער „גוי", דער „פּריץ" וועט געבן אַ הכשר אַז מען מעג פּראָטעסטירן ווען אידישע בלוט גיסט זיך אין שטראָמען. אונזערע כלומרשדיקע פּאַר־זאָרגער האָבן ניט קיין מוט און אויך ניט קיין פעיאיקייט צו אָרגאַניזירן פּראָטעסט מיטינגען איבערן גאנצן לאַנד פון אידן און ניט אידן. מיט איין מאָל זיינען אונזערע „פירער" געוואָרן פאַרזיכטיק צו אָרגאַניזירן די באַיקאָט באַוועגונג וואָס האָט פון זיך אליין ארומגעכאַפּט די אידישע מאַסן. דער געזונטער חוש פון אידישן פאָלקס מענטש, קען ניט רוען און זיין גלייכ־גילטיק ווען הונדערטער טויזנטער אידן אין דייטשלאַנד ווערן צוראינירט, און האָבן אליין גענומען איינציקווייז באַיקאָטירן דייטשע סחורות און צאָלן היטלערן מיט זיינע אייגענע מטבעות.

אָבער דאָס טוען איינציקע, יחידים ניט אָרגאַניזירט, אָן אַ פּלאַן, אָן אַ סיסטעם. אָבער אונזער געזעלשאַפטלעכער „באַנצע שוויינ" שיקט דעפּעשן און וואַרט ביז דער גרויסער „פּריץ" וועט געבן זיין הסכמה אַז מען מעג שרייען ווען מען שלאָגט אונז?

זייער ווייניק פון אונזערע „באַנצע שוויינ" פאַראיין וויסן געגוי די האַנדלס פאַרהעלטעניסן צווישן דרום אפריקע און דייטשלאַנד.

עס איז גענוג אויב איך וועל דאַ ברייגגען עטלעכע ציפערן גענומען פון דעם אָפיציעלן רעגירונגס באריכט פון קאסטאמס פאַרוואלטונג. עס איז אַ שאַדן אַז איך מוז ברייגגען די ציפער ביז ענדע 1931, ווייל פאַר 1932 איז נאָך ניט פארענדיקט.

די פאָלגענדע ציפערן באווייזן דאָס דרום אפריקע האָט אימפּאָרטירט פאַרשיידענע סחורות פון דייטשלאַנד ניט אריינרעכענדיק וואָס די רעגירונג אליין האָט געקויפט אויף די פאָלגענדע סומען: 1927 — 4,552,125 פונט, 1928 — 4,762,302 פונט, 1929 — 4,965,507 פונט, 1930 — 3,694,735 פונט, 1931 — 3,343,676 פונט.

אויסער דעם האָט די רעגירונג געקויפט אין דייטשלאַנד פאָלגענדעס: אין יאָר 1930 — 675,138 פונט, אין יאָר 1931 — 292,818 פונט.

אין אנדערע ווערטער, פאַר די לעצטע פינף יאָר האָט דרום אפריקע אימפּאָרטירט סחורה פון דייטשלאַנד פאַר די סומע פון 22,306,301 פונט.

און מערער ווי 81 פראצענט פון די 22 מיליאָן איז אימפּאָרטירט געוואָרן דירעקט דורך אידישע געשעפטן. און איך קען מיט זיכערהייט זאָגן דאָס דער גרעסטער טייל איבעריקע 19 פראצענט פון דייטשן אימפּאָרט איז אויך אוועק צו אידישע געשעפטן. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו באמערקן דאָס אין 1931 לויט דעם אָפיציעלן רעגירונגס באריכט האָבן אויסער פּאַסאַזשיר שיפן באזוכט די אפריקאנער פּאָרטן און געבראַכט סחורות: 17 ענגלישע פראכט שיפן און 69 דייטשע פראכט שיפן.

איצט איז לייכט צו האָבן אַ באגריף, דאָס די אידישע געשעפטן אין דרום אפריקע זיינען אויפקויפער פאַר דריי און אַ האַלב מיליאָן פונט סחורה פון דייטשלאַנד און גיבן ארבעט צו 69 דייטשע שיפן.

הייסט עס: דאָס מיר אידן שטיצן היטלערן מיט זיינע פינסטערע באַנדעס מיט אַ סומע פון 3 און אַ האַלב מיליאָן פונט.

אַ סומע פון 3 און אַ האַלב מיליאָן פונט גיט די מעגליכקייט פאַר 50,000 היטלעריסטישע מחבלים ארומצוגיין מיט פּאַקעלן און פענער און שרייען „יודע פערעקע”, אַ טויט די אידן, אַ גאַנץ יאָר. די 3 און אַ האַלב מיליאָן קען מיט אביסל אנשטריינגונג איבערגעשיקט ווערן צו ענגלאַנד, וועלכע האָט באוויזן אַז זי איז דאָך אנ'אמתר גוטער פריינט פון אידישן פאָלק.

לאָרד באַלפור, לאָיד דזשאָרדזש, טשערטשיל, טשעמבערליין, וועדזשוואוד, פּראָקטאָר און אנדערע מאַכן אונז פארגעסן פּאַספילדן. און די

עקסטרא 69 שיפן וועלכע מיר אידן ניצן פאר די סחורות און די דריי און א האלב מיליאן אין אימפארט וועט באווייזן דאס דער אידישער פאלק ווייס צו באדאנקען זיינע גוטע פריינט און קען זיך רעכנען מיט זיינע שונאים.

עס בלייבט נאר אז עס זאל זיך פארמירן א „צענטראל קאמיטעט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם" וועלכער דארף באשטיין פון אלע שיכטן פון די אידישע באפעלקערונג און אויך צוציען די סימפאטישע ניט־אידן, מיט אפטיילונגען אין יעדער שטאט, שטעטל און דארף.

דער קאמיטעט דארף באזוכן יעדן שאפקיפער און אויסגעפינען וועלכע סחורות ער האט פון דייטשלאנד און ווירקן ער זאל מער זיי ניט קויפן.

אויך אלע פאבריקן און אנדערע אנשטאלטן דארפן באזוכט ווערן און אויפגעפאדערט ווערן ניט צו נוצן דייטשע סחורות.

אידישע דאקטוירים, אפטייקערס, דענטיסטן, טעכניקער און אינזשע־נערן, ארכיטעקטאר'ס און אנדערע דארפן מיטהעלפן דעם ערפאלג פון באיקאט.

דער צענטראל קאמיטעט דארף האבן א אינפארמאציאנס ביורא, וועלכע זאל קענען געבן גענוי אויסקינפטע וואו מען קען פונקט אזעלכענע סחורות קריגן.

אידישע געשעפטס לייט דארפן וויסן, דאס ניט נאר מען טאר ניט קויפן קיין דייטשע סחורה, נאר מיט אלע מעגליכקייטן צו זען וואס ווייניקער רויע שטאפן (רויע מאטערילן) זאל עקספארטירט ווערן נאך דייטשלאנד.

מעגליך דאס עס וועט פארקלענערן דעם פראפיט, אבער מען דארף ניט פארגעסן דאס דער שיקזאל פון גאנצן אידישן פאלק איבער דער גאנצער וועלט איז אין קאן און די צייט איז געקומען דאס מיר זאלן געבן היטלערן דעם געהעריקן ענטפער: „עם ישראל חי".

דריטער קאפיטעל.

מיר טאָרן ניט שווייגן

(זיך געדרוקט אין אפריקאנער אידישער צייטונג 1933)

ווידער ברייננגט אונז, דער טעלעגראף, די טרויעריקע נייעס פון דייטש־לאנד, אז דאָרטן פארשטארקן זיך די רדיפות אויף אידן.

דער פאגראם אין בערלין וואָס איז די טעג פאָרגעקומען, איז נאָר א מין הקדמה צו וואָס די היטלער באנדעס האָבן בדעה צו טאָן דעם אידישן קבוץ אין דייטשלאנד, זיי מאכן ניט דערפון קיין שום סוד, זייער צוועק איז איינפאך, דערשטיקן און פארניכטן אינגאנצן דעם אידישן מיעוט אין דייטשלאנד.

די אָפיציעלע דייטשע נייעס אגענטור, צוזאמען מיט דעם גאנצן אפאראט פון דייטשן פראפאגאנדע מיניסטעריום פארשפרייטן איצט אומפארשעמט די שענדלעכע ליגנס, אז די אידישע באפעלקערונג זיינען געוואָרן חוצפה׳דיק צו די נאצים און אידן פאלן אָן און באליידיקן עמלק׳ס מיוחסים, בקיצור „הקזק הנגזל״. לכן דארף מען אלע אידן אומברייננגען, „להרוג ולאבד״, ווי אונדזער פריינד דאָקטאָר יוסף געבעלס דריקט זיך אויס „מיר גייען אויסראטן דעם אידישן אומרו פון דייטשלאנד, מיט בלוט און אייזן״.

אייגענטלעך איז דאָס אלעס גאָר ניט קיין נייעס, ווייל פון דער ערשטער מינוט, זינט די פארשאלטענע אידן־פרעסער האָבן פארכאפט די מאכט, ווערט דער אידישער לעבן אומערטרעגלעך פון טאָג.

די גאנצע צייט קומט פאר א סיסטעמאטישער פאגראם, א פינקטלעכער אויסראטונג פראצעס פון אידן.

עס ווערט אוועקגענומען און פארמאכט אלע פרנסה קוואלן אויף אלע געביטן פון רעגירונגס, מוניציפאלישע, געזעלשאפטלעכע און פריוואט לעבן. אידן זיינען און ווערן ארויסגעשטויסן פון יעדער צווייג פון אינדוסטריע, קאמערץ, און פראפעסיאן.

ווער רעדט פון אידישן כבוד און מענטשלעכע ווירדע, דאפון איז שוין קיין זכר ניטא. די דייטשע באפעלקערונג ווערט טאג טעגלעך געררייצט און געהעצט אויף אידן, זאגאר קליינע שול קינדער ווערן אויפגעפאדערט צו ווייכן פון אידן און ווערן געלערנט ווי צו זידלען און שפייען אויף זייערע אידישע שול־חברים.

די לופט ווערט פארפעסטיקט טאג טעגלעך דורך די ראדיא מיט אלער־ליי שמוציקע עקעלדיקע ווילדע זלזולים און נארישע מאניאקישע בלבולים אויף אידן, און די ראדיא ווערט מיטגעהאלפן דורך די פרעסע, קינא און אפענע פארזאמלונגען.

איז דען א וואונדער אויב מען קען יעדן מאמענט דערווארטן א שוידערלעכע שחיטה אויף אידן וועלכע זאל אריבערשטייגן קישינעוו און פעטלורען, ווי זייער קדוש, דער הייליקער אויסוואורף הארסט וועסעל׳ס ליד לויטעט:

„ווען דער מעסער שפריצט מיט אידיש בלוט דאן וועט דייטשלאנד זיין אימער גוט״!

און די מעסער העלדן ווערן שוין אומגעדולדיק, דער בייזער רציחה געפיל פון די „בלאנדע בעסטיע״ רופט און וועקט צו היטלער׳ס לאנג פאר־שפראכענע „נאכט פון לאנגן מעסער״.

מיט וויטאק שטעלט זיך די פראגע, פארוואס שווייגט די אידישע עפנטלעכקייט? פארוואס זיינען מיט אמאל געווארן אזוי אפאטיש צום גורל פון אונדזערע 600,000 ברידער? פארוואס האבן מיר זיך שוין אזוי גיך צוגעוויינט צו קוקן גלייכגילטיק מיט פאטאליזם אויף דעם שרעקלעכן אידישן אומגליק, און נעמען ניט אן קיינע שריט צו העלפן און פארלייכטערן די אומבאשרייבלעכע צרות פון אונדזערע ברידער און שוועסטער?

דארפן מיר זיצן קאלטבלוטיק און ווארטן ביז דער פארשלאפענער „וועלט יושר״ וועט זיך אויפכאפן פון זיין הינערפלעט אויף דעם איז דא זייער שוואכע האפענונגען. מיר דארפן ניט זיין געגארט און מודה זיין אז די לעצטע עטלעכע יאר האט אונדז דייטלעך באוויזן דאס ס׳עקזיסטירט לחלוטין ניט קיין „וועלט יושר״.

עס איז נאר געווען א סענטימענטאלער פאנטאזיע פון פאעטן און ראמאנטישע דיינקער פון פאריקן יארהונדערט, אבער די ביטערע ווירק־לעכקייט דערציילט אונדז קלאר און דייטלעך אז דער באגריף פון „וועלט יושר״ איז א פוסטער קלאנג, א פראסטע פראזע וואס האט שוין פארלארן דעם זין און אינהאלט.

ניט ווילנדיק מוזן מיר קומען צום באשלוס דאָס דער אידישער גורל ליגט אין אונדזערע אייגענע הענט. און אויב יעדער איד איבער דער גאַנצער וועלט בכלל און אין דרום אפריקע בפרט וועט זיך גוט אריינטראַכטן אין אונדזער לאגע וועט ער מוזן קומען צו דעם אויספיר אז „זעלבסט־הילף״ דארף און מוז ווערן אונדזער לאזונג, אונדזער שלאַג וואָרט.

„זעלבסט־הילף״ מיינט אַז יעדער איד זאָל אויף אַ ווײַלע פארגעסן און פארבויגן זיינע פריוואטע אינטערעסן און זען מיט אלע מעגלעכקייטן פארשטארקן דעם באיקאט אויף דייטשע סחורות, און דאָס מוז געטאָן ווערן גלייך באמונה מיט מסירת נפש, צוזאמען קאלעקטיוו, ניט ביחידות, איינער מוז ווירקן און דערמוטיקן דעם צווייטן, דאָס יעדעס ארטיקל וואָס עס זאָל ניט זיין אויב נאָר עס קומט פון עמלק׳ס מדינה, צו עס טראָגט קין׳ס צייכן „מייד אין דזשערמאַני״ אָדער ניט דארפן מיר זיך פון דעם אָפּשאָקלען מיט עקל און שוידער, זאגאר אַז מען קריגט דאָס אומזיסט טאָר מען עס ניט ניצן עס דארף זיין אסור בהנאה, מוקצה מחמת מיאוס, עקלדיק און אָפּשטייסנד תעב תתעבנו כי חרם הוא.

מיר קענען ניט אוועקגיין פון דעם פאקט דאָס דער באיקאט איז דער איינציקער ווירקזאמער שטארקער קעגן־גיפט אנטקעגן דעם נאַצישן ראַסן־גיפט.

מיר טאָרן ניט פארגעסן פאר אַ מאָמענט דאָס אין דייטשלאנד ווערט דער עקאָנאָמישער חורבן גרעסער פון מינוט.

די מלוכה חובות פארגרעסערן זיך קאלאסאל, דער ארבעטס־לוין פאלט, די פרייזן פאר לעבנס־מיטל שטייגן אָן אויפהער, דער „מארק״ האָט ניט קיין פעני גאָלד מיט וואָס צו דעקן, די באפעלקערונג ווערט בארויבט דורך די נייע פאפיר געלט וועלכע די מלוכה מאשין דרוקט אָן אַ מאָס און אָן אַ חשבון אן וועלכער עס איז ווירטשאפטלעכער קאנטראָל.

די היטלער באנדיטן האָבן זאגאר געצוואונגען די סיווינגס־באַנק (שפאר קאסן) זיי צו לייען די דעפּאזיטס פון די מאסן און די געלט ווערט פארניצט צוצוגרייטן אַמונישן און מיליטערישע הכנות פאר די קומנדיקע וועלט מלחמה וועלכער דער „פירער״ מיט זיין באנדע גרייטן צו מיט אַ פיבערהאפטיקן טעמפּאָ.

אמת דאָ און דאָרטן איז שוין דאָ סמנים אַז די ארבעטער מאַסן ניכטערן זיך אויס פון זייער נאַציאָנאַלן היפּנאָז אין וועלכן היטלער מיט זיינע גענגסטערס האלטן זיי פארקלאמערט, די פארשידענע שטרייקס און

אפטע צוזאמענשטויסן דערציילן אונדז אז עס איז ניט כשורה, „אז ערגעץ אין דייטשלאנד עיפושט״.

און אויב דער עקספּאָרט פון דייטשע סחורות זאָל נאָך נעמען מערער פאלן דאן וועלן זיי ניט האָבן צו קויפן קיינע רויע מאטעריאלן.

די פאבריקן וועלן זיך מוזן פארמאכן וויילע זייערע גרויסע זאפאסן ענדיקן זיך שוין און ממילא וועט די ארבעטסלאזיקייט שטייגן. דאן וועט מוזן קומען דער לאנג דערווארטערטער מאָמענט פון א פאלשטענדיקן צוזאמענברוך פון עמלק׳ס מדינה.

מיר מוזן אין אונדזער אייגענע אינטערעסן זיך גוט ארגאניזירן און שליסן פעסטער אונדזערע שורות, כדי אָנצופירן מיט פולשטענדיקער אחדות א פּלאנמעסיקע טעטיקייט אז דער באיקאט אויף דייטשע סחורות זאָל זיין גאנצע הונדערט פּראצענט.

מיר טאָרן זיך ניט לאָזן איינריידן פון אונדזערע פאלשע בעלי טובות און אומגעבעטענע כלל פארזאָרגער, אז מיר זאָלן ניט אויפוועקן די בייזע אנטיסעמיטישע הינט, אזא באהויפּטונג איז גרונטלאָז און נאריש. יעדער דיינקענדער מענטש פארשטייט אז דער שווערפּונקט און אויסגאנג פון אונדזער אידישער טראגעדיע שפּילט זיך אָפּ אין דייטשלאנד און ווי נאָר היטלער מיט זיין באנדע וועלן פארניכטעט ווערן פון דערוואכנדן דייטשן פּראלעטאריאט אזוי וועלן די היגע געדונגענע „גראע העמדלעך״ מיט אלע אנדערע אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס פארשוואונדן ווערן אז מען וועט זייער געביין ניט געפינען. פארקערט חלילה אז היטלער זאָל זיך נאָך האלטן א לענגערע צייט, דאן וועט אונדז ניט העלפן די פּאָליטיק פון „גאנצע שווייג״ אלץ איינס וועט דער היגער אנטיסעמיטיזם ווערן אקטיוו און אגרעסיוו און מיר וועלן דורכגיין די שבעה מדורי גהינם פון אידן פרעסעריי אויפן דייטשן מאסשטאב.

אלזא, אידן, געדיינקט אונדזער איינציקער געווער באשטייט נאָר אין אָרגאניזירן א באיקאט אויף דייטשע סחורות אין אלע פארמען און געביטן.

פירטער קאפיטעל.

פראָבלעמען פון היגן אידנטום

(געדרוקט זיך אין אפריקאנער אידישער צייטונג)

אויב מען וויל באהאנדלען פראבלעמען פון היגן אידנטום, **מוז מען** זיי קלאסיפיצירן; עקאָנאָמישע, קולטורעלע, געזעלשאפטלעכע און **פּאָליטישע.** דאָס זיינען די הויפט אָנגעווייטיקטע פראגן וואָס מוזן קריגן א גנהעריקע באלייכטונג.

עס איז ניט נויטיק זיך ארייגצולאָזן אין חקירות וועגן די סבות פון איצטיקן קריזיס. עס איז אויך ניט נויטיק זיך אָפצושטעלן אויף די מיינונגען פון עקספערטן וועלכע זאָגן נביאות ווי לאנג דער קריזיס וועט אָנהאלטן. נאָר איין זאך דארף אונטערשטרייכט ווערן, די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אידישן לעבן אין דרום אפריקע צופאלט זיך! די יסודות פון די אידישע פרנסות שאקלען זיך און די הכנסה פון די היגע אידן איז געשטעלט אונטער א טראגישן פראגע צייכן.

כדי אויך צו געבן א גענויען בילד ווי עס האלט מיט די אידישע פרנסות, איז וויכטיק אָנצווייזן אויף איניקע ציפערן וועלכע גיבן קאלט און טרוקן א באגריף פון דער עקאָנאָמישער לאגע.

לויט די לעצטע פאָלקס־ציילונג פון דער היגער רעגירונג וואָס איז ניט לאנג פאָרגעקומען, ווייסן מיר אַז אין דרום אפריקע געפינען זיך 93 טויזנט אידישע נפשות אָדער 16,452 אידישע פאמיליעס.

כמעט דריי פערטל פון די היגע אידן האָבן ליצענס אלעם „גענעראל דילערס", מיט אנדערע ווערטער 73 פראצ. פון די אידישע באפעלקערונג זיינען הענדלער, קרעמער, פארמיטלער. זעקס פראצ. זיינען באשעפטיקט מיט מלאכות, 11 פראצ. פארנעמען זיך מיט פרייע פראפעסיאנען ווי, דאָקטוירים, דענטיסטן, אפטייקערס, כעמיקער, אינזשינערן, ארכיטעקטארס א.א.וו. 2 פראצ. זיינען אינדוסטריעלער, פאבריקאנטן, גרעסערע אָדער קלע־

נערע, און מילנערס. 0,7 זיינען באשעפטיקט מיט פארמעריי און אנדערע פארמען פון אגראר ווירטשאפט. 1.3 פראצ. זיינען כל קודש רעווערענדס, רבנים, חזנים, שוחטים, משולחים, לערער, זינגער און ארטיסטן.

4 פראצ. ציען זייער חיונה פון פארשידענע אינוועסטמענטס ווי: הייזער אָדער אקציעס. 1 פראצ. באשעפטיקן זיך מיט רעסטאראנען און באָרדינג הייזער און 1 פראצ. זיינען רעגיסטרירטע וואָס קומען אין די צדקה אנשטאלטן, מער אָדער ווייניקער, דאָס איז די גאנצע 100 פראצ. פון עקאָנאָמישן מצב פון די היגע אידן.

די אויבנדערמאָנטע ציפערן באווייזן אונז דאָס דריי־פערטל פון די אידישע באפעלקערונג לעבן פון מסחר, פון פארמיטלונג צווישן די פראָדו־צירער און געברויכער.

די אלגעמיינע אנטוויקלונג פון לאנד ווירטשאפט און די פארהעלטע־ניסע אויף די וועלט מארקעטס האָט גענומען ארויסשטופן דעם פארמיטלער פון זיינע עקאָנאָמישע פאזיציעס.

די קאאפעראטיוון פון די פארמערס קאָנצענטרירן פון יאָר צו יאָר אלץ מער פראדוקטן פון לאנדווירטשאפט. ווי תבואה, מילעס, וואל, פעלן, פלייש, לעבעדיקע בהמות און פרוכטן. די אלע פראָדוקטן ווערן לייכט פארקויפט דירעקט צו געברויכער אויף אָן אָרט, אָדער ווערן עקספארטירט נאָך אויסלאנד מיט די הילף פון די רעגירונג און מיט די קרעדיטן פון די ביינק.

אויך די פארשפרייטונג פון די סיסטעם פון באזארס און דעפארטמענט סטארס פאריאָגן און ברייננען אונטער דעם קליינעם קרעמער.

וואָס בעסער די צייט וועט ווערן, וואָס מער מיטלען די רעגירונג וועט האָבן און וואָס מער קרעדיט די ביינק וועלן קענען שאפן אלץ ערגער וועט ווערן די לאגע פארן אידישן פארמיטלער און סוחר, אלץ שטארקער וועלן ווערן די קאאפעראטיוון פון די פארמערס און איינגער וועט ווערן דעם אידישן לופט מענטש.

צו מיר ווילן צו ניט, פריער אָדער שפעטער וועט ארויפשווימען די פראגע „וואָס וועט זיין?״

עס איז קלאָר פאר יעדן דאָס אלע פארמען פון די אידישע פרנסות לעבן דורך א איבערגאנגס תקופה, און דער איד וועט זיין, געצוואונגען צו זוכן נייע פארמען און א פרישן מקור פאר זיין עקזיסטענץ.

עס איז אויך ניט קיין ספק דאָס דער איד וועט זיך מוזן נעמען צופּאסן צו די אינדוסטריעלע פאָדערונגען און וועט זיך אַ ווארף געבן מיט דעם גאנצן אימפּעט פון זיין פעאיקייט, שכל און אונטערנעמונגס קראפט צו אינדוסטריעלן געביט וועלכע פארשפּרעכט אומבאגרענצטע מעגלעכקייטן אין אַזאַ אינדוסטריעל אָפּגעשטאנענע מדינה ווי דרום אַפריקע, מיט אירע שכנות׳דיקע טעריטאָריעס.

עס איז אויך מעגלעך דאָס פילע וועלן זיך נעמען צו אגראר ווירטשאפט, פּיצוכט און מלאכות. אָבער כדי צו מאכן די איבערגאנגס תקופה לייכטער פאַרן יחיד ווי אויך פארן כלל איז נויטיק אַז עס זאָל געשאפן ווערן אַ אינפאָרמאציאָנס ביורא פון עקאָנאָמישע עקספּערטן און טעכניקער, וועלכע זאָלן גרינדלעך שטודירן די פראגע וועגן די מעגלעכקייט פון אַ פּלאנמעסיקע אינדוסטריאַליזאציע.

אויסער דעם וועט מען אויך דארפן שאפן אַ פאָלקס־באנק וואָס וועט קענען פינאנסירן דעם קליינעם אונטערנעמער מיט די נויטיקע געלט מיטלען.

אַ חוץ די עקאָנאָמישע איז טרויעריק די פּראָבלעמען פון אונזער קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע ארבעט.

די גאנצע פרעמדע אַטמאָספערע, דער פרעמדער שול וועזן, דער אָפּשטעלן פון דער אימיגראציע פון מזרח איירָאָפּע, דאָס אַלעס רייסט אַוועק פון אונז דעם יוגנט און פארטיפט דעם תהום צווישן עלטערן און קינדער.

אונזערע געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן ליידן פון מאנגל אין מיטלען און טוערס.

דער קליינער הייפעלע עסקנים וועלכע פארנעמען זיך מיט געזעלשאפט־לעכע ארבעט קענען זיך ניט צורייסן אויף אַלע פראנטן און זיי ווערן גיך איבערדריסיק זיך און יענעם. דער רעזולטאט איז אַ מיש מאַש, אַ תהו ובהו און אונזער גאנצע ארבעט הייננט אין דער לופטן אָן אַ קעגנזייטיקן באַדן, אָן אַ חשבון און אָן וועלכע עס איז פּלאנמעסיקייט.

דער פונדאַמענט פון אונזער קולטור, אונזערע שולן, תלמוד תורות מאַטערן זיך און האַלטן זיך אויף הינערשע פיסלעך.

אונזערע אידישע לערער זיינען קיין מאָל ניט זיכער מיט אַ נאָרמאַל בכבוד׳יקן מינימום צום לעבן, זיי האָבן קיינע אויסזיכטן און קיינע פּערספּעקטיוון אויף די צוקונפט.

עס איז נאטירלעך, דאָס יעדער לערער מוז קוקן אויף זיין ארבעט ווי אויף אַן אומגליקלעכע נויטווענדיקייט און ער ציילט די מינוטן ווען ער וועט קענען געפינען עטוואָס אנדערש און דערפון פטור ווערן.

דער לערער איז איבערצייגט דאָס די אידישע ערציאונג קען אים קיין קאריערע ניט געבן און דערפאר קען ער ניט קאנצענטרירן זיך אויף פעדאגאגיקע. דער פועל יוצא דערפון איז דאָס אונזער יוגנט וואקסט א דור פון אומוויסנדע — א דור פון „מפטיר" און „קדיש" אָבער וואָס וועט זיין גלייכגילטיק צו אלע אידישע אינטערעסן.

עס פעלט אונז אַן אנשטאלט וועלכע זאָל זאָרגן פארן לערער, פאר די ערציאונג און פארזיכערן בכבוד דעם עקזיסטענץ פון לערער און אויך מאכן אנציענד די פראפעסיע פון פעדאגאגיק, אנציענד פאר יעדן אידישן אינטעליגענט און יעדער אינטעלעקטואל זאָל געפינען א גייסטיקע באדערפניש און קולטורעלע טעטיקייט.

מיר דארפן א דעמאקראטישן נאציאנאלן ראט

(זיך געדרוקט אין אידישן אפריקאנער צייטונג)

מעגלעך אז מאנכע פון אונדזערע לעזער וועלן באטראכטן פאר לעכערלעך וואס דווקא איצט אין א צייט ווען די „גראע העמדלעך" האבן אויפגעהויבן די קאפ און פארשפרייטן זייערע גיפטיקע אנטיסעמיטישע העצעס, זאלן מיר דארפן מאכן א חשבון הנפש פון אונדזער געזעלשאפטלעכער פאסיוויטעט און טרויעריקער גלייכגילטיקייט. נאר גראדע איצט ווען מיר דא אין דרום אפריקע ווערן פארפלייצט פון די אידן פרעסערישער כוואליע, ווען דער אידישער כבוד ווערט געטראמפעלט מיט בלאטיקע פיס, ווען יעדער גארנישט יעדער ליידיקגייער קען זיך אנטאן א העמדל, מיט א סוואטיקע און „המן עליך ישראל".

ווען אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען ווערט אפן, אומגעשטערט דעבאטירט אז מען דארף אידן אויסראטן, זייער פארמעגן קאנפיסקירן און זיי אליין ארײנווארפן אין ים — דבורים מיט וועלכע היטלער אליין מיט זיין פינסטערע באנדע קענען זיך ניט שעמען — אין אזא צייט אז דער אידישער קבוץ אין דרום אפריקע איז הילפלאז, ניט ארגאניזירט, צוברעקעלט און צוריסן. און מיט צווייפל פרעגט זיך וואס וועט זיין דער סוף?

אמת, עס געפינט זיך דא די דזשואיש באארד אוו דעפיוטיס, א נאציאנאלע פארשטייערשאפט וועלכע, די ניט אידיש וועלט, און זאגאר די רעגירונג אנערקענט אפיציעל, און וועלכע האט געקענט האבן א השפעה און איינפלוס אויף די ברייטע שיכטן פון דער היגער אידישער באפעלקערונג — א קערפערשאפט וועלכע האט געקענט זיין דער פארשטייער פון דרום אפריקאנער אידנטום.

דער באארד אוו דעפיוטיס האט געקענט אריינבריינגען ארדענונג אין אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן. דער „באארד" האט געקענט פאראייניקן

אלע צדקה אנשטאלטן. אוועקשטעלן אויף אַ געהעריקן הויך אונדזערע קולטורעלע מוסדות וואָס זאָל אָפּשאַפן די עם הארצות און קליינלעכע אומזיניקע דייסערייען פון „נבאות" און פוסטע כבודים. אויפהויבן דעם פרעסטיזש פון דער אידישער פרעסע, שאַפן אַ פאָלקס־באַנק מיט לייכטע קרעדיטן פאַר אידישן אונטערנעמער, קרעמער, בעל מלאכה און ארבייטער, צוציען די היגע יוגנט צו אידישע ענינים, פאראינטערעסירן זיך מיט זוכן נייע וועגן און נייע קוואַלן פאַר אידישע פרנסות מיט איין וואָרט טאָן פּראַקטישע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט, און אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ וואָס זאָל איבערצייגן די כוליגאַנעס אַז דער אידישער לעבן איז ניט הפקר. צום באַדויערן אָבער ווערט גאָרניט געטאָן.

די הערן פון באָארד אָוו דעפּיוטיס, זיינען געווים ערלעכע, גוטע און אנגעזעענע וויכטיקע כלל טוער, אָבער דער חסרון איז זיי זיינען פרעמד צו די אידישע מאַסן.

די אידישע געזעלשאַפט ווייס זייער ווייניק וואָס עס קומט פאַר הינטער די פאַרמאַכטע טירן פון די ב.א.ד. דאָס שאַפט אַ מחיצה, כמעט אַ טיפן תהום צווישן די אידישע באַפעלקערונג און די פירער.

עס איז ניטאָ קיין געמיינזאַמע צוזאַמענאַרבעט. עס עקזיסטירן צוויי פאַרשידענע אָפּגעזונדערטע וועלטן, פון איין זייט אַ קבוץ פון כמעט 100,000 נפשות צוואָרפן אין קליינע טיילן איבער אַלע פיר פּראָווינצן, מיט אַ סך גייסטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען און פון דער אַנדער זייט אַ הייפעלע שתדלנים, מיט פּאָליטישער שעמעוודיקייט וואָס האַלטן נאָר פון תפילה בלחש, „פתח שין שא", מיט דער מאַטאָ: „שווייגן, שווייגן און נאָך אַמאָל שווייגן".

די סבה דערפון דאַרפן ווייט ניט זוכן. לאָמיר זיין אָפנהערציג צו זיך אַליין און זאָגן אָפן: דער באָארד אָוו דעפּיוטיס ביי זיין איצטיקע סטרוקטור איז ניט נאָר קיין אָרגאַן וועלכער זאָל קענען געבן אַ טאָן אין אונדזער פאָלקס־לעבן, ווײַלע דער איצטיקער צוזאַמענשטעל פון באָארד איז מערער ווי אומגעלונגען.

אַ גרויסע צאָל פון די אָרגאַניזאַציעס וועלכע דעלעגירן מיטגלידער צום „באָארד" זיינען פאַסיוו, אָן וועלכע עס איז טעטיקייט, און עקזיסטירן נאָר אויפן פּאַפּיר. למשל אויב אַ חברה קדישא פון פאַרפעלטאַן, אָדער אגודת בני בויבעריק פון לאָקשענספּרוט, אָדער גמילת חסד פון צימעספּאַנטיין,

זיינען בארעכטיקט צו שיקן דעלעגאטן צום באַרד. אָרגאניזאציעס וואָס זייער גאנצער „סטאק אין טרייד" איז אַ פּרעזידענט, א טרעזשורער, א בכבודיקער סעקרעטאר מיט א סטעמפּל און אנדערהאלבן מנינים מעמבערס וועלכע קומען צוזאמען איין מאָל א יאָר — מאכן אַ קערטל, קען מען אזא סארט דעלעגאט באטראכטן אלס פארשטייער פון אונדזער אידישער באַפעלקערונג?

זעלבסטפארשטענדלעך אז יעדער דיינקענדער מענטש וועט צוגעבן אַז די אינסטיטוציע פון באַרד איז זייער א וויכטיקע, ער דארף אָבער געקליבן ווערן אויף אַ דעמאָקראטישן אופן ביי דער גאנצער אידישער באפעלקערונג דורך אלגעמיינע געהיימע און דירעקטע וואלן.

דאַן וועט יעדער קאנדידאט וויסן אַז ער טראָגט אויף זיך די אחריות פון אַ שליח צבור און איז פאראנטוואָרטלעך פאר זיין טעטיקייט.

א דעמאָקראטישער באַרד אָון דעפּיוטים וועט ארבעטן צוזאמען מיט אלע עלעמענטן פון דער אידישער געזעלשאפט.

א דעמאָקראטישער נאציאָנאל ראַט דארף ווערן דער שלאג ווארט פון אונדזער קעגנווארט!

זעקסטער קאפיטעל.

אַ פּראָטעסט טאָג איבערן גאַנצן לאַנד

(זיך געדרוקט אין אידישן אפריקאנער צייטונג)

די חוצפה פון די „גראע העמדלעך" וואקסט און פארשפרייט זיך אומנאטירלעך גיך. יעדער טאָג ווערט סיסטעמאטיש אָפּגעטאָן פארשידענע שפּיצלען, וועלכע פארסאמען ביסלעכווייז אונדזער אידישן לעבן און גראבן אונדזער עקאָנאָמיש גייסטיקן און פּאָליטישן עקזיסטענץ.

זייענדיק פינאנסירט פון דייטשלאנד און מיטגעהאָלפן פון אפריקאנער דייטשע פּאטריאטן און אויך פון איייניקע באוואוסטע אנטיסעמיטישע געשטימטע ניט־אידישע געשעפטן, מאכן די „גראע העמדלעך" פּראגרעס אין זייער כוליגאנישער טעטיקייט.

מען לויפט ארום מיט מאטאר לארים און מען ווארפט שטיינער אין אידישע פענסטער, שפּעטער וועט מען נעמען ברעכן אידישע קעפּ גאנץ אפן, פּלאקאטן ווערן ארומגעטראָגן אין די גאסן מיט שמוציקע אויפשריפטן אויף אידן. זייער ארגאן די „טרוט" דער כלומרשדיקער „אמת" וואקסט און ווערט פארגרעסערט, ער פארשפּרייט זיך אלץ מער און מער, די באפעלקערונג ווערט גערופן צו שלאָגן אידן און צו ווארפן זיי אין ים אריין. צו קאנפיסקירן אידישע האָב און גוטס און טרייבן זיי נאָך פּאלעסטינע. — א פּלאן וואָס קען געפעליק ווערן אלע פוסט און פּאסטניקעס, ליידיקגייער, באלוואנעס און סתם באנדיטן וועלכע פעלן ניט אוים אין אונדזער מדינה.

די רעגירונג מאכט זיך ניט הערנדיק און ניט זעענדיק וואָס עס קומט פאר און זאָגן אליין, אז זיי זיינען מאכטלאָז אָפּצושטעלן די שווארצע פינסטערע באוועגונג. און די פּאָליציי קען קיין מאָל ניט געפינען ווער עס באשמירט מיט סוואסטיקעס אידישע שולן און בתי מדרשים.

אמת, ווען מען זאָל פארבייטן די יוצרות און נוצן די זעלבע פּלאקאטן פון די „גראע העמדלעך" אנטקעגן די בורישער אָדער ענגלישער באפעלקערונג וואָלט איר געזען ווי דער גאנצער מלוכה אפּאראט וואָלט געוואָרן

לעבעדיק. די פּאָלים וואָלטן געוועז אויף זייערע ערטער און די מאגיסטראטן וואָלטן מכבד געוועז מיט פריזן, שמיץ און ארויסשיקונג, אז די גאנצע באוועגונג וואָלט מיר אמאָל דערשטיקט געוואָרן. אָבער צום באדויערן, טשעפּעט מען דאָך נאָר אידן, צו וואָס דארף מען זאָרגן און רייסן זיך דעם פּעליץ? אדרבה עס איז היימלעכער צו זען אידישע צושראָקענע פּנימער און עס איז זייער אנגענעם צו הערן אידישע היסטערישע שטימען וועלכע קלינגען אָפּ די פּאָליציי און פאָדערן הילף.

דערווייל זעען די כוליגאנעס אז אפריקע איז כמעט אַ פּראָווינץ פון היטלערס מדינה וואו מען קען בושעווען אומגעשטערט און מען קען טאָן מיט אידן וואָס מען וויל, עס איז נאָך אַ וואונדער וואָס זיי בויען ניט קיינע קאָנצענטראציע לאַגערן און גרייטן ניט צו פינסטערע קאזעמאטן און קעלערס און „גראע הייזער" וואו מען וועט קענען פּייניקן אידן כדת היטלער וגעבעלס ווען די צייט וועט זיין פּאסיק דערצו.

דארפן מיר אלעם צוזען גלייכגילטיק ווי דער אידישער כבוד ווערט געטראמפּעלט מיט שמוציקע פיס און דער באדן פון אונטער אונדזערע פיס ווערט צושטערט פארניכטעט דורך אַ קליינע הייפעלע אויסוואורפן? — מיר מוזן צוגעבן אז די גרעסטע טייל פון דער היגער באפעלקערונג זיינען ניט דורכגעפרעסן פון אנטיסעמיטישן גיפט און די גאנצע אידן פרעסעריי איז אימפּאָרטירט פון דייטשלאנד און אויסגעהאלטן אויפן חשבון פון די דייטשע קרעדיטן.

זעלבסט פארשטענדלעך אז יעדער קלאָרער מענטש וועט צושטימען, אז מען טאָר ניט דערלויבן אזוי אָנצוגיין. דער סם פון אידן האָס האָט נאָך ניט באוויזן צו שלאָגן טיפע ווארצלען אין היגן לעבן און די גרעסטע מאיאריטעט פון די היגע בירגער וואָלטן זיך אָפּשאָקלען מיט עקל פון די היטלער כוליגאנעס אויב מען זאָל זיי נאָר ווי געהעריק אויפקלערן די געפאר וועלכע שטייט אונדז פאר. עס זיינען נאָך דאָ גענוג ארענטלעכע מענטשן וועלכע וואָלטן צווינגען די רעגירונג אָנצונעמען די געהעריקע מיטלען אָפּצושטעלן דאָס בושעווען פון די היטלער באנדיטן און זען אז דרום אפריקע זאָל פארזעצן איר פרידלעכע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג און פאלשטענדיקע הארמאָניע און שלום מיט אלע טיילן פון דער היגער באפעל-קערונג.

נאָר מען דארף פאָדערן, רופן וועקן דעם יושר פון אונדזערע שכנים און דאָס מוז געטאָן ווערן דרינגענד, גלייך אָן וועלכע עס איז פארליינגערונג.

די אידישע פרעסע דארף און מוז צוזאמען רופן אַ קאָנפערענץ פון אידישע כלל טוער און פאָרשטייער פון אלע אונדזערע אָרגאניזאציעס, אנשטאלטן, קאָנגרעגיישנס און פּאָליטישע פארטייען. די קאָנפערענץ דארף אָרגאניזירן אַ גרויסן אידישן פראטעסט טאָג איבערן גאנצן לאנד. ווען יעדער אידישער געשעפט, פאבריק אָדער אונטערנעמונג זאָל דעם טאָג זיין געשלאָסן פון גאנצן דרום אפריקאנער אידנטום, וואו אלע אידישע איינוואוינער זאָלן אָפּהאלטן פראטעסט מיטינגען אנטקעגן די גלייכגילטיקייט פון די רעגירונג פּאָדערן די מלוכה זאָל אָננעמען מיטלען אַז מען זאָל די אידן־פרעסעריי אָפּשטעלן ווייל די שמוציקע פינסטערע באוועגונג פון היטלעריזם וועט ניט נאָר שאָדן טאָן די אידישע איינוואוינער נאָר עס וועט חרוב מאכן די אפריקאנישע פראספעריטי און וועט פארגרעסערן די ארבעטסלאָזיקייט און וועט צוברעכן די גאנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור וועלכע בויט זיך איצט מיט אזוי פיל מי און אנשטריינגונג.

זאָלן די היגע בירגער דערזען דעם ריכטיקן געשטאלט און אמתן פרצוף פון די היטלער באנדיטן און זאָלן זיי ויסן און זען דעם גאנצן אָפּגרונט וואו מען וויל אונז פארשלעפּן. ווען דער „סטאק עקסטשיינדזש מיט אלע אידישע געשעפטן זאָלן זיך פארמאכן אין איין באשטימטן טאָג וועלן אלע דערזען אז די לאגע איז ווירקלעך ערנסט און מען וועט געפינען אַ וועג ווי די כוליגאנעס איינצוהאלטן.

יעדער איד דארף האלטן פאר אַ חוב זיך צו באטייליקן אין אזא גראנדיעזן פראטעסט באוועגונג וועלכע וועט איין מאָל פאר אלע מאָל פּאָדערן אַ געהעריקן ענטפער.

ליינגט עס ניט אָפּ אויף שפּעטער ווייל איצט איז נאָך די צייט, גינסטיק פאר אונדז אָבער שפּעטער קען אמאָל ווערן צו שפּעט אונדזער שלאג וואָרט מוז זיין „אם לא עכשיו אימתי?"

זיבעטער קאַפּיטעל.

קריטישע באַמערקונגען

(זיך געדרוקט אין אידישן אפריקאנער צייטונג)

ווער עס האָט צוגעזען דעם צוזאַמענפאָר פון „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" אין דערבאַן, וועט ניט ווילנדיק זיך מוזן שטעלן, די זאָנדערבאַרע פראַגע — ווי קומט עס אַז אַזוינע פּערזאָנען, וועלכע א סך פון זיי באַזיצן הויכע בילדונג און די אנדערע זיינען ערפאָלגרייכע געשעפטס מענטשן, גוטע און אויסגעצייכנטע אָרגאַניזאַטאָרס אויף פאַרשיידענע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן אין דרום אפריקע, און דערצו זיינען זיי הייסע, געטרייע, איבערגעגעבענע נאַציאָנאַל געשטימטע אידן — זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אומבאַהאָלפענע וועג זוכער, קורצזיכטיקע פּאָליטיקער און זאָלן ווי טיפּישע קליינשטעטלדיקע בטלנים, זיך גריבלען אין ענדלאָזע דעבאַטן, איבער אַ קוצי של יוד" איבער א צוועקלאָזע פּראָגראַם פאָרמולע, און זאָלן ניט האָבן דעם געהעריקן ברייטן פאַרנעם, און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אלס שליחי צבור פון אַ הונדערט טויזנטדיקן אידישן קבוץ?

די זעלבע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען גאַנץ קלוגע באַוואוסטזיניקע און ערפאַרענע יחידים אין זייערע פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן, און אין מאַנכע געזעלשאַפטלעכע ספערן, די זעלבע מענטשן ווערן טעמפּ און אָפּגעשטאַנען, ווען עס קומט צו אַ כלל פראַגע, אָדער צו אנדערע וועלכע ניט איז וויכטיקע פּראָבלעמען.

אַ ביטערן שמייכל, רופט ארויס די נאַאיווע פּוסטע זינלאָזע פראַזעאָלאָגיע, מיט די איבעלדיקע „קאָמפּלימענטן געבעריי" וועלכע איז געוואָרן כמעט ווי אַ נויטווענדיקייט אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען און באַנקעטן, גאַנצע שעהן, נעמט אַוועק דער גלעטן זיך איבער די בייכלעך, און אויסרעכנדיק איינער דעם אַנדערנ'ס מעלות און אומגעהערטע פאַרדינסטן, פאַר דער מענטשהייט און כלל ישראל, גלייכצייטיק פאַרגעסט מען די הויפּט ענינים, וועגן וואָס מען איז צוזאַמענגעקומען — און ווי דער שטייגער איז, מען רעדט לאַנג, פיין, זייער פיין, — מיט אויסגעטאַקטע פראַזעס, און מען פאַרגעסט, די טאַגעס אָרדנונג אין גאַנצן למשל, ווען מען באַהאַנדלט די „שחיטה" פראַגע, שטעלט זיך אַוועק אַ דעלעגאַט און פּראָטעסטירט פאַרוואָס מען שטעלט אַריין אין דער אַלגעמיינער פּרעסע די ראש השנה באַגריסונגען און זייער

זוינציק אין דער אידישער. און אויב עס רעדט זיך וועגן פינאנסן רעפּאָרט, וועט פלוצלונג א הייסע דיסקוסיע צו דער צענטער פון באָארד אָוו דעפּיוטיס זאָל בלייבן אין יאָהאנעסבורג אָדער אריבערטראָגן זיך קיין קייפּטאָן. גייט מען נאמינירן קאנדידאטן פאר די „עקזעקוטיווע", וועט פלוצלונג א בהלה וועגן ענדערן מאנכע פונקטן פון דער קאָנסטיטוציע פון באָארד אָוו דעפּיוטיס וואָס האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט דער דערוויילונג פון די אָדער יענע קאנדידאטן, אָבער דערוויילע ווערט ליהודים, לעבעדיק און פריילעך און עס איז שווער זיך פארנאנדערצוקלייבן וואָס מען וויל אליין, שוין ניט רײדנדיק וואָס יענער מיינט.

אָבער ווען עס קומט אָנצופירן א שטאָלצע אידישע פּאָליטיק, זיך אָפּרופן און רעאגירן מיט מוט און ווירדע, ווען דער אידישער כבוד ווערט באשמוצט, אָדער זוכן וועגן און מיטלען ווי אויסצובעסערן די אידישע עקאָנאָמישע לאגע אָדער שאפן אן אנשטאלט וואָס זאָל פארשן די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון דרום אפריקע פאר אידן, פּאָפּולאזירן און פארשפרייטן לאנדווירטשאפט, ענטוויקלען קאאפּעראטיווע אונטערנעמונגען, שאפן פראקטישע באדינגונגען און סטימולירן פריוואטע איניציאטיווע, אריינציען די אידישע יוגנט און אָנפירן מיט ברייט פארצווייגטער קולטור ארבעט און פאראינטערעסירן אין פאַך בילדונג — דערפון ווייסן אונדזערע כלל טוער כמעט ווי גאָרניט.

אפשר ווען די באָארד אָוו דעפּיוטיס זאָל ווערן רעאָרגאניזירט אויף ווירקלעכע דעמאָקראטישע יסודות, אז יעדער אידישע קהילה זאָל דעלעגירן אירע דעלעגאטן נאָך דער צאָל אידישע איינוואוינער פון דער קהילה און עס זאָל פּאָרקומען אלגעמיינע געהיימע און דירעקטע וואלן, דאן וועט די באָארד אָוו דעפּיוטיס באזיצן א גוואלטיקן מאראלישן פּרעסטיזש, און די דעלעגאטן וועלן אנערקענען די פאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס די אידישע מאסן האָבן אויף זיי ארויפגעלייגט. דאן וועט דער באָארד אָוו דעפּיוטיס ווירקלעך זיין א „נאציאָנאלער ראט" וואָס וועט מיט ענערגיע און ווירדע באטראכטן אונדזערע פארשיידענע פּראָבלעמען, און געבן די געהעריקע און געווינשטע רעזולטאטן.

פארלויפיק אָבער, איז די באָארד אָוו דעפּיוטיס זייער ווייט פון א דעמאָ־קראטישן נאציאָנאל ראט און די גאנצע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע ארבעט פון באָארד אָוו דעפּיוטיס קען פולשטענדיק כאראקטעריזירט ווערן מיט דעם געלונגענעם פערז פון י. ל. פּרץ —

„שא, שטילער, שטילער
שווייגן וויל ער".

אכטער קאפיטעל.

מיר דאַרפֿן אַ פֿאָלקס־אוניווערזיטעט

(זיך געדרוקט אין „אפריקאנער אידישע צייטונג ד־טן אָקטאָבער 1932)

עס איז אלעמען באקאנט — אַז דער אידישער קבוץ אין דרום אפריקע לעבט דורך ניט נאָר אַן עקאָנאָמישן קריזיס נאָר אויך אַ גייסטיקן.

דער אימיגראציע שטראם פון אייראָפּע וועלכער פלעגט אריינברייגגען לעבן האָט זיך כמעט אינגאנצן אָפּגעשטעלט. די יוגנט איז פרעמד און אַפּאַטיש געשטימט צו אלע אונזערע אידעאלן און שטרעבונגען. די פרעמדע אטמאספערע, דער פרעמדער שול וועזן, די ספארט מאניע, דאָס ניט פארשפרייטע אידישע ווארט, די טרויעריקע גלייכגילטיקייט צו דער אידישער ליטעראטור און שאפונג, דאָס אלעס צוזאמען — גרייט צו אַ באדן פאר אַ לאנגזאמע אָבער זיכערע אסימילאציע.

מען דארף ניט זיין קיין נביא אום פאראויסצוזאָגן מיט גענויער פינקטלעכקייט אז אין משך פון צוויי דורות קען דער היגער אידישער קבוץ פארשווינדן און פונאנדערפאלן אויב מען וועט זיך ניט באזאָרגן באצייטנס און אננעמען מיטלען צו פארהאלטן דעם פראצעס פון צוברעקלונג.

ניט בעסער איז די לאגע אויף אונזער געזעלשאפטליכן געביט. אלע וואילטעטיקע אנשטאלטן, פארטיי ארבייט איז פארבונדן נאָר מיט עטליכע געציילטע טוער, וועלכע מוזן זיך ווארפן אויף אלע פראנטן און קענען זיך ניט קאנצענטרירן אויף אוועקשטעלן עפעס אויף אַ געזונטן עקאָנאָמישן יסוד. אלעס היינגט אין דער לופטן, קיין אינסטיטוציע איז ניט געזיכערט מיט אַ בכבוד'יקן עקזיסטענץ אלס איז בחפזון.

אויסער דעם איז די געזעלשאפטלעכע ארבייט צופלויגן, צוברעקלט, צו ווארפן און צוריסן. עס איז ניטאָ קיין אחדות קיין געמיינזאמע צוזאמען ארבייט. אלס לײדט פון צוועקלאזע און זינלאזע קאנקורענץ. עס מאכט

דעם איינדרוק אז מיר לײדן פון „גבאיזם" קרײנק. איבעראל איז די זעלבע אין שטאָט און אין פּראָווינץ. אויב חיים איז גבאי אָדער פּרעזידענט פון „בני יעקב", מוז ברוך גרינדן א „בנות רחל" פאַרײן און אַזוי טומלט זיך אָפּ, אָן פּלאַנמעסיקײט און אָן א בליק פאַר די צוקונפט. און די צוועקלאָזע קאָנקורענציע פּאַראַליזירט אינגאַנצן די שאַפענדע כחות פון אונזער קבוץ און פאַריאָגט דעם יוגנט פון נעמען װעלכן אַנטײל אין כלל טוערײ.

קען דאָס פאַרגעזעצט װערן אומגעשטערט?

פאָדערט ניט אונזער זעלבסטװירדע צו פאַרטראַכטן זיך א ביסל און זען װאָס מיר האָבן צו טאָן?

איך דײנק אַז עס איז שוין צײט מיר זאָלן זיך אַרומקוקן און אַננעמען מיטלען צו רעגולירן און ברײנגען אין אָרדנונג אונזערע אַנגעלעגנהײטן

מײן מײנונג איז: דאָס מען זאָל גרינדן א פאָלקס אוניװערסיטעט, װעלכער זאָל האַלטן סיסטעמאַטישע לעקציעס אויף פאָלגענדע:

אידישע געשיכטע און ליטעראַטור, סטאַטיסטיק פון עקאָנאָמישן קולטורעלן לעבן פון אידן אין דרום אַפריקע און איבער דער גאַנצער װעלט, די אַנטװיקלונג און טעטיקײט פון קאָאָפּעראַטיװן אין פאַרשײדענע לענדער.

די געשיכטע און אַנטװיקלונג פון געזעלשאַפטליכע אַרבעט בײ אידן און אַנדערע פעלקער.

די אידישע מאָראַל און עטיק און זײער װירקונג אויף דער װעלט קולטור.

די אַרבעטער באַװעגונג בײ אידן און אַנדערע פעלקער און זײערע פאַרשידענאַרטיקע אידעאָלאָגיעס און שטרעבונגען.

דער ציוניזם, זײן געשיכטע, ענטװיקלונג און אויפגאַבן. דער פּראָצעס פון אויפבוי פון ארץ ישראל און זײער װירקונג אויף די גלות לענדער. און די ירידישע באַלײכטונג פון פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען.

די צוהערער פון אַזױנע קורסן װעלן קריגן אַן אָלזײטיקע באַלײכטונג פון אַלע אידישע פראַגן און פּראָבלעמען און װעלן װיסן װי זײ קענען אויסנוצן זײער איניציאַטיװ און ענערגיע און װעט דינען אַלס א קולטור צענטער אַרום װעלכן עס װעלן זיך גרופּירן אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, יונג און אַלט אָן אונטערשײד פון פּאַרטײאישע אַנשױאונגען.

דער דאָזיקער אוניווערסיטעט וועט נאָר זיין אַ קולטורעלער וועג ווייזער און פּאסענדער פּארבארייטונגס שול פאר אונזער יוגנט און עלטערע וואָס זיי וועלן קענען קריגן אַ פּאלקאמע צוגרייטונג אלס פּאסיקע און נוצליכע כלל טוערס און פירערס און אין אלגעמיין געבן אַ געהעריקן באגריף פון אידן און אידישקייט, און אונזערע פּראבלעמען.

איך מוז אונטערשטרייכן דאָס איך שטעל נאָר די פּראגע פון פּרינציפּעלן שטאנדפּונקט — וואָס די לעזער פון די אפריקאנער צייטונגען דיינקען וועגן אזא פּאָלקס אוניווערסיטעט. די טעכנישע זייט פון די פּראגע ווי די פינאנציעלע זייט און דער צוזאמענשטעל פון די לעקטארן, דאָס וועל איך נאָך באהאנדלען ביי אַן אנדער געלעגנהייט. איך וואָלט נאָר געוואָלט אַז דער עולם זאָל זיך אויף דעם אָפּרופן.

נײנטער קאפּיטעל.

וואָס דאַרפן מיר טאָן?

(זיך געדרוקט אין אידישן אפריקאנער צייטונג)

די אידישע לאגע אין היטלערס מדינה, ווערט טראגישער פון טאָג צו טאָג. כמעט די גאנצע אידישע פּראפעסיאָנעלע אינטעליגענציע האָט פארלאָרן זייער חיונה. די אידישע קהלות אין דייטשלאנד, וועלכע זיינען ניט לאנג צוריק געוועזן די רייכסטע אידישע קיבוצים אין דער וועלט און האָבן געטאָן א סך צדקה קענען איצט ניט אויסהאלטן זייערע אייגענע אינסטיטוציעס.

אידן וועלכע האָבן מיט מאָנאטן צוריק פארמאָגט גרויסע געשעפטן און הייזער אין די שענסטע קווארטאלן פון בערלין און אנדערע גרויסע שטעט — שלאָגן איצט אָפּ די טירן פון די צדקה אנשטאלטן. דער אידישער בעל מלאכה ווערט ניט אריינגענומען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען. דער אידישער סוחר און קליין הענדלער ווערן באיקאָטירט. זייער קרעדיט ווערט אונטערגעגראבן. די אידישע מאַסן ווערן טעראריזירט און די אידישע שול יוגנט ווערט אומרחמנותדיק פארפאָלגט מיט אלע קליינלעכע נידערטרעכטיקע שפּיצלעך, סיי פון זייערע שול חברים און סיי פון זייערע לערער. אידישע סטודענטן דארפן טראָגן דעם היסטאָרישן „געלן פלעק" אויף זייערע רעגיסטראציאנס קארטן. די אידישע אמונה און אידישע קולטור ווערט באַשמוצט טאָג טעגלעך אין די דייטשע פּרעסע. מיט איין וואָרט, גאנץ דייטשלאנד איז געוואָרן פאר אידן איין גרויסער קאָנצענטראציאנער לאגער, איין גרויזאמע קאזארמע וואו דער בלאטיקער שטיוול פון שטורמיסט טראמפּלט אויף די שענסטע און בעסטע פון אונזער פאָלק. און דאָס איז נאָך ווייניג, דערמיט אליין שטעלט זיך היטלער ניט צופרידן. זיי זוכן מיט אלע מעגלעכקייטן צו פארשפּרייטן דעם גיפט פון ראַסן האַס איבעראל, אין אמעריקע, אין אזיע, אין צענטראל אייראָפּע און אויך דאָ אין דרום אפריקע.

וואו נאָר עס איז דאָ אַ דייטשער קאָנסול אָדער איינציקע דייטשע איינוואוינער ווערט גלייך אַ נעסט פון אנטיסעמיטיזם און אידן פּרעסעריי און זיי ארבעטן אויף אלע כלים. די עקלדיקע פּאסקווילן — די שמוציקסטע בלעטלעך און בראשורן ווערט פאנאנדער געטיילט דורך פּאָסט אָדער דורך

האנט צו אלע פארמערם און ניט אידישע איינוואוינער. די טראמווייען, די באסעס, די לידיקע ווענט, די ביכער אין די ביבליאטעקן ווערן באשמירט מיט די „סוואסטיקע" און מיט אנטיסעמיטישע לאזונגען.

מערקווירדיק איז, דאס די אקטיווע אנטיסעמיטישע גיפט פארשפרייטער זיינען גראדע די האנדלס פארשטייער פון דייטשע פאבריקן און פירמעס וועלכע קריגן גאנץ גרויסע באשטעלונגען פון אונדזערע אידישע סוחרים.

מיר ווילן דא אונטערשטרייכן, דאס פילע מיינען און מען רעדט זיי איין דאס מיר אידן באיקאטירן דייטשע סחורות. עס איז ניט אמת! אפשר יחידים, איינצעלנע פערזאנען קויפן ניט קיין דייטשן ארטיקל, אבער אונדזער סוחרישער קלאס אלעס אזעלכער קויפט און באשטעלט דייטשע סחורות ניט נאר ווי געווען, נאר א סך מער ווי פריער!

כדי צו באשטעטיקן מיינע רייד וויל איך אנווייזן דאס דער לעצטער רעגירונגס באריכט וועגן אימפארט און עקספארט פון דרום אפריקע באווייזט אז פאר די לעצטע 9 מאנאטן ביז ענדע פון סעפטעמבער האט דרום אפריקע אימפארטירט פון דייטשלאנד סחורות פאר די סומע פון £2,293,075. גענויע צוויי מיליאן מיט דריי הונדערט טויזנט פונט. דאס מאכט אוים ארום 254,786 פונט א חודש. הייסט עס פון מארטש אן, ווען די היטלער רציחה האט זיך צושפילט מיט זיין גאנצן ווילדקייט און בלוטדורשטיקייט און די אידישע וועלט האט מיט שרעק און ציטער דערזען דעם אמתן פרצוף פון דייטשן כוליגאניזם, האט דרום אפריקע געגעבן באשטעלונגען דייטשלאנד יעדן חודש פאר איבער א פערטל מיליאן פונט.

מיר דארפן געדיינקען, דאס ווי היטלער האט פארכאפט די ממשלה האט דער דייטשער מארק ניט מער קיין גאלד דעקונג און ווען ניט די אויסלענדישע וואלוטע וואס היטלער קריגט אריין דורך דעם עקספארט פון דייטשע סחורות וואלט דער דייטשער מארק געווען 10,000 פאר א פענע. ביי די אומשטענדן איז א פונט אויסלענדישע וואלוטע באדייט פאר דייטש־לאנד א סך מערער ווי דער זעלבער פונט באדייט אין ענגלאנד אדער אנדערע לענדער. יעדער אפריקאנער פונט איז א שטאלב וועלכער שטיצט און האלט אונטער דעם דייטשן מארק, און מיר דארפן אויך געדיינקען דאס 81 פראצ. פון דייטשן אימפארט אין דרום אפריקע איז געמאכט דירעקט דורך אידישע געשעפטן און 12 פראצענט גייט אויך אומדירעקט צו אידישע שאפקיפערם און געברויכער.

עס איז אויך ווערט צו באמערקן אז דער זעלבער רעגירונגס באריכט גיט אן דאס דער עקספארט פון דרום אפריקאנישע פראדוקטן און סחורות

נאָך דייטשלאַנד איז נאָר בלויז 1.8 פּראָצענט פון אַלגעמיינעם עקספּאָרט, ניט אפילו קיין צוויי פּראָצענט. ווען פאַרקערט דער אימפּאָרט פון דייטשע סחורות נאָך דרום אפריקע איז גאַנצע זיבן פּראָצענט פון אַלגעמיינעם אימפּאָרט.

די אויבנדערמאָנטע ציפערן דערציילן אונדז קלאָר און דייטלעך דעם שרעקלעכן און ביטערן אמת, אַז מיר אידן אין דרום אפריקע האָבן פאַרלאָרן דעם געפיל פון זעלבסטווירדע און העלפן אונדזערע אייגענע מערדער.

יעדערער פאַרשטייט דאָס דער עקאָנאָמישער באָיקאָט איז דער איינציקער שאַרפסטער ווירקזאַמער מיטל מיט וואָס מיר קאָנען און ווילן באַקעמפן היטלעריזם און נאָר מיר אליין ווילן פאַרשטיין, יעדער איד מוז באַגרייפן דאָס אויב היטלעריזם וועט זיגן, זיינען מיר אַלע פאַרלאָרן, אַלס אידן און אַלס מענטשן; די פינסטערע רעאַקציע אין אַלע אירע פאָרמען וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט.

אַלזאָ איז קלאָר אויב מיר ווילן בויען אַ צוקונפט פאַר אונדזערע קינדער דאַרפן מיר זיך נעמען סאָלידאַרייש צו באַקעמפן דעם היטלעריזם, אַלע צוזאַמען סיסטעמאַטיש און די הויפּט זאַך אָרגאַניזירט.

מיר קענען און דאַרפן קיין זאַך ניט ערוואַרטן פון אונדזערע „גדולים" וועלכע זיצן פאַרגליווערט אין דעם „באַנצע שוויג" אינסטיטוט. זיי לעבן אין עולם הדמיון און שפּילן זיך אין געהיים דיפּלאָמאַטיע. זיי קענען זיך ארומיאָגן זיבן יאָר כדי אַן אומבאַקאַנטער טינט שמירער זאָל אויסמעקן אַ פראַזע פון זיין ביכל ווען אידן וואָס קיינער לייענט ניט, אָבער צו זיין אַקטיוו און זיך פאַרנעמען מיט אַלע טעגלעכע אידישע לעבנס פראַגן ווייסן זיי ניט מיט וואָס מען עסט דאָס. לאָזט זיי צורו און בעסער פאַרגעסט ווען זיי, נאָר מיר אליין דאַרפן זען וואָס צו טאָן.

איך וואָלט פאָרלייגן דאָס די אידישע פּרעסע זאָל זיך נעמען דעם איניציאַטיוו און צוזאַמענרופן אַ פאָלקס קאָנפערענץ פון אַלע אידישע אָרגאַניזירטע פאַרטייען און טוער וועלכע זאָלן שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט צו באַקעמפן היטלעריזם. די אידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג דאַרף ווערן גוט אויסגעניצט און דער אידישער יוגנט דאַרף ווערן אריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון פאַרמירן און שאַפן אַ אידישע „צענטראַלע עקאָנאָמישע זעלבסט שוץ" מיט פאַרצווייגטע אָפּטיילונגען אין אַלע וויכטיקע פונקטן פון שטאָט און פּראָווינץ. דער עקאָנאָמישער זעלבסט שוץ דאַרף גלייך אָרגאַניזירן אַן אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ וועלכע זאָל גענוי פעסטשטעלן וועלכע סאָרטן

סחורות ווערט אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד און וועלכע קענען מיט ערפאָלג פארביטן ווערן און אויך ווער עס קויפט די סחורות און ווירקן מיט אלע מעגלעכע מיטלען דאָס עס זאָל מער ניט פארקומען.

איבערהויפּט איז וויכטיק צו אָרגאַניזירן די אידישע פרויען און די ארבעט פון „צענטראַלן עקאָנאָמישן זעלבסט שוץ" דאָס זיי זאָלן זען ניט צו נוצן קיינע קאסמעטיק, קליידער, העטס, באפּוצונגען אין הויז זאכן וועלכע קומען פון דער בלוטיקער מדינה.

עס איז אַ מלחמה פאר אונדזער עקזיסטענץ. די געפאר איז גרויס און עס פאָדערט זיך די מאקסימאַלע אנשטריינגונג פון אונדזער זייט דאָס מיר זאָלן האָבן דעם נצחון, טאָ לאָמיר זיך נעמען צו דער ארבעט און ניט ווארטן אויף די „גדולים" פון „באנצע שווייג" זיי וועט אפילו אַן ערד ציטערניש אויך ניט צוטרייסלען, זאָלן זיי שווייגן און מיר זאָלן טאָן.

פאַריקן יאָר האָבן אידן אימפּאָרטירט מערער סחורה פון דייטשלאַנד ווי אין יאָר 1932

(זיך געדרוקט אין אפריקאנער אידישע צייטונג 1934)

די אידישע לאגע אין היטלערלאנד ווערט ערגער פון טאָג. כמעט אלע פּערזאָנען מיט פּראָפעסיעס האָבן פארלאָרן זייערע שטעלעס און דערמיט זייער חיונה. 90,000 אידן האָבן זיך פאררעגעסטרירט אין פארשידענע צדקה אנשטאלטן נאָך הילף — מענטשן וואָס האָבן פריער געלעבט זייער באקוועם. 4,000 אידישע אדוואקאטן און ריכטער, 4,000 אידישע דאָקטוירים און 2,000 מלוכה אנגעשטעלטע זיינען אנטזאגט געוואָרן פון זייערע שטעלעס אויסער טויזנטער אנגעשטעלטע אין פּריוואטע און געזעלשאפטלעכע אונטער־נעמונגען.

צווישן די 800 פּראפעסארן וואָס זיינען אנטזאגט געוואָרן פון די אוני־ווערזיטעטן צוליב ניט „ארישקייט" געפינען זיך העכער 85 פּראצענט אידן. אויסער דעם האָבן 1200 צייטונגס-לייט, זשורנאליסטן, שרייבער און 2000 אידישע ארטיסטן, מוזיקער און אקטיארן פארלאָרן זייער ארבעט און געפינען זיך אין טרויעריקע עקאָנאָמישע אומשטענדן.

אין די שטאָט בערלין, אליין, האָבן זיך פארצייכנט איבער 35,511 אידישע פּערזאָנען אלס ארבעטסלאָזע א חוץ די טויזנטער וואָס האָבן זיך אינגאנצן מיאש געווען פון קריגן וועלכע עס איז ארבעט און ווילן זיך אפילו ניט רעגיסטרירן אין דער אידישער ארבעטער ביורא.

דער בילד פון אידישן חורבן אין דייטשלאנד איז נאָך ניט אינגאנצן קלאָר, ווייל מיר דארפן ניט פארגעסן די שוועריקייטן וועלכע די נאצים מאכן און די מורא וואָס הערשט צווישן אידן צו ריידן אָדער דערציילן עטוואָס פון זייערע ביטערע ליידן און צרות. מען קען מיט זיכערקייט זאָגן אז יעדע אידישע היים אין עמלק מדינה איז צושטערט און רואינירט.

ווער רעדט פון אידישן כבוד, דאָס ווערט טאָג טעגלעך צעטראָטן מיט די שטיוול פון די ברוינע און שווארצע באנדעס. די דייטשע פרעסע אין אלגעמיין און איבערהויפּט דער טרויעריק בארימטער „שטורמער" שיטן שמוץ און פעך אויף אידן אָן אויפהער. עס איז ניטאָ א זאך אין וואָס אידן זיינען ניט שולדיק!

די וועלט מלחמה, דער עקאָנאָמישער קריזיס, דייטשלאנדס פּאָליטישע, מיליטערישע און עקאָנאָמישע מפּלות — אין דעם זיינען נאָר שולדיק די אידן אפילו „בלוט בלבולים" פון וועלכער יעדער דיינקענדער מענטש שאָקלט זיך אָפּ מיט עקל און שוידער — איז א גאנגבארער ארטיקל פאר פּראָפּאגאנדע פארן „שטורמער" מיט זיינע כוליגאנישע גענאסן.

ווען א מאָרד ווערט ניט אנטדעקט אָדער אז מען געפינט אפילו די מערדער האלט דער „שטורמער" אז דאָ איז פארמישט די „געהיימע האנט פון אידישן קהל". און אזוי טאָג פאר טאָג ווערט פארשפּרייט די אידן האָס צווישן דייטשן פאָלק. די דייטשע יוגנט ווערט דערצויגן מיט א טיפן געפיל פון שנאה און מערדערלעכע אינסטינקטן צו דאָס אידישע פאָלק.

דאָס אידישע לעבן ווערט אומדערטרעגלעך. דער איד זייענדיק ארויסגעשטויסן פון אלע פּאָליטישע עקאָנאָמישע און געזעלשאפטלעכע פּאָזיציעס האָט ניט קיין אנדער ברירה ווי באגיין זעלבסטמאָרד מחמת לעבן אין דייטשלאנד אונטער די עקזיסטירנדע אומשטענדן איז פאר אידן אומעגלעך און דעריבער זעט מען אז די צאָל פון אידישע זעלבסטמערדער וואקסט דאָרט און פארגרעסערט זיך.

דער באיקאָט קעגן אידן זינט היטלער מיט זיינע כוליגאנעס האָבן פארכאפּט די מאכט איז ניט שוואכער געוואָרן. די צייטונגען דרוקן די נעמען און אויך די פאטאגראפיעס פון די וועלכע קומען אריין אין אידישע געשעפטן.

עס קומט פאָר א קאָנקורענץ צווישן פארשידענע שטעט אין דייטשלאנד ווער וועט וועמען אריבערשטייגן אין אידן־פרעסעריי. צום ביישפּיל, אויב איין שטאָט פארבאָט אידן צו באָדן זיך אין די מוניציפּאלע שווימבעדער קומט גלייך א צווייטע שטאָט און פארבאָט אידן צו שפּאצירן אין די שטאָט גערטנער, דאַן איז זיך מקנא א דריטע שטאָט און פארזאָגט די האָטעל אייגנטימער ניט אריינצולאָזן קיין אידן אלס געסט און אזוי שטייגט איינער דעם צווייטן אריבער אין ווילדקייט און חיה׳שקייט.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס גאנץ דייטשלאנד איז פארוואנדלט געוואָרן אין איין פינסטערע קאזארמע, וואו דער יושר איז דער פּויסט און דער

נעווים — דער קאַנטשיק, דערטראָגן זיך דאָך צו אונז די פאַרשטיקטע קולות, די פאַרצווייפלטע זיפצן און האַרצרייסנדיקע קרעכצעס פון די פאַרפּייניקטע וועלכע שמאַכן אין די טורמעס, קאַזעמאַטן, „ברוינע הייזער" און קאָנצענטראַציע לאַגערן פון די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע מחבלים.

עס איז נאָך ניט געקומען דער „ירמיהו" וועלכער זאָל קענען אין אַ מאָדערנעם „איכה" פאַראייביקן די גאַנצע טראַגעדיע פון דער אידישער לאַגע אין דייטשלאַנד.

אמת, מיר מוזן מיט צופרידנקייט באַמערקן אַז אידן איבעראַל, אין אַמעריקע, אין ליטע, פּוילן, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען און אַנדערע לענדער האָבן זיך געהעריק אָפּגערופן און האָבן געשאַפן ניט נאָר באַדייטנדיקע סומעס צו העלפן די „גליקלעכע" נאָר אויך אָנגעפירט מיט אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות און אַזוי אַרום געשאַפן אַ „בלאָקאַדע" וועלכע לאָזט זיך גוט פילן אין דייטשלאַנד.

דער דייטשער האַנדל מיט אויסלאַנד ווערט פאַראַליזירט. דער עקספּאָרט ווערט וויינִיקער און עס איז ניטאָ קיין געלט מיט וואָס צו קויפן רוי־מאַטעריאַלן. פיל פאַבריקן מוזן זיך פאַרמאַכן, אַרבעטסלאָזיקייט פאַרגרעסערן.

דער מאַרק האָט שוין פון לאַנג אָן ניט קיין גאָלד דעקונג. און אויב די אידישע מאַסן וועלן מיט עקשנות פאַרזעצן דעם באָיקאָט אויף דייטשע סחורות, דייטשע שיפן, דאַן וועט דער נויט זיי צווינגען אָנצונעמען אַ נייעם קורס.

אָבער עס מוז אונטערשטראָכן ווערן אַז דאָ אין דרום אַפריקע זיינען מיר זייער אָפּגעשטאַנען. די דייטשע האַנדלס ציפערן דערציילן אונדז אַז אין יאָר 1932 איידער היטלער האָט באַקומען די מאַכט האָט דרום אַפריקע אימפּאָרטירט סחורה פון דייטשלאַנד בלויז פאַר £2,384,335 און פאָרן יאָר 1933 נאָך דעם ווי 70,000 אידן זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון היטלערן — דעם יאָר ווען די געלע לאַטע איז אָנגעקלעפּט געוואָרן אויף יעדער אידן. נאָך דעם ווען 600,000 אידן האָבן פאַרלאָרן זייערע מענטשלעכע רעכט, אָט אין דעם יאָר האָט דרום אַפריקע אימפּאָרטירט £3,067,108 סחורה פון דייטשלאַנד. דאָס הייסט מיט £682,773 מער. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן אַז 81 פּראָצענט פון אימפּאָרט איז געמאַכט געוואָרן דורך אידישע געשעפטן.

דאָס בושעווען פון די גרעסטע העמדלעך דאָ ביי אונדז וועלכע ווערן חוצפּה'דיקער פון טאָג, באַווייזט די שרעקלעכע געפאַר וואָס אונדז שטייט פאָר.

ניט פארקטאן אָדער אראנזשיכט און ניט דער „סטאק עקטשיינדזש" וועט אונדז העלפן פון די אנטיסעמיטישע באנדעס. יעדער איד דארף נעדיינקען) אז מיר לעבן אין אַ צייט פון „מלחמת ה' בעמלק" יעדער נערוו דארף ווערן אָנגעשטריינגט ניט צו קויפן פאר אַ פּענע סחורה פון דייטשלאנד.

דער באיקאָט איז פאר אונדז אַ לעבנס־פראגע, מיר האָבן ניט קיין ארמיי מיר האָבן ניט קיין פלאט נאָר מיר האָבן עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דורך וועלכע מיר קענען זיך באשיצן.

ווען מיר זיך באשיצן ?!

עלפטער קאפיטעל.

דער באָיקאָט מוז פאַרגעזעצט ווערן

(זיך געדרוקט אין אפריקאנער אידישע צייטונג 1934)

עס איז שוין צייט אַז די אידישע מאַסן אין דרום אפריקע און די אידישע עפנטלעכקייט איבער דער גאנצער וועלט זאָל וויסן צו וואָס פאר אַ מדרגה אונדזערע פחדנישע פאָליטיקער די אָפיציעלע כלל פארזאָרגער און אזוי גערופענע בעלי טובות זיינען דערגאנגען.

זונטאָג דעם 11־טן נאָוועמבער האָט דער סעקרעטאר פון אידישן באָארד אָוו דעפיוטים אין קייפּטאַן צוזאמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון די אידן אין די קייפּ פּראָווינץ צו באטראכטן די געשאַפענע לאגע.

דער סעקרעטאר האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע סכנה פון „גראָע העמדלעך", ער האָט אויך באמערקט אז די רעגירונג איז שטארק „באזאָרגט" איבערן אידישן באיקאָט אויף דייטשע סחורות וואָס מאכט פאר דייטשלאנד אומעגלעך צו קויפן די וואָל פון אונדזערע פארמערס לכן איז געבליבן „בסוד חכמים ונבונים", אין די הויכע פענסטער פון אונדזערע פירער וואָס רופן זיך „באָארד אָוו דעפיוטים" אַז מען זאָל דעם באיקאָט אויף דייטשע סחורה אָפּרופן.

און אחינו בני ישראל זאָלן מעגן קויפן דייטשע סחורה אָפן (ווייל בשתיקה קויפט מען דאָך סיי ווי סיי...) און בזכות זה וועט זיין שלום על ישראל. וואָס דארפן מיר זאָרגן פאר די דייטשע אידן „די העמד איז נענטער ווי די זשופּעצע". דאָס איז דער תמצית, דער קווינטעסענץ פון די לאנגע רעדעס.

הייסט עס אַז דער מה יפית איז אויפגעשטאנען תחית המתים און וויל קניען און לעקן די שטיוול פון פריץ כדי חלילה וחס די שעה, די רגע זאָל ניט זיין, אים ארייגברייגען אין גרימצארן און וועט זיך נעמען בייזערן אויף זיינע „מאשקעס" און „יאשקעס".

האָט זיך ווער עס איז געגלויבט אַז אונדזערע פאראנטוואָרטלעכע כלל טוער זאָלן זיך קענען אזוי אראָפּלאָזן?

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אַז דער גאַנצער „שרעק" פון די רעגירונג וועגן אידישן באיקאָט איז „לא דובים ולא יער" — נעכטיקע טעג ווילע די פאַקטן, די ציפערן דערציילן אונדז פאַרקערט, אַז דעם יאָר האָט דרום אפריקע געקויפט מיט £682,773 מער ווי אין יאָר 1932. אידישע געשעפטן זיינען פאַרפלייצט מיט היטלערס סחורה. אידישע פרויען טראָגן דייטשע אונטערוועש, זאָקן, קליידער, מאַנטלען, היט, קויפן דייטשע פערפיום, פודער און אַלערליי קאסמעטיקס און פאַרגעסן אַ קוק צו געבן אַז יעדער ארטיקל איז געצייכנט „מייד אין גערמאַני", וועלכע דאַרף דינען אַלס אַן „אות קין", קיינער קען אנטקעגן אונדזערע ברידער קיין זאַך ניט האָבן, זיי זיינען דאָ בשרע דייטשע פאַטריאָטן גאַנצע 100 פראָצ. „ארישע"!

און אפילו אַז דער היגער אימפּאָרט פון דייטשע סחורות זאָל זיך פאַרגרעסערן אויף צען מאָל אַזוי פיל וועט אַלץ דייטשלאַנד ניט קענען און ניט האָבן מיט וואָס צו קויפן אונדזערע וואָל. ווילע יעדע פּעני וואָס זי קריגט אריין איז אויסלענדישע וואַלוטע פאַרברויכט זי אויף קריגס־מאַטעריאַלן און פאַר אנטיסעמיטישע העצע, ווי עס האָט באַוויזן די „קאָנגרעס אויספאָרשונג קאָמיסיע" אין אמעריקע און ווי עס קען לייכט באַוויזן ווערן דאָ. אויב מען זאָל נאָר זיך נעמען דערצו איצט, ניט האָבנדיק קיין געלט, קענען די „גראָע העמדלעך" דינגען כוליגאַנעס אויספּוצן זיי אין אוניפאָרמס און זיי ארום שיקן אין לוקסוס מאָטאָר קארס פון דאָרף צו דאָרף, שטאָט צו שטאָט און העצן, וועקן און רופן דעם עולם צו פאַגראָמירן אידן, וואָס וועט שויז זיין אויב הער געבעלס וועט האָבן מער וואַלוטע מיט וואָס זיך ארומצוווארפן? —

אין קייפּטאַון אליין האָבן די „גראָע העמדלעך" פיל באַצאָלטע מענטשן וואָס קאָסט אָפּ הונדערטער פונטן זיי אויסהאַלטן, און וואָס קאָסט אָפּ זייער פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע אין אַלע אנדערע שטעט? פון וואַנעט קומט די געלט, פון וואַנעט נעמען זיי די מיטלען, ווייסט איר ניט דעם מקור, דעם קוואַל?

אויסער דעם מוז ווערן באַצייכנט אַז ווער עס שטודירט די האַנדלס באַציאונגען פון דייטשלאַנד מיט דרום אפריקע פאַר די לעצטע צען יאָר, זעט אַז פאַר יעדער פונט וואָס דייטשלאַנד קויפט ביי אונדז מאַטעריאַלן; ווי וואָל, פעלן און האָר, קויפט דרום אפריקע פאַר £3.19.4. ד.ה. אַז דייטשלאַנד קויפט נאָר 20 פראָצענט פון דאָס וואָס זי עקספּאָרטירט אהער, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי גרויס דער „אומגליק" איז אויב דייטשלאַנד

וועט ביי אונדז ניט קויפן קיין וואָל ווען דער גאַנצער עקספּאָרט פון דרום אפריקע נאָך דייטשלאַנד אין די בעסטע יאָרן האָט קיין מאָל ניט באַטראָפן העכער 2.7 פּראָצענט פון אונדזער אַלגעמיינעם עקספּאָרט.

דייטשלאַנד, אויך איר געזאַנדטער דאָ, זאָרגט ניט וועגן אימפּאָרטירן דייטשע סחורה אהער, ווייל זיי ווייסן אַז פּאַרלויפיק איז די האַנדלס באַציאונגען צופרידנשטעלנד, מערער ווי נאָרמאַל, דרום אפריקע באַיקאָטירט ניט נאָר דייטשלאַנד וויל דאָ אַ מאָראַלישן נצחון ווייזן די אייראָפּעאישע וועלט אַז זי האָט דורכגעבראָכן דעם פראָנט פון באַיקאָט והא ראיה, דרום אפריקאַנישע אידן דערקלערן עפנטליך אַז זיי ציען צוריק דעם באַיקאָט. דאָס וועט זיי געבן אַ גוואַלדיקע געווער אין די הענט פאַר איינלאַנד און אויסלאַנד פּראָפּאַגאַנדע. זיי וועלן זאָגן: דער אידישער אחדות איז אַ פּוסטע זאַך. אָט האָט דער אפריקאַנער אידנטום בוגד געווען אין זיין נאַציאָנאַלן געוויסן און האָט צובראָכן דעם פּאַרייניקטן פראָנט פון די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אַנטקעגן די גרויזאַמע ברוטאַליטעט פון די נאַציס.

די הערן פון „באָאַרד אָוו דעפּיוטים" פּאַרגעסן אַז איידער היטלער האָט זיך נאָך באַוויזן האָבן מיר אידן שוין פּאַרזוכט דעם טעם פון ווילדן אַנטיסעמיטיזם אין דער פאָרמע פון „קוואָטע אַקט" א.א.

אין אַ צייט ווען פּאַרמערס האָבן געקראָגן די בעסטע פּרייזן פּאַר זייערע פּראָדוקטן. אין אַ צייט ווען דרום אפריקע האָט נאָך געהערשט אין אַ געוויסע מאָס פּראָספּעריטי, די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען גלענצנד האָבן זיך געפונען פּערזאָנען אין פּאַרלאַמענט וועלכע האָבן געהאַלטן גיפטיקע רעדעס אָנגעפילט מיט גאַל און שנאה אַז געבעלס אליין האָט זיך געדאַרפט ניין ביי זיי לערנען.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג אַז ווי מיר זאָלן זיך ניט בויגן, בוקן און קניען פּאַר וועמען ניט איז, וועט אַלץ ניט העלפן און ביי יעדע געלעגנהייט וועט מען אונדז געבן צו פילן אַז מיר זיינען אידן, פרעמדע איינגעבעטענע וועמען דער שאָוויניסטישער מאָגן קען ניט פּאַרדייען.

כל זמן די עטלעכע שוואַכע פעדים וועט אָנהאַלטן דרום אפריקע אַלס אַ טייל אין די בריטישע אימפּעריע קענען מיר נאָך האָפן און גלויבן אַז אונדזער פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לאַגע וועט ניט ווערן ערגער. אָבער ווי נאָר די שוואַכע פעדים וועלן זיך איבעררייסן און אונדזער מדינה וועט ווערן אומאָפּהייניגיק דאַן וועלן מיר מוזן איבערקריינקען די שאָוויניסטישע קריינק פון אידן פּאַרפאָלגונגען ווי אַלע אַנדערע לענדער און עס וועט ניט

העלפן די אלע הנדלער וואָס מיר מאַכן צום פּריז, עס וועט אלץ פאַרגעסן ווערן.

מען וועט ווייניק וואָס נעמען אין אכט די ראלע וואָס מיר האָבן גע־שפּילט ביים אנטוויקלען די מינעס, די אינדוסטריע — דאָס פאַרקערט וועט נאָך זיין אַ גרויסער חסרון. עס האנדלט זיך דאָ ניט די פראַגע פון יושר — גערעכטיקייט, געפיל און געוויסן, עס וועט הערשן די קורצזיכטיקע שאָוועניסטישע פּאָליטיק וואָס מען וועט קוקן קרום אויף די „פּרעמדע". דאָס איז ניט קיין נביאות, נאָר פשוטע לאָגיק.

איז ניט גלייכער אַז מיר זאָלן בעסער טראָגן אונדזער נאָמען מיט שטאָלץ און פּאַרטיידיקן אונדזער כבוד מיט ווירדע?

מיר דאַרפן געדיינקען אַז דייטשלאַנד ברעכט איצט צוזאַמען. דער עקאָנאָמישער דרוק פון די פאַרייניקטע פּראָגרעסיווע וועלט קוועטשט איר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

די אומצופרידנקייט פון אירע אייגענע מאַסן וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די פאַרפירטע אַרבעטער ניכטערן זיך אויס און זעען שוין אליין די בלאָטע אין וועלכע היטלער האָט זיי פאַרפירט. עס הערט זיך שוין פון דערווייטנס זייערע לאַנגזאַמע אָבער זיכערע טריט.

דעריבער איז אַ דאָפּעלטער חוב אויף יעדער באַוואוסטזיניקן מענטשן צו פאַרשטאַרקן דעם באָיקאָט מיט אַלע מעגלעכקייטן און דערמיט פאַר־שנעלערן דעם פּראָצעס פון היטלערס מפּלה.

מיט צופרידנקייט מוז מען אונטערשטרייכן אַז פיל דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ זיינען געשטאַנען אויף זייער געהעריקער הויך און האָבן מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם פאַרשלאָג.

עס איז כדי צו דערמאָנען די ווערטער פון הער שניטצער, אַ יונגער טאַלאַנטפולער סאָליסיטאָר:

„איר צבועקעס! היפּאָקריטן! מיט וועלכע רעכט קומט איר פאָדערן דעם באָיקאָט אָפּצורופן? האָט איר דען אים אָרגאַניזירט? האָט איר זיך דען פאַראינטערעסירט צו זען אַז דער באָיקאָט זאָל האָבן אַ דערפאָלג? ווער פרעגט אייך און ווער בעט אייך? איר זייט געשלאָפן ביז איצט — שלאָפט זשע אויך ווייטער און האָט גוטע חלומות!"

צוועלפטער קאפיטעל.

מיר דאַרפן אַ זעלבסט־שוץ

(זיך געדרוקט אין אפריקאנער אידישע צייטונג 1934)

די שווארצע פינסטערע היטלערישע ארבייט ווערט אַנגעפירט מיטן פולן טעמפּאָ. די ווילדע אנטיסעמיטישע העצע פארשפרייט זיך ווי אַ ווילדער פייער איבער די גאנצע פּראָווינץ. דער פארמער ווערט פארזיכערט, דאָס אויב ער וועט ניט קויפן אין אידישע געשעפטן פאר זעקס מאָנאַטן, וועט ער קריגן פון די דייטשע רייכס־באנק אַ הלואה אויף 20 יאָר אָהנע וועלכע עס איז פּראצענטן.

דער פּשוטער פּארמער, דער האלב אָפּגעשטאנענער פעלד־מענטש פרעגט ניט קיין קשיות און מאכט ניט קיין חשבונות און גלויבט אין נארישן בלאָף.

אויך די אָרימע ווייסע, סיי די ארבייטסלאָזע און סיי די וועלכע ארבייטן אויף די רעגירונגס און מוניציפּאליטי הילפס־ארבייט ווערן איינגערעדט פון די היטלערישע אגענטן, אַז זיי די „פּור ווייט" ד.ה. די אָרימע ווייסע זיינען די אמתע בעלי בתים פון דרום אפריקע, די גאנצע מדינה, די וועלדער, פעלדער, טייכן מיט אלע אומגעהעריגע מינעראלישע אוצרות געהערט אייגנט־ליך צו זיי. די ברוינע און שווארצע זיינען נאָר געבאָרן געוואָרן כדי צו באדינען די יורשים פון די „פּור טרעקערס" די ערשטע ווייסע פּיאנערן. נאָר די אידן האָבן פארכאפּט די גאָלד און קוילן גרובן און האָבן דורך זייערע אידישע אינטערנאציאָנאלע שווינדלערישע המצאות פּארדרייט דעם „בורע מענטשן" די קאָפּ און דער רעזולטאט איז, אַז די אמתע יורשים, די ווייסע אריסטאָקראטן מוזן ארומגיין הונגעריק אין די גאַסן אָדער ארבייטן שווער מיט די לאָפּעטע כדי צו פאריכטן די וועגן אויף וועלכע אידישע שארלאטאנעם זאָלן קענען באקוועם ארומפאָרן אין זייערע ראסקאשנע אויטאָמאָבילן און לעבן אַ גוטן טאָג.

זעלבסטפארשטענליך דאָס דער אומענטוויקעלטער אָרימער בור גלויבט באמונה שלמה אין דיזע שמוציקע פּראפּאגאנדע, דערצו קומען צו די האלב געבאקענע אינטעליגענציע וועלכע האָבן זיך ניט געקענט צושלאָגן

צו אַ מלוכה שטעלע אָדער צו וועלכע עס איז מוניציפּאַלישע אָדער געזעץ פּאָסטן, זאָגאַר מאַנכע פון די סיוויל סערוויס זיינען אַ פּאַסענדער עלעמענט צו ווערן פאַרסמט מיט אידן האַס און ראַסן העצע.

ביסלעכווייז אָבער סיסטעמאַטיש ווערט דער גיפט פון אַנטיסעמיטיזם אַריינגעדרונגען צווישן די ברייטע שיכטן פון די אַפריקאַנישע באַפעלקערונג, און מיט שרעק און ציטער שטעלט זיך די פראַגע וואָס וועט זיין?

דער יוגנט זוכט אַלעמאָל אַן אויסוועג פאַר זיין ענערגיע און דאָ האָבן זיי וואָס מען וויל, אוניפאָרמס, מיליטערישע איבונגען, מוזיקאַלישע „בענד" מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם, דערצו קען מען נאָך אַ ביסל צו הולענען, זידלען אידן, ברעכן שויבן, באַקלעפּן די ווענט מיט שמוציקע פּאַסקווילן און זיך שלאָגן, טאָ וואָס דאַרף מען בעסער?

עס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם דאָס אויב די אידישע געזעלשאַפטליכע מיינונג וועט זיך צוקוקן גלייכגילטיק ווי מען מיניוועט אונטער אונזער עקזיסטענץ און מיר וועלן זיך איינריידן דאָס די מלוכה וועט מסתמא שוין אָננעמען מיטלען — וועט זיין אַ טרויעריקער און אומפאַרגעבליכער פעלער וועלכעס מען וועט קיין מאָל ניט קענען צורעכט מאַכן. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן דאָס די רעגירונג איז איצט גראַדע פאַרנומען מיט אינערליכע פּאָליטישע רייבונגען. דער שדוך צווישן ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען איז ווייזט אויס ניט צו מזלדיג. דער לאַנגיאָריקער אַנטאַגאַניזם צווישן בור און ענגלישן איז נאָך ניט פאַרשוואונדן, אין אַזאַ פאָרם אָדער אַנאַנדערע שפּרינגען אַרויס נייע אומצופרידענע עלעמענטן און שאַפן ניט קיין זיכערע שטימונג אין דרום אַפריקע.

עס טראָגן זיך שוין קלאַנגען אין דער לופטן, אַז אין גיכן וועט פאָר־קומען וואַהלען צום פּאַרלאַמענט, אַלזאָ דאַרפן די פּאָליטיקער האַלטן די אויגן אָפן און זיך הנדלען מיט די שטים־געבער, מיט די ווילער. דאַריבער איז קלאָר דאָס ביי אַזוינע אומשטענדן וועט קיין זאַך ניט געטאָן ווערן פון די רעגירונג.

אפשר וועט מען פאַרבאָטן די נאַצי אָפענע פאַרזאַמלונגען און מעגליך די פּאָליציי וועט ווערן פאַרזאָגט דאָס אויב עס קומט פאַר אַ געשלעג דאַרפן ניט נאָר שלאָגן אידישע בחורים, נאָר מען מעג געבן אַ קלאַפּ אַ גרויע העמדל אויך... אָבער דאָס וועט ווייניק וואָס העלפן די גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע וועט פאַרגעזעצט ווערן אומגעשטערט.

דאריבער איז נויטיק צו שאפן אַ זעלבסט־שוץ איבערן גאנצן לאנד. דער זעלבסטשוץ דארף ניט נאָר זיין אנטקעגן צו שטעלן ווילדע כוליגאנעס און פארטיידיקן דעם אידישן כבוד, ניט צולאָזן דאָס יעדער גאַרנישט זאָל קענען פריי און פראנק גיסן שמוץ אומגעשטעדט אויפן אידישן נאָמען. נאָר דער זעלבסטשוץ זאָל אויך ווירקן קולטורעל, דורך אויפקלערונג געבן צו פארשטיין די מאסן, דאָס ניט דער איד האָט געשאפן די שווערע לאגע פון „פור וויט" און ניט ער איז שולדיק אין דעם. מען מוז פארשפרייטן בראשורן בלעטלעך און פערזענליך איבערצייגן און אויפווייזן די נידעריקע ווילדע העסליכע ליגענס וואָס די היטלער באנדע פארשפרייט.

מיר טאָרן זיך ניט פארלאָזן אויף נסים און עס וועט זיין אַ פארברעך פאר זיך אליין און פאר די קומענדיגע דורות, אויב מיר וועלן זיך אזוי גלאט צוקוקן צו די פארברעכערישע מעשים פון די נאצים און איבערלאָזן אונזער מלחמה אין די הענט פון איינציקע געציילטע ניט אָרגאניזירטע יונגע לייט, וועלכע קענען ניט צוזען גלייכגילטיק ווען דער אידישער כבוד ווערט געטראמפעלט מיט בלאָטיקע שטיוועל.

אויב מען דארף יאָ געבן אַ קלאפּ זאָל עס זיין אַן אָרגאניזירטער קלאפּ, אַז אלע כוליגאנעס זאָלן האָבן רעספּעקט און וויסן אַז אידן אין דרום אפריקע זיינען ניט הפקר!

געדיינקט! אָרגאניזירט זיך כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט, עס זאָל חלילה ניט ווערן צו שפּעט!

דרייצענטער קאפיטעל.

מיסטער אָסוואַלד פּיראָו מוז גיין

(זיך געדרוקט אין אידישן עקספּרעס 1937)

ענדליך האָט הער פּיראו, דער דרום אפריקאנער מיניסטער פאר „אייזנ־באן און פארטיידיקונג" אראָפּגעוואָרפן די מאסקע און ארוים מיטן לשון. אין זיין כלומרשדיקע פארשטעלטע אָנצוהערעניש אין ווארטבערג האָט ער ווי א געטרייער תלמיד פון געבעלס זיך אויסגעדריקט פריי און אָפן פאָל־גענדעס : —

„זאָלן די יעניקע וועלכע פירן אָן מיט דעם אנטי־נאצי באָיקאָט אין דרום אפריקע געדיינקען, אז זיי זיינען בלויז „געסט וועלכע ווערן געדולדעט נאָר דורך די איידלקייט פון די בעלי הבתים פון לאנד און „געסט" דארפן זיך אויפפירן לייטיש, ווי אדל־לייט, אויב ניט וועט דער בעל הבית פון לאנד פארלירן די געדולד און וועט זיי אָן צערעמאָניעס ארויסווארפן, ווי עס פארדינען אזעלכע וואָס שטערן דעם נארמאלן האנדל פון לאנד".

פאר קיינעם איז ניט קיין ספק, דאָס פּיראו האָט געמיינט אידן, אונטערן נאָמען „געסט", אויב ער האָט דאָס ניט ארויסגעזאָגט אָפן איז נאָר ווייל זיין מוט האָט אים דאָס מאָל פארלאָזן. ווייל נאָך אלעמען זיצט ער דאָך צוזאמען אין קאבינעט מיט גענעראל סמאטס און ניט מיט ווייכארדן. אלזא דארפן פארט לפנים וועגן פירן אביסל שטאַט און רײדן „דיפּלאָמאטיש". אָבער פאר דער עפנטלעכקייט איז איינערליי און עס איז אונדזער חוב צו רעאגירן אויף זיין רעדע און קומען צו די געהעריקע באשלוסן.

זיין באהויפּטונג דאָס אין דרום אפריקע ווערט אָנגעפירט א באיקאָט באוועגונג אנטקעגן דייטשלאנד איז אבסאָלוט ניט ריכטיק. הלואי וואָלט עס געווען אמת, און אידן אין דרום אפריקע פונקט ווי אידן אין אמעריקע און אנדערע לענדער וואָלטן דערפילט זייער חוב אלס אידן און מענטשן און וואָלטן טאקע באיקאָטירט דייטשע סחורות, דייטשע שיפן, דייטשע מעדיצין און אלעס וואָס עס קומט פון עמלקס מדינה, וואָלט אונז גאָר ניט אויס־געמאכט אויב הער פּיראו איז דערמיט ניט צופרידן און מיר וואָלטן זיך

וויניק געקימערט אויב הער פראו בייזערט זיך און סטראשעט אונדז, אָבער דער אמת איז, אז עס עקזיסטירט גאָר ניט קיין באיקאָט באוועגונג און פארקערט אחינו בני ישראל האָבן זייער אימפּארט פון דייטשע סחורות פארגרעסערט, אז שטרייכער אליין מעג זיין צופרידן.

א בליק איבער די אָפיציעלע ציפערן פון דער רעגירונג ווייזן די פאר־העלטענישן פון האנדל מיט דייטשלאנד פאר די לעצטע פינף יאָר אָנהויבנדיק פון 1932 — א יאָר איידער היטלער מיט זיינע מחבלים האָבן פארשקלאפט דעם דייטשן פאָלק — ביז דעם 30־טן יולי 1937. (נאָך יולי איז נאָך קיין ציפערן ניטאָ).

דאָס זיינען אָפיציעלע ציפערן פון דייטשן אימפּאָרט אין ד. אפריקע:

1932 — £2,384,335 ; 1933 — £3,067,108 ; 1934—£3,041,198 ; 1935 — £3,448,765 ; 1936 — £4,301,909 ; בלויז פאר זעקס מאָנאטן פון יאנואר ביז יולי 1937 — £2,469,225. די ציפערן באווייזן דאָס דער דייטשער האנדל מיט דרום אפריקע האָט זיך גאָר פארגרעסערט פון א סומע £2,384,335 ביז £4,978,310 אין 1937 (רעכענדיק אז די קומענדיקע זעקס מאָנאטן וועלן זיין ווי די פאריקע), דאָס הייסט אויף גאנצע 112 פראצענט. און ווען מיר וועלן אנאליזירן אויספירלעך די ארטיקלען וועלכע ווערן אימפּאָרטירט פון דייטשלאנד אהער, זעען מיר אז זיי באשטייען פון גלאָז־ווארג, פרויען קליידער, מאנטלען, שיך, זאָקן, הענטשקעס, קאסמעטיקס, פארפיומי, שטאפן, מוזיקאלישע אינסטרומענטן, פארצעליי, קליי, לעדער, גומי און מעטאלישע אויסארבעטונגען, מעדיצינישע און כעמישע שטאפן, שפּילצייג, ביכער און שרייב געצייג, און אָט די אלע זאכן אימפּאָרטירן אידישע געשעפטן ארום 43 פראצענט פון גאנצן דייטשן אימפּאָרט. די קאלטע טרוקענע ציפערן דערציילן גענוי אונדזער שאנד און רופן ארוים א אומבא־שרייבלעכן ווייטאָג און צער אז עס ווילט זיך גאָר ניט גלויבן אז מיר אידן אין דרום אפריקע זיינען אזוי קאלטבלוטיק צו דעם ווי געשריי פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין דייטשלאנד וועלכע ווערן דאָרט פארפייניקט און אויסגעראט.

אונדזערע ברידער אין דרום אפריקע פארגעסן, אז פאר די געלט וועלכע מיר קויפן פון דייטשלאנד אונטערשטיצט געבעלס די גאנצע פראפאגאנדע מאשין פון די „גראע העמדלעך".

נאָך טרויעריקער ווערט אויף דער נשמה ווען מען דערמאָנט זיך אז דער גאנצער מאשין פון די גיפטיקע פראפאגאנדע ווערט אויסגעהאלטן מיט

אונדזערע אייגענע מיטלען וועלכע מיר שטעלן צו דורכן קויפן דייטשע סחורות און נוצן דייטשע שיפן. עס געפינען זיך נאָך אזוינע חכמים פון אונדזערע געשעפטס לייט וועלכע מאכן זיך א היתר צו קויפן דייטשע סחורה מיט די פראגע, וואָס קען מיינע עטלעכע פונט העלפן היטלערן? זיי פארגעסן אז היטלער האָט פאראָרימט די דייטשע מדינה און זיין גאנצע געלט צערקולאציע האָט קיין פאקטישע גאָלד דעקונג. זיין איינציקער הילף איז אויסלענדישע וואלוטע און יעדער פונט מיינט א שטיצע פאר די באנדיטן.

אלזאָ קען מען פון א ריין דייטשן עמלק שטאנדפונקט ניט האָבן צו אונדזערע אידעלעך אין דרום אפריקע זיי טוען זייער הוב אלס מח יפית אידן זייער אויסגעצייכנט און לעבן מיט התמדה דעם שטיוול וועלכער בריקעט זיי. דעריבער איז הער פיראו זייער אומגערעכט ווען ער דיינקט אז מען באיקאָטירט דייטשע סחורה און ווי באוואוסט, איז דאָך הער פיראוס אויפגאבע אלס א קאבינעט מיניסטער אכטונג צו געבן אז היטלערס אינטערעסן זאָלן אין דרום אפריקע ניט ליידן...

אז הער פיראו סימפאטיזירט מיט דייטשלאנד איז פאר קיינעם ניט געווען קיין סוד. די אלע גרויסע קאנטראקטן פאר די יונקער אעראפלאנען, זיינע באשטעלונגען פאר די דייטשע לאקאמאטיוון, וועלכע ארבעטן ניט שטייען שטענדיק אין די מעכאנישע מאסטערסקייען און איבערהויפט זיין טרויעריק באריכטע רעדע פאר די דייטשע אָפיצירן פון די „עמדין" זיינען גוטע באווייזן וואו דער ווינט בלאָזט און אז ער געפינט זיך אונטער די השפעה פון דייטשן מיליטאריזם. אָבער קיינעם האָט ניט געקענט איינפאלן אז ער זאָל שרייען „הייל היטלער" און אָנרופן די אידישע באפעלקערונג פון דרום אפריקע „געסט".

דער הער פיראו מוז געדיינקען אז יעדער אידישער איינוואוינער אין דרום אפריקע איז פול בארעכטיקט און האָט די זעלבע רעכט ווי הער פיראו זעלבסט. און איבערהויפט קען דאָ קיינער ניט אנווייזן אויף „געסט" ווען די גאנצע ווייסע באפעלקערונג אין דרום אפריקע איז נאָר 25 פראצענט פון די אלגעמיינע צאָל. אלזאָ מיט וועלכע מאראלישע רעכט קען איין ווייסער זיין מערער יחסן ווי א צווייטער, ווען דער אמתער מיוחס — דער „איינגעבארענער" קען איין טאָג זאָגן אז די לאנד איז זיינע און הערן פיראוס ארישע אנשויאונגען וועלן אים ווייניק איבערצייגן.

מיט וואָס קען זיך די בורישע באפעלקערונג איבערנעמען און פאָדערן זייער בכורה אויף דרום אפריקע. האָבן זיי איר אנטוויקעלט און געבראכט צו איר זעלטענע לעבנס־ניווא?

הערן פיראוס באגריף פון „געסט" קען מאָרגן ווערן אויסגעטייטשט אנטקעגן די ענגלישע באפעלקערונג און אנטקעגן אלע ליבעראלע עלעמענטן וועלכע וועלן ניט זיין איינשטימיק מיט זיין אידעאלאגיע.

דאָקטאר מאלאן איז פאר אונדז ניט געפערלעך, ווייל ער דאַרף ערשט קומען צו דער מאכט און זיין איצטיקער „יד אחת" מיט ווייכירדן וועט אָפּשאָקלען פון אים מיט עקל אלע פּראגרעסיווע עלעמענטן פון לאנד. אָבער הער פיראו איז אין מאכט און זיין פּאסטן איז דער וויכטיקסטער נאָכן פּרעמיער מיניסטער. אין זיינע הענט ליגט די גאנצע פארצווייגטע ווירטשאפט פון דרום אפריקע מיט צענדליקע טויזנטער אָנגעשטעלטע וועלכע זיינען אים אונטערוואָרפן, אלזאָ אויב הער פיראו איז אויסגעשפּראכן פאשיסטיש גע־שטימט און איז באגייסטערט מיט היטלערס מעשים טובים, טאָר ער איז אַ ליבעראלן קאבינעט ניט פארבלייבן און די גאנצע פּראגרעסיווע עפנט־לעכקייט מוז פאָדערן זיין רעזיגנאציע. דער שלאָגוואָרט מוז ווערן „פיראו מוז גיין!" און וואָס פריער אלץ גלייכער וועט זיין פאר די אינטערעסן פון דרום אפריקע.

דער טראַגישער סך־הכל פון יאָר תרצ״ז

(זיך געדרוקט אין די „אידישע פאָסט" 1937)

נאָך קיינמאָל אין זיין געשיכטע האָט דער אידישער פאָלק אריבער־געלעבט אזוינע טיפע, שוידערלעכע, טראגישע מאָמענטן ווי אין דעם אוועק־גייענדיקן יאָר.

די טרויעריגסטע קאפיטלען פון אונזער היסטאָריע זיינען דעם פאר־גאנגענעם יאָר געשריבן געוואָרן מיט בלוט און טרערן איבער גאנץ צענטראל אייראָפע, גרויסע טיילן פון אפריקע, אזיע און איבערהויפט אין ארץ ישראל.

ניט נאָר מיליאָנען אידן ווערן אומפארשעמט עפנטליך בארויבט פון זייערע בירגערליכע רעכטן, וועלכע זיי האָבן מיט אזוי פיל מיה און שוועריקייטן ערוואָרבן אין לעצטן יאָרהונדערט, נאָר אלע קוואלן פון פרנסה ווערט פארמאכט פאר זיי און זיי ווערן סיסטעמאטיש ארויסגעשטויסן פון אלע זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס וועלכע זיי האָבן מיט כבוד און ווירדע געהאלטן פאר אייניקע דורות.

די מענטשליכע פאנטאזיע האָט זיך גאר ניט געקענט פארשטעלן צו וואָס פאר א טיפקייט פון נידערטרעכטיקייט, אכזריות און ווילדקייט האָבן געקענט זינקען אונזערע פארדאמטע שונאים די אנטיסעמיטן פון אלע לענדער און אלע נאציאָנען.

קיינער האָט ניט געקענט גלויבן אז די ווילדע גיפטיקע אידן־העצע זאָל זיך אזוי פארשפרייטן מיט אזא ווילדע אומגעהעריגע שנעלקייט, איבער אלע וועלט־טיילן און מאכן אומזיכער ניט נאָר די אידישע עקאָנאָמישע לאגע נאָר אויך אונטערגראָבן די גאנצע פאָליטישע עקזיסטענץ פון די אידישע מינדערהייט וואו זיי זאָל זיך ניט געפינען.

אין דייטשלאַנד איז דער אידישער קיבוץ צושמעטערט פיזיש און גייסטיק. קיין איד איז דאָרטן ניט זיכער מיט זיין לעבן, איבעראל וואו ער קערט זיך באגעגנט ער שפאָט פאראכטונג, טעראר און רציחה.

די היטלער באנדיטן האָבן זיך ניט באגנוגענט מיט דעם וואָס זיי האָבן באזייטיקט און אויסגעשלאָסן אלע אידן פון אלע רעגירונגס, מוני־

סיפּאַלישע און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן זיי האָבן אָנגעפאַנגען מיט גרויס איפּעט צו ליקווידירן אַלע אידישע געשעפטן און פּאַראַליזירן דעם איינציגן צווייג פון די אידישע חיונה־קאָמערץ.

יעדער אידישער געשעפט ווערט פריער אָדער שפּעטער געצוואונגען זיך צו פאַרקויפן צו אַן „אַריער" אויף די פּרייזן און באַדינגונגען אויף וועלכע דער „יושר" פון די נאַצים ערלויבט. אויב עס געפינט זיך אַ אידישער אינהאַבער פון אַ פאַבריק אָדער געשעפט וועלכער האָט קיין חשק ניט זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם „יושר" פון די היטלער כוליגאַנעס דאַן געפינט די נאַצי פּאַרטיי אַ מיטל צו „ווירקן" אויף אַזאַ „חצוף" און אין אַ פיינעם פרימאָרגן ווערט דער אידישער „עקשן" אַוועקגענומען אין אַ קאָנצענטראַציאָנס לאַגער פון וואַנעט אַ פּאָר טעג שפּעטער באַקומט זיין פאַמיליע צוגעשיקט אַ פּושקאַלע מיט אַש און אַן אונטערגעשריבענער קאָנטראַקט וואו דער פאַרשטאָרבענער זאָל האָבן כלומרשט „פאַרקויפט" זיין געשעפט אָדער פאַבריק צו דעם „אַריער".

אַזוינע פאַלן זיינען ניט קיין אויסנאַם נאָר אַ סיסטעמאַטישע ערשיינונג איבער גאַנץ דייטשלאַנד. היטלעריזם שטעלט זיך דערמיט נאָך אַלץ ניט צופרידן און דער גאַנצער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע מאַשין פאַרשפּרייט פון פאַרשידענע דרכים אַלערליי ליגנס און שמוץ אויף אידן איבעראַל און שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין מיטל צו פאַרערגערן די אידישע לאַגע און פאַרניכטן די יסודות פון זייער קיום.

פּוילן האָט ניט לאַנג געדאַרפט נעמען צו באַגרייפן געבעלס „תורה". און האָט זיך גענומען פּאַגראַמירן אידן אויפן גרעסטן מאַסשטאַב. פּשיטיק, בריסק, נאָוואָמינסק, אַשענצעכאָוו און בריאַנסק זיינען די בלוטיקע עפּיזאָדן אין אידישן לעבן פון פּוילן.

דער ווייטאָג פון פּוילישן אידנטום איז נאָך געוואָרן טיפער און שאַרפער, ווען דער פּוילישער געריכט איז צוגעשטאַנען צו די כוליגאַנעס און פּאַגראַמשציקעס און האָט באַפרייט די מערדער און באַשטראָפט זייער האַרב די העלדישע אידישע פּערזאָנען וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזן קוילענען און זיך קעגנגעשטעלט זייערע אָנפאַלער.

אַזאַ אידישע „חוצפה" האָט דער פּוילישער פּריץ ניט געקענט פאַר־טראָגן און די גאַנצע פּוילישע פּרעסע אָן אויסנאַם האָט זיך גענומען

געשמאק צו אידן פרעסעריי מיטן גרעסטן אפעטיט און מיט די פולשטענדיקע הסכמה פון די פוילישע רעגירונג.

„חורבן פוילן" איז פינקטליך דורכגעפירט געוואָרן מיט אלע זיינע „תריג" פרטים. און מיט באדויערן און צער קען מען זאָגן דאָס די דריי מיליאָן אידן אין פוילן זיינען פארמשפט צו א לאנגזאמען אָבער זיכערן הונגער טויט אויב די פאגראמשציקעס וועלן ניט באוויזן דעם פראצעס צו פארשנעלערן. (אין די זעלבע צייט טוט פוילן א גרויסן האנדל מיט אונז אין דרום אפריקע).

ליטע איז אויך ניט קיין הינקערדיקער שניידער און וויים אויך ווי צו פארביטערן דעם אידישן לעבן מיט אלערליי פרובירונגען פון אויפוועקן דעם עלילת דם. שוועך מאכן דעם אידישן לעבן מיט נארישע אומגעלומפערטע באגרעניצונגען. פארבאָטן די אידישע און העברעאישע שפראכן אלס אונ־טעריכט שפראך אין די קינדער שולן, ארויפלייגן שווערע ניט בארעכטיגטע נאלאגן און בעשטייערן דעם אידישן סוחר מיט „תרפט" אָפּצאָלונגען כדי ער זאָל קיין לעבן ניט קענען מאכן און אָפּגעבן זיין פלאץ פאר די וואקסנדע ליטווישע „אינטעליגענץ" וועלכע קענען שוין ניט געפינען פאר זיך קיין פלאץ אין מלוכה אפאראט.

זעלבסטפארשטענדליך דאָס רומעניע וועלכע האָט אויף אידן־רדיפות „א חזקה" פון לאנגע יאָרן אָן, האָט זיך פארמאסטן, אריבערצושטייגן דייטשלאנד און פוילן און האָט איינגעפירט א נייעם — דאָס ווען מען גייט פאגראמירן אידן, זאָל גיין אָן ארקעסטער מוזיק פארויס, און דער קלאנג פון די מוזיקאלישע טענער זאָל פארטומלען דעם ווייגעשריי פון די געשלאָגענע און ראבירטע כדי זייער „ארישע" אויערן זאָל ניט דארפן הערן די אומאנגענעמע קולות פון די פארשאָלטענע „זשידאנעס".

ניט אלע קענען זיך פארגינען דעם פארגעניגן פון מאכן פאגראמען. אנדערע זיינען דאָך פארט „אדעליט" וועלכע האלטן „שטאט" און פירן דורך זייערע שווארצע ארבייט דורך איבערגעבענע משרתים וועלכע פאר־שטייען זייער מלאכה ניט ערגער ווי זייערע בעלי בתים אויב ניט בעסער. דעריבער איז ניט קיין וואונדער אז אונזערע „שותפים" פון אונזער „נאצ־יאנאלן היים" זאָלן האָבן ארראנזשירט פאר אונז א בלוטיקן ספעקטאקל אויף די ארץ ישראל ערדנגע מיט די גאנצע געניטקייט פון גרויסע קינסטלער.

דורך א וואונק פון די הויכע פענסטער האָבן זיך די אראבער צובו־שעוועט אין ארץ ישראל און זיינען ארויס פון די קוליסן. זיי האָבן געראַ־

בירט, געצונדן און געמאָרדעט וויפל זייער האַרץ האָט זיך געלוסט און די גרויסע, שטאַרקע און מעכטיקע ענגלאַנד אונזער גוטער פריינט און באַשיצער אונזער „שומר ישראל" האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און ניט הערנדיק. פאַרקערט, אַ סך באַמבעס וועלכע די אַראַבישע באַנדיטן האָבן געוואָרפן אויף אידישע קראַנקן הייזער און קינדער היימען האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַבריצירט אין ענגלאַנד און אויף אַ מיסטעריעזן אופן גענומען געוואָרן פון די אַרסענאַלן אין ארץ ישראל.

אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל האָט זיך ניט געלאָזן פּראָוואָ־צירן און האָט מיט זיין דיסציפּלין און באַוואוסטזיניקייט באַקעמפט די אַראַבישע באַנדעס און אַרויסגעוויזן דעם געהעריגן ווידערשטאַנד דאַן האָט ענגלאַנד ווידער געשיקט אַ קאָמיסיע אונטערן נאָמען די „קעניגליכע קאָמי־סיע" אויסצוגעפינען די אורזאַכן פון די מהומות און געפינען אַן עצה וואָס צו טאָן דאָס אַזוינע טומלען זאָלן זיך ניט ווידערהאָלן.

די „קעניגליכע קאָמיסיע" האָט ווי אַלע פריערדיקע קאָמיסיעס אויס־געכשרט די ענגלישע ציווילע און מיליטערישע באַאַמטע אין ארץ ישראל, אַז זיי זיינען ג' די נשמה שולדיק און מען טאָר זיך ניט צוהערן וואָס בייזע צינגער זאָגן אַז די אַנגעשטעלטע אין די ארץ ישראל אַדמיניסטראַציע זאָל האָבן געצויגן די דראָטן הינטער די קוליסן און האָט געהאַט אַ פינגער אין טאָפּ וואו דער גאַנצער שדים געקעכץ האָט זיך געקאָכט, פאַרקערט, זיי די באַאַמטע זיינען גרויסע ספּאָרטס לייט און גלויבן אַז ווען צוויי שלאָגן זיך דאַרפן זיי שטיין פון וויטן און קלייבן נחת. און ווער רעדט אַז מען שלאָגט אַ אידן דאַן איז פּשוט אַ מצוה אונטערצוגעבן אַ ביסל היץ און ערמוטיקן דעם מופטי מיט זיינע בוליגאַנעס אַז די וועלט איז הפקר און זיי קענען זיך וואויל אָנגיין מיט אידישע האָב און גוטס און מיט אידישע בלוט.

איין זאַך האָט יאָ די „קעניגליכע קאָמיסיע" אויסגעפונען אַז דער מאַנדאַט טויג ניט און איז ניט אַרבייטס פעיאיק און מען דאַרף צוטיילן ארץ ישראל צווישן די אַראַבער און אידן אַזוי אַז ביידע צדדים זאָלן זיין מרוצה.

דאַריבער האָט די „קעניגליכע קאָמיסיע" פאַרגעלייגט דאָס עבר הירדן און גאַנץ ארץ ישראל מיט ירושלים און רוטענבערג און די ים המלח קאָנ־צעסיעס זאָל געהערן צו די אַראַבער וואו אַ איד זאָל ניט האָבן קיין דריסת הרגל, און איין חלק פון ארץ ישראל אומגעפער אַ צוועלפטל פון די גאַנצע

מדינה זאָל כלומרשט געהערן צו אידן אונטער אַן ענגלישן מאַנדאַט און פאַר דעם חסד דאַרפֿן אידן אויסהאַלטן אין זייער גרויסע „טעריטאָריע" איבער 300,000 אַראַבישע קעסט־קינדער און דערצו צאָלן יערליכע שכירות דעם מלך אבדולא „ירום הודו" צוויי מיליאָן פונט, כדי צו העלפֿן אונזערע שכנים פאַרצוזעצן זייערע מעשים טובים. אויסער דעם דאַרפֿן אידן געבן און שאַפֿן „אַ קאָרידאָר" פאַר די אַראַבער אַז זיי זאָלן האָבן אַ פּריוועטן צוטריט צום פּאָרט, וועלכער וועט געהערן צו די אַראַבישע מלוכה.

פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ גליק פון האָבן אַ „מלכות ישראל" אין אונזערע טעג, האָט איבעראַשט אַלע אונזערע פאַראַנטוואָרטליכע עסקנים, כלל טוער, און פירער און דער 20־טער ציוניסטישער קאָנגרעס וועלכער איז אָנהויב אווגוסט פאָרגעקומען אין ציריך אויך די קאָנפערענץ פון די אידישע אגענץ האָבן געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע צו געפינען אַ פאָרמולע וועלכע זאָל ניט ברוגז מאַכן דעם פריץ ר' יונה בולקע און זאָל די הבטחה פון אַ אידישע מלוכה דורכפירן ווי ער האָט אַזוי גלענצנד דורכגעפירט די „באַלפור דעקלאַראַציע" און אין דער זעלבער צייט באַרואיקן די צורייצטע געפילן פון די אידישע עפנטליכקייט וועלכע האָבן מיט אַ מאָל דערזען אַז מען האָט זיי פאַרפירט, פאַראַטן און מיאוס אָפּגענאַרט.

אַז מען זוכט געפינט מען, און דער קאָנגרעס מיט די אידישע אגענץ האָבן זיך דערמאָנט אין אַלטן אויסגעפּרובירטן מיטל צו רופן נאָך אַן „אסיפה" און דערווייל זיך דינגען מיט ר' יונה בולקע „אולי ירחם", אפשר וועט מען קריגן נאָך אַ פּאָר אַוילן ערד כדי צו פאַרגרעסערן אונזער מלוכה אויף ד' אמות...

ווייניק נחת קען מען האָבן ווען מען באַטראַכט די פּראָספּעקטיוון פון אונזער לעבן אין דרום אַפריקע.

אויך דאָ האָט די גיפטיקע שלאַנג פון פאַשיזם זיך גענומען פאַרפעסטן די לופט. די „גרויסע העמדלעך באַוועגונג" האָט דורך אונזער נאַכלעסיקייט און ניט אָרגאַניזירטקייט אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסע פאַרצווייגטע, קרעפּ־טיגע אָרגאַניזאַציע און האָבן אַרויסגערופן די אַלטע האַלב פאַרשלאָפענע אידן שנאה ביי דעם האַלב פּרימיטיוון פעלד מענטש און ביי די אומוויסנדע און האַלב וויסנדע שטעטישע באַפעלקערונג. דעם אָרעמען ווייסן און פאַרמער ווערט טאָג טעגליך דערציילט אַז אידן האָבן פאַרכאַפּט אַלע רייכטימער פון די מדינה און זיין פאַרפלייצן דרום אַפריקע מיט אידישע אימיגראַנטן וועלכע נעמען אוועק די שטעלעס פון די היגע, אַז דער יונגער דור וועט

בלייבן ארבייטסלאָז. דער געשריי אנטקעגן די אידישע דייטשע אימיגראנטן האָט געצוואונגען די רעגירונג איינצופירן א געזעץ לויט וועלכעס דער איינטריט אין דרום אפריקע פאר אידן איז כמעט ווי פארבאָטן און די איראניע איז אַז אונזערע אידישע פארשטייער אין פארלאמענט האָבן מיטגעשטימט מיט די רעגירונג און האָבן ניט געהאט די מוט צו פראטעס־טירן און שטימען קעגן אימיגראנטן געזעץ.

דער אנטיסעמיטיזם אין דרום אפריקע איז געוואָרן שטארקער ווען דאקטאר מאלאן אַן אנגעזעענער פירער פון די „כשרע נאציאָנאליסטן" האָט עפנטליך אָנגענומען דע שטעלע פון המן'ס פארטרעטער אין אונזער מדינה.

אויף זייער קאָנגרעס וועלכער איז די טעג פארגעקומען האָבן די נאציאנאליסטן ארוים מיטן לשון און האָבן אויפגעדעקט זייערע קארטן און אונז געוויזן דעם העסליכן פרצוף פון ווילדן בארבארישן אנטיסעמיטיזם. זיי האָבן אָנגענומען באשלוסן צו פארבאָטן אידן דעם האנדל און אוועק־נעמען די בירגערליכע רעכטן פון די אידישע באפעלקערונג אויב זיי וועלן באקומען די מאכט אין די קומענדיקע וואלן צום פארלאמענט.

זיי האָבן אויך אונז צוגעזאָגט אַז זיי וועלן איינפירן א קוואטע דאָס נאָר 4 פראצענט אידן וועלן זיך מעגן פארנעמען מיט פראפעסיעס און האנדל, די איבעריקע וועלן צו קיין זאַך ניט דערלאָזט ווערן. אידן ווערן פראקלאמירט פאר בלוט־זויגער, פאראזיטן קעגן וועלכע מען דארף פירן אַן אויסראטונג פאָליטיק דאָס איז דער תמצית פון מאלאן'ס פראגראם בנוגע די אידישע פראָבלעם.

זאגאר די דאטש רעפארמירטע קירכע האָט מיט א מאָל זיך ארומגעזען אַז אידן זיינען גאָר ניט קיין „אתה בחרתנו" פאָלק און קיין עם סגולה. לויט מאלאן'ס טעאריע זיינען די בוערם די מיסטערווערק פון די השגחה העליונה און זיי געהערט אלעם וואָס אפריקע פארמאָגט.

יעדער רעכט דיינקענדער מענטש פארשטייט אַז מיר וועלן דארפן ענדערן אונזער פאָליטיק פון שוויגן, און זיך נעמען אין ערנסט באקעמפן צוזאמען מיט אלע פראגרעסיווע עלעמענטן אין לאנד די קומענדע וואקסנדע געפאר פון פאשיזם און מאלאניזם.

מען פארגעסט אויך אַז גראדע איצט איז דער פאסענדער און געהע־ריקער מאָמענט צו פארשטארקן דעם באיקאט אויף דייטשע סחורות מיט אלע מעגליכקייטן און מיט א גרעסערן אימפעט ווי פריער, ווייל גראד איצט ווערט דער עקאנאָמישער קריזים אין דייטשלאנד שארפער און בולטער.

די ארבייטער מאסן וואכן אויף פון זייער שאָוויניסטישן צד און זעען שוין די בלאָטע אין וועלכע היטלער האָט זיי פארשלעפּט. די אומצופרידנהייט וואקסט פון טאָג, און דרום אפריקאנער אידן קענען און מוזן און דארפן פארשנירעווען די שטריק ארום דייטשן האלז דורך אַ פארשטארקטע באיקאט באוועגונג וועלכע זאָל ווערן גרינדליך דורכגעפירט אויף אלע געביטי.

איבערהויפּט דארפן מיר מערער פארשטיין און אויסניצן אונזערע עקאָנאָמישע ערפארונג און דערמיט באקעמפן מיט ערפאָלג דעם פאשיזם און אנטיסעמיטיזם אין אלע זיינע פארמען, ווייל דער שטארקסטער וואפן אין אלע צייטן און איבערהויפּט איצט איז דער וואפן וואָס מיר רופן אָן עקאָנאָמיע, און דעם וואפן פארמעגן מיר אין געהעריגן מאָס.

פופצענטער קאפיטעל.

דור הולך

(זיך געדרוקט אין ישורון)

אין א צייט ווען אלע באגריפן פון יושר גערעכטיקייט און מענטשליכע ווירדע, ווערן ציניש אויסגעלאכט און אפגעשפאט, אין א צייט ווען די גאנצע מענטשהייט פארלירט איר צלם אלהים און וויל עם פארבייטן אויפן „אות קין" און מאכן הכנות זיך צו ווארפן איינער אויפן אנדערן און מארדן, רואבירן, פלינדערן און פארניכטן אלעס וואס וועט זיי זיין אין וועג, אין א צייט ווען געדיכטע פינסטערע כמארעס הויבן אן זיך צו רוקן איבער אונזערע קעפ און עס פארדריקט און פארפרעסט די נשמה, פאראליזירט די געפילן, גראדע אין אזא צייט ווילט זיך גריבלען אין זכרונות פון אמאל, ערוועקן לאנג־פארגעסענע בילדער און פאסירונגען, דערמאנען זיך אן אמאליקע טיפן, געשטאלטן, און דערמיט אפפרישן אונזער גייסטיקן באגעהר פאר עטוואס אידעאליש שענערס און בעסערס.

פון דעם טונקעלן טוי ערשיינט פאר מיינע גייסטיקע אויגן די טיפישע פאטריארכאלישע פיגור פון איינעם פון די וועלכע זיינען אונז געווען ליב און טייער און האבן מיט זייער הנהגה ארויסגערופן די גרעסטע אכטונג פאר זייער דאמינירטע פערזענליכקייט, די געשטאלט פון ר' אברהם ישעיהו.

די קלוגע דורכדרינגענדע אויגן, דער גרויסער, ברייטער, ליכטיקער שטערן, דער שיינער, שניי־ווייסע, לאנגער בארד, דער שמייכלענדיקער פנים, אויף וועלכן ס'איז כסדר געווען אויסגעגאסן גוטמוטיקייט און פריינטשאפט, די איידעלע געזיכט־שטריכן האבן זיך פולשטענדיג הארמאנירט אין א באזונדערן חן אין וואס מען רופט א הדרת פנים פון ר' אברהם ישעיהו.

אין אונזער שטעטעלע איז געווען ר' אברהם ישעיהו דער תבואה סוחר איינער פון די יחידי סגולה, וועלכער האט דורך זיין אידעלקייט, לומדות און ארענטלעכקייט געוואונען דעם פולשטענדיקן צוטרוי פון אידן און קריסטן און אזוי זיך געשאפן א בכבודיקן פלאץ צווישן אונזערע גייסטיקע אריסטאקראטיע.

ר' אברהם ישעיהו, איז ניט געווען וואָס מיר רופן אָן אַ גרויסער גביר. ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער בעל הבית. אינהאבער פון אַ שיינע רייך מעבילירטע הויז, באַזיצער פון אַ זייער גוטן געשעפט, אַ שותף אין איינע פון די צוויי מאָדערנע דאמף־מילען אין אונזער געגנט. אַ מאַן פון אַ געטרייע איבערגעבענע פרוי און אַ פאָטער פון עטליכע גוט ערצויגענע וואוילע און באַגאַבטע קינדער. אָבער זיין גרעסטער פארמעגן איז געווען זיין אויפריכטיקייט, זיין גוטע וואַרימע אידישע האַרץ, זיין אומבאַגרעניצטע ערליכקייט און פינקטלעכקייט און כמעט זיין לעגענדאַרישע ברייטקייט אין געבן צדקה!

ווען די בלוטיקע וועלט מלחמה האָט אומבארחמנותדיק צעשמעטערט און צושטערט דעם ליטווישן אידנטום, חרוב געמאַכט שטעדט און פארניכטעט קליינע שטעדטלעך וואו די אידישע באפעלקערונג האָט מער אָדער ווייניקער זיך געלעבט געמיטלעך און געצויגן זייער חיונה, ווען דער אומפערגעסלעכער גרויזאמער שטורם פון ברודער מאָרד האָט ארויסגעריסן די אַלטע איינגעזעסענע און איינגעוואָרצלטע אידישע תושבים פון ליטע און זיי צוזייט און צושפרייט איבער די ברייטע שטרעקעס פון אייראָפעאישע און אזיעאטישע רוסלאַנד, דאַן האָט דער בייזער גורל אוייך ניט פארגעסן אָן ר' אברהם ישעיהו און האָט אים מיט זיין פרוי און קינדער ארומגעשליידערט פון איין שטאָדט אין די אנדערע, ביז ער האָט זיך געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם אין סאַראַטאָוו, אַ שטאָדט ביי דעם גרויסן רוסישן טייך וואָלגאַ.

דאָרטן האָט ר' אברהם ישעיהו געפונען אַ פאסנדן פּלאַץ וואו צו ענטוויקלען זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און דאָרטן האָט ער געפונען אַן אויסדרוק פאר זיין באַגער צו העלפן דעם צווייטן, צו מינדערן די ליידן פון זיינע מיט־מענטשן און ארויסהעלפן אנדערע מיט זיין קלוגע עצה, אויפמונטערן מיט אַ וואַרימען וואָרט, דערמוטיקן מיט זיין איבערצייגענדן גרויסן בטחון און אומגעהויערן קוואַל פון מוט און האָפנונג.

מיט זיין געזונטן פּאָלקסמיטלעכן חוש פאר הומאר און מיט זיין אויטאָריטעט אַלס גרויסער אידישער תלמיד חכם, מענטשן קענער און פייאיגער געשעפטסמאַן, האָט ר' אברהם ישעיהו גרופּירט ארום זיך די ברייטע שיכטן פון די עלנדע היימלאָזע, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין סאַראַטאָוו אין זייער אַ גרויסער צאָל.

פאַר יעדן האָט ער געהאַט אַ שמייכל, אַ פריינדלעכן וואָרט און ווער עס האָט זיך געוואָנדן... ער האָט זיך געניויטיקט אויך אַ פּאָר רובל, און ניט נאָר וויפל ער האָט געקענט באַהויפטן, נאָר איבער זיינע כוחות.

מיט איבערנאטירלעכע שוועריקייטן און איבערמענטשלעכע אנשטריינ־גונגען איז ר׳ אברהם ישעיהו געלונגען מיט סכנות נפשות ארויסצוכאפן זיך פון סאוועטישן גן עדן און זיך צוריק קערן צו אונזער שטעטעלע אין ליטע.

דארטן, צוריק א היים האט ר׳ אברהם ישעיהו געפונען זיין הויז פאר־לאזן, צוראבירט, זיין געשעפט, צושטערט, און זיין מיל פארנומען און באארבעט ביי פרעמדע, דאך האט עם דאס וויניק געקימערט ווענן זיינע פערזענליכע ענינים און זיין גאנצע דאגה איז געווען אז די קהילה איז ניט ארגאניזירט און ביים חסידישן מנין איז דער דאך צובראכן, די פענסטער און טישן ארויסגענומען, די ווענט ארומגעריסן. ער האט ניט גערוט און זיך ניט בארואיקט ביז ער האט די אידישע קהילה צוריק אוועקגעשטעלט מיט אלע אירע צדקה אנשטאלטן, ווי א בקור חולים, מלביש ערומים, תלמוד תורה, חברה קדישא, לינת הצדק, גמילות חסד און חברה ש״ס. אריינגע־שטעלט נייע פענסטער און טירן, געמאכט א נייעם דאך, אויסגעפוצט די ווענט פון אינעווייניק און אויסווייניק און געמאכט דעם מנין שענער באקוועמער און רייכער ווי פריער און דאס אלס איז געטאן געווארן פון זיין אייגענע קעשענע אין א צייט ווען יעדער רובל איז פאר אים געווען א מטמון מיט געלד און זיך אליין זייער געגוויטיקט אין דעם און אז מען האט אים געפרעגט: ר׳ אברהם ישעיהו, ווי אזוי טוט איר אזא זאך, בויען א שול איידער איר האט אייער אייגענע היים געבראכט אין ארדנונג? האט ער געענטפערט מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל: „געזונט זאלט איר מיר זיין, עס איז דאך א בפירושער מדרש״, „כל עיר שגגותיה גבוהים מבית הכנסת סופה שתחרב״, דאס הייסט אויב די אינטערעסן פון פריוואטע באקוועמ־לעכקייט שטייט העכער פאר די אינטערעסן פון צבור, כלל, קען אזא שטאדט חס וחלילה אונטערגיין; נאך אזא ענטפער האט אים שוין קיינער מער ניט געפרעגט ווענן דעם.

פאר ר׳ אברהם ישעיהו האט ניט עקזיסטירט דער באגריף פון די צוטיילונג פון בין אדם למקום און בין אדם לחברו. פאר אים זיינעןביידע באגריפן געווען איין גאנצע סינטעז. פונקט ווי ער האט זיך געפילט גייסטיק באפרידיקט מיט זיין שטענדיקן אויפשטיין אין מיטן דער נאכט און אפריכטן חצות, באוויינען דעם גלות ישראל און גלות השכינה, לערנען א פרק משניות און א בלאט גמרא אלע טאג, גיין אין שול, דריי מאל א טאג דאווענען. אדער ימים נוראים דאווענען פארן עמוד אלס אשליח צבור אויסצובעטן א גוט יאר פאר זיך און פאר כלל ישראל. אזוי האט ער געזען דאס זיינע פערד

זאָלן ניט איבער ארבעטן מיט שווערע משא, זיינע בהמות זאָלן האָבן קאַרמי
אין זייער צייט. זיין וואָרט צו היטן אונטער אלע אומשטענדן, זיין ערליך
אין געשעפט און ניט נאָכיאָגן זיך נאָך א סך פאַרדינסטן, און וואו ער האָט
דערהערט אַז איינעם גייט ניט צו פּויגעלדיק אין געשעפט, דאַן איז שוין
ר' אברהם ישעיהו געלאָפן צו אים דער ערשטער און געגעבן א מתן בסתר,
כדי יענעם צו שטעלן אויף די פיס.

דעריבער איז געווען זייער נאַטירלעך פאַר ר' אברהם ישעיהו צו גיין
אין גאַס און זען איינער בויט זיך א הויז, צוגיין צו אים און זאָגן „נח, דו
ביזט עוסק בבנין", נאַ דיר א הונדערטער אלס גמילות חסד און השם יתברך
וועט דיר מצליח זיין ואן דו וועסט עס מיר אָפּגעבן, ווייל אין אים האָט זיך
צונויפגעשמאָלצן און פאַרקערפּערט דער גאַנצער איד און דער גאַנצער מענש,
אדם ויהודי באהלו ואדם ויהודי בצאתו.

זעכצענטער קאפיטעל.

ווען איר וועט שטיין מיט געבויגענע קעפ

(זיך געדרוקט אין „אידישען עקספרעס" 29־טן אָקטאָבער 1936)

ווידער וועט די גאנצע וועלט שטיין דעם 11־טן נאָוועמבער, דעם טאָג פון וואפן שטילשטאנד, מיט געבויגענע קעפ און שווייגן פאר גאנצע צוויי מינוטן.

אָט אין דעם מאָמענט ווילט זיך אויסשרייען איינציקע ווערטער:

„ווייסט איר אז איצט, ווען איר אלע זייט דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון חרטה פאר די נוצלאזע און צוועקלאזע בלוט־באד, וועלכע די מענטשהייט האָט איבערגעלעבט אין די יאָרן פון די גרויסע וועלט מלחמה, אין די זעלבע צייט ווערט האסטיק מיט אַ גרויסן שטורמדיקן טעמפּ, צוגעגרייט אַ נייע וועלט מלחמה, וועלכע וועט מיט איר גרויזאמקייט, שרעקליכקייט און בארבאריזם אריבערשטייגן אלע פריערדיקע מלחמות.

און דער צוגאנג דערצו, די צוגרייטונג פון דער מאסן־פסיכאלאגיע, ווערט געשאפן דורכן פונאנדערבלאזן דעם העלישן פייער פון אנטיסעמיטיזם און אידן פרעסעריי, ווייל דורך אידן האָט קען מען לייכט פארטעמפּן די מוחות פון די פינסטערע כוחות און ארויסרופן אלע בייזע, אומענטשליכע אינסטינקטן, און ווי באלד די ווילדע חיה אין מענטשן איז פולשטענדיק צורייצט, דאן קען מען זיי לייכט שלײדערן איינער אויפן צווייטן, און דורכפירן די טייוועלשע ארבעט פון צושטערונג און פארניכטונג לויט אלע באגריפן פון די פינסטערע באנדעס.

נאָך קיינמאָל אין זייער געשיכטע זיינען אידן געווען אזוי ארומגעצאמט מיט אַ פייערדיקן רינג פון שנאה און פאראכטונג ווי איצט. קיין מאָל איז אזוי דער אידישער האב און גוטס געווען אזוי הפקר ווי עס איז איצט. יעדער טאָג, ווערט דער אידישער כבוד געטראמפּעלט מיט שמוציקע פיס, יעדער טאָג ווערט דער אידישער שטאָלץ, אידישע זעלבסטווירדע באשמוצט, אויף אַ ברוטאלן אופן.

די נידעריגסטע כוליגאנעס און די טיף געזונקענע אויסוואורפן, קענען איבעראַל פריי און אומגעשטערט באַליידיקן, זידלען, שלאָגן אידן, ברעכן פענסטער, אויסהאַקן שויבן, וואַרפן שטיינער, און בושעווען וויפיל זייער האַרץ געלוסט, און די אַרענטליכע, ערליכע, ניט־אידישע בירגער קוקן זיך צו גלייכגילטיק און שעמען זיך ניט מיט דעם. פאַרקערט עס איז געוואָרן אין מאָדע פיינט צו האָבן אַ איד און עס ווערט באַטראַכט אַלס אַן אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם.

דער שוואַרצער אינטערנאַציאָנאַל פון אידן פרעסער, און סתם באַנדיטן, האָבן זיך פאַראייניקט, און אַלע גרעניצן זיינען אָפּגעשאַפט ווען עס האַנדלט זיך וועגן שאַדן טאָן אידן. די מאַדיאַרישע באַנדיטן פון אונגאַרן, די פאַרביסענע געפּאַלירטע אַנטיסעמיטן פון עסטרייך, די פינסטערע גיינגס־טערס פון נאַצי־לאַנד, די ענדעקעס פון פּוילן, די זילבערנע העמדלעך פון אַמעריקע, די שוואַרצע העמדלעך פון ענגלאַנד, די גראָע העמדלעך פון דרום אַפריקע און די רויטע היטעלעך פון פּאַלעסטינע, אַלע צוזאַמען שטרעבן צו איין ציל אומצוברענגען און פאַרניכטן דעם אידן וואו ער געפינט זיך.

די וועלט פאַרברעכער פאַרשטייען אַז כל זמן דער אידישער גייסט איז אומבאַרירט, וועט ער דאָך מאַכן אַז פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכ־קייט און סאָלידאַריטעט, זאָלן הערשן צווישן פעלקער און דאָס ווילן ניט די שוואַרצע כוחות מיט זייערע בעלי בתים דער גרויס קאַפּיטאַל, אַלזאָ דאַרפן באַשמוצן דעם אידישן מאַראַל, אויסלאַכן די אידישע עטיק, פאַראַכטן דעם געפיל פון יושר און פריידיקן שנאה, פאַרשפּרייטן דעם בלוטיקן גיפט פון אַנטיסעמיטיזם, אויפוועקן די אוראַלטע קאַניבאַלישע אינסטינקטן און דורך דעם פאַרטומלען די מאַסן. זיי צו רייצן, און ווילדמאַכן, דאַן וועט זייערע שוואַרצע פּלענער קענען האָבן דערפאָלג און וועלן ווידער אַרויפוואַרפן אויף דער וועלט זייער פינסטערע הערשאַפט און אונטערדריקונג.

די טראַגעדיע פון די אידישע לאַגע באַשטייט ניט אין דעם וואָס מיר ליידן אַלס מענטשן, אַלס בירגער נאָר עס איז טיפער און שרעקליכער ווען מיר ליידן אַלס דער געוויסן פון דער וועלט...

ווען מיר זיינען דער פּאָליטישער באַראָמעטער פון וועלטלעכן פראַג־רעם דאַן איז טרויעריק אַז מיר זעען ווי דער וועלט געוויסן, דער וועלט יושר פאַרלירט זיין באַדן אונטער זיך און די קולטורעלע וועלט פאַרלירט איר נשמה. אַנטיסעמיטיזם איז ניט אַ אידישע טראַגעדיע נאָר עס איז אַ וועלט קאַטאַסטראָפע פון גרעסטן מאַסשטאַב, און ווען איר וועט געדיינקען

אז דער אנשלאג פון די פינסטערע כחות אויף אידן איז נאָר א סטראטעגישע טאקטיק פון פאשיזם, אָבער דער הויפט ציל איז די פארשקלאפונג פון די ברייטע מאסן, די צושטערונג פון די דעמאקראטישע פרינציפן און די פארוואנדלונג פון די אומגעהעריגע גרויסע פאָלקס שיכטן אין א ראבאט, א מעכאנישן מענטשן־גולם, וועלכע זאָל בלינד און פינקטלעך אויספירן די באפעלן פון זיינע טיראנישע הערשער און משרתים, דאן וועט איר דערזען דעם אנטיסעמיטיזם אין זיין ריכטיקן פרצוף און וועט מיט אלע מעגליכקייטן עס פרואוון צו באקעמפן און פארניכטן.

אַט אין דעם מאָמענט ווען די וועלט וועט איינציען דעם אטעם אויף צוויי מינוט אויף איר פארגאנגענע טראגעדיע, דארף זי זיך אָפגעבן א דין וחשבון פאר איר קעגנווארט און צוקונפט.

זיבעצענטער קאפיטעל.

די פאַשיסטישע מפּלה

(זיך געדרוקט אין „אידישן עקספרעס" 1937 יאָר)

(א קאפיטעל פון מיין פּאָליטישן ראמאן „דער לעצטער אינטערנאציאנאל"

די געהיימע זיצונג אין מאָסקווער קרעמלין האָט זיך אָנגעהויבן פּינקטלעך 10 אזייגער אין דער פרי, דעם 2־טן מארט.

צווישן די אנוועזענדע דעלעגאטן, איז געווען, אנטאני אידין און צווי הויכגעשטעלטע אָפיצירן פון ענגלישן גענעראל־שטאב, אויך דער פעלדמארשאל פון פראנקרייך, און א פארשטייער פון פוילישן, ליטווישן, בעלגישן, רומענישן, טערקישן, טשעכישן און אמעריקאנישן גענעראלשטאב און קריגסמיניסטעריומס.

דער רוסישער קריגסמיניסטער גענעראל וואראשילאוו, האָט געעפנט די זיצונג מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„מיינע הערן! די קריטישע פּאָליטישע לאגע צווינגט אונז צו זיין קורץ און געשעפטסמעסיג. פראנקאס פאשיסטישע באנדעס דערנענטערן זיך איצט צו מאדריד, די העלדישע רעגירונגס־קעמפּער זיינען פארט ניט געאיבט און געלערנט אין מלחמה טאקטיק און זיינען אויסגעהונגערט, מיד און פארצווייפלט.

„היטלער און מוסאליני ווענדן אָן זייערע טעכנישע מיליטערישע קרעפטן צו העלפן און שטיצן פראנקא צו זיין אנטגילטיקן נצחון.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד. דער טראגישער אויסגאנג און טרויע־ריקע פאלגן פון א פאשיסטישן נצחון אין שפּאניע. איך רייד ניט וועגן דעם מאראלישן איינדרוק, וואָס דאָס וועט מאכן, נאָר פון א ריין זאכלעכן פּאָליטישן שטאנדפּונקט. אויב פראנקא וועט געלינגען צו דערשטיקן די דעמאָקראטישע מאסן אין שפּאניע, דאן וועט שפּאניע פארוואנדלט ווערן אין א היטלער־מוסאָליני קאלאניע. די רייכע מינעראלישע אוצרות פון שפּאניע און שפּאנישע מאראקא וועט געבן היטלערן די מעגליכקייט אריבער

צו קומען זייער עקאָנאָמישן קריזיס, אין הונגער פון רוי־מאַטעריאַלן און שפּייז פּראָדוקטן.

„אויסער דעם וועט די געאָגראַפישע לאַגע פון אַ פאַשיסטישע שפּאַניע שטעלן אין געפאַר, גיבראַלטאַר, און דעם גאַנצן ענגלישן שיף פאַרקער אין מיטלענדישן ים.

„איבערהויפּט וועט היטלער האָבן אַן אָפענע וועג אַנצופאַלן אויף פראַנקרייך דורך דעם אומבאַשיצטן שפּאַנישן גרעניץ און וועט קענען מיט דערפאָלג שטערן די פראַנצויזישע פאַרבינדונג מיט איר אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, מיט אַנדערע ווערטער, שפּאַניע וועט ווערן דער וויכטיקער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און מיליטערישער שטיץ־פּונקט פאַר היטלערס סטראַטעגיע.

„אַלזאָ, איז קלאָר, אַז מיר אַלע טאָרן בשום אופן ניט דערלאָזן. די לעבנס אינטערעסן פון אונדזערע דעמאָקראַטישע פעלקער פאָדערט אומ־באַדינגט ניט צו דערלאָזן דער פינצטערער שאָטן פון פאַשיסטישן טעראָר און סאַדיזם זאָל זיך פאַרשפּרייטן ברייטער און פאַרטונקלען אונדזער האָריזאָנט.

„די לייזונג פון די שפּאַנישע, אָדער בעסער געזאָגט פון די אַלוועלט־לעכע דעמאָקראַטישע פּראָבלעמע איז אַנטקעגנצושטעלן אַ געפּאַנצערטן קולאַק קעגן די העסלעכע פאַשיסטישע מאָרדע, אָבער אונדזער שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די ברייטע דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאַסן זיינען נאָך ניט גענוג באַוואוסטזיניק צו דערזען דעם אמת'ן פּרצוף פון דער פאַשיסטישער געפאַר, און דעריבער זיינען זיי ניט גענייגט צו נעמען די געווער אין די הענט און אָפּווישן דעם שענדלעכן פלעק פון אונדזער ציווי־ליזאַציע. דערצו זיינען פילע פון אונדזערע פאַרבינדעטע מלוכות נאָך ניט גענוג אָרגאַניזירט מיליטעריש פאַרן קומענדיקן, גיגאַנטישן וועלט גראַנגל פון ליכט קעגן פינצטערניש.

„יעדן מאָמענט וואָס מיר פאַרזאַמען, מאַכן מיר דעם קומענדיקן קאַמף שווערער און בלוטיקער. אָט די אַלע שוועריקייטן באַשעפטיקן די אויפ־מערקזאַמקייט פון אונדזערע פאַרבינדעטע און פּאָליטיקער וועמען די אינטערעסן און גליק פון זייערע פעלקער זיינעןווירקלעך טייער.

„איך בין גליקלעך אייך צו מעלדן, אַז אַ דאַנק די שטרענגע וויסנ־שאַפטלעכע אונטערזוכונג פון אונדזערע עקספּערטן, וועגן די געניאַלע ערפינדונג פון דאָקטאָר צבי קדמוני'ס „שלאָף ראַקעטע" ווערן אַלע אונזערע שוועריקייטן פאַרשוואונדן מיט איין שטריך.

„ווי פּראָפעסאָר טשאַפּלינסקי, דער לייטער פון אונזער פיזישן אויס־פאָרשונגס־ביוראָ, וועט אייך באַלד ערקלערן זיין באַגרינדעטן מיינונג נאָך אַ לאַנגע, פּאָרזיכטיקע אויספאָרשונג און עקספּערימענטן, אַז די „שלאָף ראַקעטע" איז ווירקלעך זייער ווירקזאַם און וועט רעוואָלוציאָניזירן אונזער גאַנצע וויסנשאַפטלעכע פיזישע באַגריפן.

„פּראָפעסאָר טשאַפּלינסקי דיינקט, אַז דאָקטאָר קדמוני'ס „שלאָף ראַקעטע", ווען עקספּלאָדירט אין דער לופטן, קען אַרויסרופן די אונזער־בארע קאָסמישע שלאָף שטראַלן פון די אַטמאָספערע, און איין ראַקעטע, וועלכע וועגט בלויז 80 פונט קען פאַרשלעפערן אַ גאַנצן געגנט איבער אַ ראַדיום פון 200 מייל און קיין שום גאַז מאַסקען אָדער גאַז שוץ פּלעצער קענען זיך ניט קעגנשטעלן די אומגעהויערע שנעלע ווירקונג פון די ריזיקע דערשיטערטע אַטמאָספערישע עלעמענטן.

„מיט די „שלאָף ראַקעטע" וועט מאָמענטאַל ליקווידירן אָן וועלכע עס איז בלוט פאַרגיסונג די שפּאַנישע טראַגעדיע און גלייכצייטיק מוזן מיר אויסנוצן צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם אין אַלע זיינע פאָרמען איבעראַל.

„ווען מיר וועלן לאָזן די „שלאָף ראַקעטע" עקספּלאָדירן נאָך אַ שטריינגע מאַטעמאַטישן ריכטונג אין פראַנקאָס לאַגער דאָן וועלן אַלע מיליטערישע קאָנצענטרירטע כחות, וועלכע וועלן זיך געפינען אין דעם שטח פון דעם 200 מייליגן „שלאָף צירקל" אַריינפאַלן אין דעם שווערן 150 שעה'דיקן שלאָף, אַז קיין שום זאַך וועט זיי ניט קענען ערוועקן, ביז די 150 שעהן וועלן פאַרבייגיין.

„פון די 150 שעהן מוזן מיר 40 שעהן לאָזן פאַרבייגיין כדי די דער־שיטערטע קאָסמישע שטראַלן זאָלן זיך צוריקשטעלן צו זייער נאָרמאַליטעט. און אונז וועט נאָר בלייבן 110 שטונדן צו אַנטוואָפענען די שלאָפענדע מחנות און פאַרניכטן און אַוועקנעמען זייערע אַלע קריגסמאַטעריאַלע, אַז זיי זאָלן ווערן אומשעדלעך, ווען זיי וועלן ערוואַכן פון זייער שלאָף.

„ווי די ערשטע פאַזע פון אונזער אויפגאַבע איז דערגרייכט, טאָרן מיר ניט פאַרלירן קיין איין מינוט און גלייכצייטיק פייערן איינציגע צענדליק אַזוינע „שלאָף ראַקעטן" איבער דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן. און, ווי גלייך די קאָסמישע שטראַלן וועלן נעמען ווירקן אין די לענדער, דאַרפן גלייך אונזערע ספּעציעלע, אויסגעקליבענע, רעגימענטן אַריינמאַרשירן און פאַרניכטן און אויפרייסן אַלע קריגס־סקלאַדן, פּולווער, מאַגאַזינען, געווער און אַמוניציע פאַבריקן און אַוועקנעמען אַלע עראָפּלאַנען און קריגס און קאַמערץ שיפן פון 100 טאָן און העכער. אַלע מאַשינען, וועלכע מאַכן

מעגליך צו פראדוצירן וואפן זאָל אויסגעריסן און פארניכטעט ווערן, אלע פּאָליטישע און קרימינאלע ארעסטאנטן פון די טורמעס און קאנצענטרא־ציאנס לאגער זאָלן תיכף באפרייט ווערן, און פולשטענדיקע גרינטלעכע אנטוואפנונג פון די ארמיי און מיליץ מוז דורכגעפירט ווערן.

„יעדע וויכטיקע סטראטעגיש פּאזיציע זאָל באזעצט ווערן מיט אונזערע געמיינזאמע גארניזאנען.

„היטלער, מוסאליני, און דער מיקאדא מיט אלע זייערע פאראנטווארט־לעכע באהעלפער און משרתים ארעסטירן און איבערגעבן צו אַ אינטער־נאציאנאלן פאָלקס־געריכט וועלכער וועט פירן אַ גענויע אויספאָרשונג און זאָל פאר זייערע אייגענע פעלקער, אויך פאר די גאנצע עפענטליכקייט פעסטשטעלן, די גאנצע גרויזאמקייט, בארבארישקייט און ווילדקייט פון זייערע פארברעכערישע מעשים און זיי געבן די געהעריקע שטראָף, וועלכע זיי פארדינען.

„דער פונדאַסניי רעארגאניזירטער פעלקער־בונד זאָל איבערנעמען די פערוואלטונג איבער דייטשלאנד, איטאליע און יאפאן און פארזיכערן פאר די קומענדיקע דורות, אַז אזא פארשאלטענער פאנאטישער שאוויניזם זאָל אינגאנצן פארשוואונדן ווערן פון דער וועלט ארענע.

„זעלבסטפארשטענדלעך, אַז אלבאניע וועט מוזן אָפּגערייניקט ווערן פון די איטאליענישע באנדיטן און איר זעלבסטשטענדיקיים צוריקגעשטעלט ווערן אויף זיכערע יסודות.

„קיינע עקסצעסן, קיינע בלוט פארגיסונג טאָר ניט דערלאָזן ווערן דורכצופירן דעם פּראיעקט, אלץ מוז געטאָן ווערן מיט אַ באוואוסטזיניקע פאראנטוואָרטליכקייט, און אויב אַ שטראָף דארף געגעבן ווערן, מוז עס געטאָן ווערן דורך דעם געזעצלעכן ניי געשאפענעם אינטערנאציאנאלן פאָלקס־געריכט.

„איצט מיינע הערן בלייבט נאָר פאר אונז אויסצואַרבייטן גענוי די איינצעלהייטן פון ארגאניזירונג פון אונזערע געמיינזאמע ארמייען, אַז דאקטאר קדמוני'ס ערפינדונג זאָל אויסגענוצט ווערן אין די זיכערסטע, שנעלסטע, אין אַ יושרדיגסטע פארמע". אָבער איידער מיר וועלן צוטרעטן צו די פּראקטישע ארגאניזאציע־ארבייט, וויל איך געבן דעם ווארט צו פּראפעסאר טשאפּלינסקי. ער זאָל אייך גענוי געבן אַ שילדערונג פון דאקטאר קדמוני'ס דערפינדערונג וועגן דער „שלאָף ראקעטע".

פּראפעסאר טשאפּלינסקי, איר האָט דאָס ווארט!

אכצענטער קאפיטעל.

דער קאשמאר פון יאָר תרצ"ח

(זיך געדרוקט אין „אידישע ליכט" סעפּטעמבער 1938)

דער אוועק גייענדיקער יאָר איז געווען איינער פון די שווערסטע, ביטערע פינסטערע און בלוטיקע יאָרן פון אונזער געשיכטע פאר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

עס איז ווירקליך זייער שווער צו געפינען א פאראלעל אין אונזער לאנגיאריקע מארטיראלאגיע. דער אידישער פאָלק האָט שוין אריבערגעלעבט גענוג רדיפות, גגישות, צרות און פיין. מיר זיינען שוין דורכגעגאנגען לענדער וואו די וועגן זיינען געווען באדעקט מיט אונזערע טויטע קערפערס, מיר האָבן דורכגעבראָזשעט טייכן פון אונזער אייגענע בלוט און מיר האָבן שוין געשוואומען איבער ימים פון אייגענע טרערן, אָבער דאָס אלס איז פאר־געקומען, אין א געוויסן זין, מיט א סיסטעמאטישן לאנגזאמען אָפּרו פּראצעס. איין מדינה האָט גענומען פארפאלגן אידן האָט גלייכצייטיק אַן אנדערע געעפנט ברייט און פריי אירע טויערן אָדער מיט געוויסע באגרענעצונגען ערלויבט אלע געטריבענע צו געפינען א מקום מנוחה אויף א לענגערע אָדער א קירצערע צייט.

אזוי איז דער אידישער עמיגראציאנס שטראם געפלאָסן פון שפּאניען נאָך די באלקאנען און טערקיי, פון דייטשלאנד און צענטראל אייראָפּע נאָך פּוילן, ליטע פון אוקריינע נאָך טיף רוסלאנד און פון רוסלאנד נאָך אמעריקע ביז די גרויסע וועלט מלחמה.

דער אוועק גייענדיקער יאָר האָט באוויזן א נייע טאקטיק א נייע סטראטעגיע פון אונזערע בלוטיקע שונאים, פון איבעראל פון מזרח און מערב, צפון און דרום האָבן זיך גענומען שיטן איבער אונזערע קעפּ א האָגל פון פינסטערע גזירות, קלעפּ און מערדערישע אָנפאלן ניט נאָר פון געשווארענע אנטיסעמיטן נאָר אויך פון אזוי גערופענע „גוטע פריינט". אלע האָבן זיך פאראייניקט אנטקעגן אונז, געמאכט יד אחת להרוג ולהשמיד

צו אויסראטן און פארניכטן ניט נאָר אידן אליין נאָר אויך די וואָס האָבן געהאט אַ אידישע עלטער באָבע אין זייער משפחה.

די טראגעדיע ווערט נאָך שארפער און שווערער ווען דערצו האָבן ניט די אידישע פאָלקס־מאסן קיין אָרט, קיין איין מקום מקלט וואו זיך צו ראטעווען אנטלויפן עד שיעבור זעם. יעדעם טיר איז פארשלאָסן, יעדער טויער פארשפארט איבער זיבן מיליאָן אידן זיינען געוואָרן איינגעקלאמערט צווישן אייזערנע ווענט און האָבן ניט קיין ווינקעלע וואו אָפּצוהאָפּן זייער אָטעם.

דער אויבן אָן אין די אידישע צרות געהערט צו עמלקס מה־ינה צו היטלערלאנד. דאָרטן האָט זיך די ברוינע און בלאָנדע בעסטיע צובושעוועט מיט אומבאגרענעצטע ווילדקייט, און אויסער געוויינלעכן אכזריות.

די 600,000 אידן האָבן ניט נאָר פארלאָרן זייער בירגערליכע, פּאָליטישע עקאָנאָמישע זכיות נאָר אפילו זייערע עלעמענטארע מענטשליכע רעכטן האָט מען פון זיי צוגענומען.

אַ ווילדער הונט אָדער אַ משוגענע קאַץ איז אַ סך זיכערער און קען ארומלויפן איבער בערלינער גאסן דען פאר אַ אידן. זיי זיינען פאקטיש אויסערן געזעץ.

די היטלער באנדיטן האָבן זיך ניט באגנוגענט וואָס זיי האָבן אוועק גענומען אלע מעגליכע פרנסות און געמאכט אוממעגליך פאר וועלכן עס איז אידן צו האָבן חיונה, זיי האָבן לויט געריגגס באפעל באשלאָסן מיט איין מאָל צו קאנפעסקירן און בארויבן יעדן אידן פון אלעם וואָס ער פארמאָגט כדי עס צו ניצן פאר די מלחמה הכנות וועלכע די נאצים גרייטן אזוי פיבערהאפטיג צו.

יעדער איד, זאגאר אויסלענדישע אונטערטאנער האָט געמוזט נישט לאנג פארצייכנען אלעם וואָס ער באזיצט מיט דעם אבזיכט אז גערינגען מיט זיין חבריה זאָל געפאלן לייכטער די אומפארשעמטע גזילה דורכצופירן.

ראבעווען און פלינדערן איז ווייזט אוים ניט גענוג פאר היטלערס סאדיסטישע באנדעס זיי האָבן זיך גענומען צו מאכן אבלאוועס אויף אידן און ווער עס פאלט אריין אין זייערע טייוועלשע הענט ווערט פארשיקט אין די טרויעריקע בארימטע קאָנצענטראציע לאגערן, וואו מען פייניקט זיי מיט די גרעסטע אומערטרעגלעכע יסורים ביז זיי הויכן אוים זייערע נשמות, נאכהער ווערט די קערפערס פארברענט און די קעסטעלעך אש

אפגעשיקט דורך פאסט צו די קרובים פון די אומגליקליכע קרבנות וועלכע מוזן נאך באצאלן די הוצאות פון די סדומ׳ישע רציחות.

דאס זיינען ניט קיין אויסנאמע צופאלן, נאר א טאג טעגליכע ערשיינונג אין פינסטערן גיהנום פון נאצי לאנד וואו עס שמאכטן אונזערע ברידער און שוועסטער. קיין איין איינציקע הויזגעזינט איז פון די אבלאוועס נישט זיכער, די פראגע איז נאר אן צייט ווען וועט מען נעמען נעקסט.

וואס האט גענומען פינף יאר דורכצופירן אונזערע ברידער אין דייטשלאנד, האבן עס די אידן אין עסטרייך דורכגעמאכט אין איניקע וואכן. גלייך ווי היטלער האט פארכאפט עסטרייך האבן דארטן די באנדיטעריי דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון וואקכאנאליעס, משונה־עגע ארגיס, שענדונגען, רויבעריי און רציחות.

דער פאקט דאס די שטאט ווין אליין האט אין איין טאג פולגעמאכט דעם אידישן בית עולם וואס האט אין נארמאל צייטן געדארפט נעמען דרייסיק יאר גיט אונז א געגויען באגריף וואס דארטן האט זיך אפגעטאן. די פארצווייפלונג פון די עסטרייכישע אידן איז געווען אן א גרעניץ. איבער 300 פערזאן א טאג פלעגן זיך נעמען דאס לעבן. די זעלבסטמארד מגפה האט ארומגעכאפט אלע אינטעלעקטועלע אריסטאקראטישע קרייזן פון עסטרייכישן אידנטום. מיר געפינען צווישן זיי די גרעסטע נעמען מיט וועלכע מעדיצין, ליטעראטור, קונסט, פינאנס און קולטור האבן שטאלצירט.

אין איין שיינעם פרימארגן האבן איבער 300,000 אידן אין עסטרייך פארלארן זייער האב און גוטס, זייער פריהייט און זייער מענטשליכע רעכט. מען האט אונז ניט נאר אידן ארעסטירט, געשלאגן און געפייניקט אין די „ברוינע הייזער” קאזארמעס, טורמעס און קאנצענטראציאנס לאגערן נאר מען האט זיי נידערטרעכטיקט באליידיקט אויפן שמוציקסטן אופן.

אידישע רייכע געבילדעטע פרויען האט מען אין מיטן גאס געצוואונגען אויסצוטאן זייערע זאקן און אונטערוועש און דערמיט וואשן און ווישן די טרעטוארן.

אלטע לייט, עלטערע פרויען האט מען געמאכט וואשן די אויטאמאבילן פון די נאצי „פירערס און פירערלעך” אין עפנטליכע פלעצער און דערצו האט מען זיי אונטערגעיאגט מיט גומענע קאנציקעס. פילע שוואנגערע פרויען האבן ניט געקענט עס אויסהאלטן און זיינען געפאלן אין חלשות פאר ווייטאק, בזיון און הילפסלאזן פראטעסט.

אזוינע סצענעס איז פאר לאנגע וואכן אנגעגאנגען אומפארשעמט פאר די גאנצע וועלט און אויסלענדישע פרעסע פארשטייער. צום באדויערן האט זיך די וועלט אזוי צוגעוויינט צו אידישע צרות דאס די פרעסע באריכטן אין די אויסלענדישע צייטונגען זיינען געדרוקט געווען אלס פיקאנטע אויסערגעוויינליכע „נייעס" פאר זייערע לעזער אבער עס האט זיך נישט געהערט דער געהעריקער פראטעסט אנטקעגן די אונמענטשליכע בארבעריי פון די מאדערנע קאניבאלן. מיר האבן ניט געהערט אז די ניט אידישע וועלט זאל פלוצלונג זיך שעמען מיט זיך אליין און ערלויבן אזוינע מערדערייען זאל פארקומען אין א ציוויליזירטע געזעלשאפט. מיר האבן ניט געהערט אז דער וועלט געוויסן זאל זיך אויפכאפן וועקן און רעוואלטירן קעגן די מענטשנפרעסעריי און ווילדע אכזריות פון די דייטשע אויסוואורפן.

דער קומענדיקער היסטאריקער און פסיכאלאגישער פארשער וועט זיך וואונדערן און ניט קענען פארשטיין די אורזאכע פון דעם קאלאסאלן שרעק און נארישע פחדנות פון די דעמאקראטישע פעלקער פאר היטלערס באנדיטן אז זיי האבן מורא געהאט עטוואס צו טאן כדי צו פארלייכטערן דעם ביטערן שיקזאל פון די מיליאנען אומגליקליכע הילפסלאזע מענטשן.

די דעמאקראטישע מלוכות האבן געקענט זייער לייכט שאפן אן אייזערנעם רינג ארום עמלקס מדינה און איזאלירן די משוגענע נאצי כולי־גאנעס אזוי אז דער גאנצער דייטשער פאלק וואלט געעפנט זייערע אויגן און וואלטן פון היטלערן מיט זיינע באנדעס געמאכט א תל.

דעם צווייטן פלאץ אין „מזרח" פון אידישע פיין האט פארשטייט זיך אונזער אלטע „פריינט" פוילן געפרובט צו פארכאפן. פוילן האט זיך די גאנצע צייט געהנדעלט מיט די נאצים און זיי אריבערגעשטיגן אין אלע הינזיכטן. דער באיקאט קעגן אידן אין פוילן האט זיך פארשטארקט אויף אזוי פיל אז מיט יעדן טאג האט מען דאס לעצטן ביסן ברויט ארויסגעריסן פון די אידישע מיילער, אידישע קעפ האט מען געשפאלטן אויף די גאסן פון ווארשע, לאדז, ביאליסטאק און אנדערע קלענערע און גרעסערע שטעט פון פראווינץ. אלערליי בייזע גזירות ווי די געטא ביינק, דער שחיטה פארבאט די וואלוטע שוועריקייטן, די באגרעניצונגען פון די אידישע קרעדיטן אין די ביינק זיינען פלאנמעסיק געשאפן געווארן צו ערנידעריקן און פארביטערן דעם אידישן לעבן און צווינגען דעם אידן ער זאל פארלאזן זיין היים וואו ער האט געלעבט הונדערטער יארן פריער איידער די פאליאקן האבן זיך באזעצט.

וואו זאָל דער איד פאָרן? אינטערעסירט ניט די פוילישע הערשער אזוי לאנג ווי דער איד זאָל נאָר ארויסגיין פון פוילן און איבערלאָזן זיין פארמעגן פאר די ענדעקישע פיאניצעס און פאטריאָטישע באנדיטן.

די לאגע אין ארץ ישראל פארשאפט אונדז גענוג צער און קלעם, שוין באלד דריי יאָר ווי די אראבישע טעראריסטן בושעווען און די פאלעסטינער רעגירונג שפילט זיך מיט זיי אין פארבלענדעניש.

אונדזערע ענגלישע „באשיצער און שותפים" זיינען פלינק צו כאפן צוועלף יאָריקע קינדער געוויינטליך אידישע און זיי באשולדיקן אז זיי ווילן ווארפן באָמבעס אויף אראבער, אָבער זיי געלינגט קיינמאָל ניט צו ארעסטירן די הונדערטע אראבישע רוצחים וועלכע שיסן הינטערן רוקן און ספּעציאליזירן זיך אין מאָרדן אלטע לייט און יונגע קינדער.

אמת מיר מוזן געבן קרעדיט די פאלעסטינער אדמיניסטראציע, אז זיי האָבן באוויזן די גרויסע גבורה אויפצוהייגען א פאָר אידישע בחורים פארן האלטן געווער אין די הענט און ווען זיך פארטיידיקן זייער לעבן און כבוד און צאָלן די אראבישע באנדיטן מיט די זעלבע מטבע, אָבער מיר האָבן ניט געזען קיין ערנסטן שריט אָפּצושטעלן די באנדיטעריי פון די וועגן און פארזיכערן דעם לעבן פון די אידישע באפעלקערונג אין די שטעט און דערפער.

ווען די אראבער דערשיסן א בריטישן באאמטן ווערט אויף א ווייל די רעגערונג בייז און רייסט אראָפּ עטליכע אראבישע כאטעס וואָס האָבן א קנאפע ווירדע, זייער ווייניק ווערט געטאָן ווען די בלוט פון אונזערע חלוצים ווערט טאָג טעגליך פארגאָסן, דאָ ווערט פלוצלונג דער גאנצער אפּאראט פון די פאלעסטינער אדמיניסטראציע פאראליזירט און אָנמעכטיק.

נאטירלעך אין ענגלאנד פעלט נישט אויס קיין קאָמיסיעס און איצט זיצט אזא קאָמיסיע און שטודירט ווי מען קען צופּיצלען פאלעסטינע אויף ברעקלעך און דאָס קלענסטע חלק צו ווארפן דעם אידישן פאָלק מיט אזא קוק פון וועלט פארזאָרגער אז די גאנצע אומה זאָל פון גרויס התפעלות ווערן דאנקבאר צו ענגלאנד אויף דור דורות.

פארלויפיק האָט נאָך די פארטישן קאָמיסיע נישט דערגאנגען דעם סוד הצמצום און זיי קענען דאָך דערווייליע מיט „ד" אמות" ניט מזכה זיין, פארלאָזט זיך אויף די ענגלישע דיפּלאָמאטן זיי קענען אויסגעצייכנט זייער צלם ארבייט און וועלן געוויס געפינען ערגעץ וואו א פינטעלע אויף די ארץ

ישראלדיקע לאנד קארטע אויף וועלכע דער מופטי אליין וועט מסכים זיין און דאס וועט מען מיט גרוים טאראראם אונטער טראגן דעם וועלט אידנטום.

די אידישע קאטאסטראפע אין איטאליע דערציילט אונז אז מוסאליני האט גרינטלעך איבערגענומען היטלערס תורה און פירט עס דורך מיט ברוטאלישע פינקטלעכקייט.

מיט איין מאל האט זיך מוסאליני ארומגעזען אז די איטאליענער זיינען ריינע „אריער" הגם איטאליע איז נעבעך ניט „געשטראפט" מיט אזוי פיל אידן ווי זיין שותף היטלער. אינגאנצן 60 טויזנט אידן אויף 44 מיליאן איטאליאנער, דאך מעג מען מאכן קידוש אויף א קליינע חלה אויך און שלאגן אידן קען מען 60 טויזנט אזוי גוט ווי 900 טויזנט וועלכע היטלער האט אין דייטשלאנד און עסטרייך.

אלזא האט זיך אנגעהויבן די זעלבע וואקכאנאליע, אידן ווערן אפגעזאגט אין איטאליע פון זייערע שטעלעס, מלוכה און פריוואטע אונטערנעמונגען, אידן ווערן ארויסגעשטויסן פון אלע פאליטישע, געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע פאזיציעס. זייער בירגער רעכט ווערט רעווידירט און ארויסגעשיקט פון לאנד און די וואס וועלן פארבלייבן שטייט פאר דורכצוגיין אלע שבעה מדורי גיהנום פון די פאשיסטישע אינקוויזיציע.

די איראני פון אונזער גורל ווייזט זיך ארוים אזוי שארף ווי ווייט מיר זיינען געווארן גלייכגילטיק צו אונזער שיקזאל און פארטעמפט אונזערע געפילן פון זעלבסטווירדע דאס אויב די אידישע עפענטליכקייט האט גלייך נאך היטלערס כוליגאנישע מעשים גענומען ענערגיש רעאגירן און צאלן די דייטשע באנדיטן מיט זייערע אייגענע מטבעות, פון זיך מיט אמאל האט זיך געשאפן די באיקאט באוועגונג אנטקעגן דייטשע סחורות אז יעדער זאך וואס האט געטראגן דעם אויפשריפט „מייד אין דזשערמאני" איז געווארן אן אות קין א מערדער צייכן פון וועלכן יעדער שטאלצער איד האט זיך אפגעקערט מיט שוידער און עקל — האט זיך נאך פארלויפיק קיינער נישט געפונען וועלכער זאל רופן יועקן און פאדערן אז דער באיקאט זאל מען פארשפרייטן אויך אויף איטאליענישע סחורות. איטאליענישע פרוכטן, איטאליענישע שיפן און איטאליעטישע ווייגען.

דער גרויער בלייענער וואלקן פון אונזער טרויעריקע ווירקלעכקייט האט דאך געהאט עטליכע זילבערנע פעדים, דער וועלט געוויסן האט זיך יא אויפגעכאפט אויף א ווייל און דער פארגליווערטער וועלט יושר האט זיך א טרייסל געטאן, פרעזידענט רוזוועלט האט גענומען די איניציאטיוו

און האָט אין אויגוסט צוזאמען גערופן אַ קאָנפערענץ אין עוויאן צו באהאנדלען די פּליטים פּראָבלעם און איבער דרייסיק פעלקער האָבן זיך אין איר באטייליקט.

די קאָנפערענץ האָט פארלויפיק קיינע פּראַקטישע רעזולטאטן ניט געבראכט אפילו דער גאנצער גרויל פון די אידישע צרות און אומגליק האָט אויף די וועלט טריבונע ניט געפונען דעם געהעריקן אויסדרוק, מען האָט זיך געשושקעט אין דער שטיל פול מיט פּחד פון ניט בייזן מאַכן דעם אינטערנאציאָנאלן גיינגסטער היטלערן, זאגאר די ארץ ישראל פּראָבלעם האָט לאָרד ווינטערטאן באוויזן אזוי צו מאנעווורירן אז זי זאָל פארנעמען אַ קליינעם פּלאַץ אויף די טאגעס אָרדנונג דאָך מוזן מיר אנערקענען מיט דאנק די גרויסע פארדינסטן פון פּרעזידענט רוזוועלט וועלכער האָט ערליך פּרובירט אונז צו העלפן און ער איז ניט שולדיק וואָס די איבעריקע דעלעגאטן צום קאָנפערענץ האָבן אָנגענומען די באוואוסטע טאקטיק פון ווארטן וואָס דער צווייטער וועט פארלייגן.

דער פאקט אָבער אז דעם ערשטן מאָל אין אונזער געשיכטע איז די אידישע פּראָבלעם געוואָרן אַ וועלט דילעמע אויף אַ גרויסן אינטער־נאציאָנאלן מאסשטאב, גיט אונז מוט און האָפנונגען אין די צוקונפט אז די לאגע איז נאָך ניט אין גאנצן האָפנונגסלאָז. דער קול יעקב דער וויי־געשריי פון די שמאכטענדע מיליאָנען אידן וועט דאָך דערגרויכן צו די צייטווייליקע פארטויבטע אויערן און די וועלט וועט זיין געצוואונגען אָנצו־נעמען מיטלען אז די אידישע פארצווייפלונג זאָל ניט אויפרייסן די גאנצע עקזיסטירנדיקע אָרדנונג.

אויך דאָ אין דרום אפריקע האָט דער אידישער ישוב אריבערגעלעבט געגנוג שרעק ווען די פּארלאמענטארישע וואלן זיינען פארגעקומען. דר. מאלאן האָט זיך פּאָזיטיוו געשטעלט אין די רייען פון די פארביסענע אנטיסעמיטן.

זיינע אָנהייינגער און תלמידים האָבן אָפן זיך גערימט אז זיי וועלן איינפירן בייזע גזירות אויף אידן און זיי באגרענעצן אין האנדל, פּראָפעסיעס און אָפּשטעלן די אימיגראציע און האָבן אנטוויקלט זייערע העצעס צו די העכסטע מדרגה.

צום גליק האָט מאלאן דעם מאָל פארלאָרן אָבער די נאציאָנאלע פארטיי פירט אָן מיט זייער שטערונגס פּראפּאגאנדע און באשמוצן דעם אידישן נאָמען ביי יעדע געלעגנהייט.

יעדער פארשטייט אז אויב חלילה די פאשיסטן אין אייראָפּע וועלן ניט כאפּן אַ גיכע מפּלה וועלן מיר אידן אין דרום אפריקע האָבן געגנוג

אויסצושטיין פון מאלאן מיט זיינע נאָכטענצער. דער שדוך פון די יונייטעד פארטיי אליין איז אויך ניט קיין געלונגענער און גרויסע רייבונגען קומט פאר אין קאבינעט.

אויפן שוועל פון נייעם יאָר ווילן מיר האָפן אז די אידישע לאגע וועט איבעראל ווערן גוט און די פאשיסטישע מפלה וועט שנעל פארקומען מיט ווייניק בלוט פארגיסונג און דער קאשמאר פון היטלער־מוסאָליני עט קאָמפּאניע וועט פארשווינדן ווערן אויף אייביק און די מענטשהייט וועט ענדלעך אנערקענען די פרינציפּן פון פרייהייט גלייכהייט און ברודערשאפט לויט די פארמולע פון אונזערע אידישע נביאים.

נײנצענטער קאפיטעל.

ארום צוטײלונגס־פּלאַן

(זיך געדרוקט אין די „אידישע פּאָסט" 28־טן מאַי 1938)

עס טומלט זיך אויף דער אידישער גאַס. פאר די רעוויזיאָניסטן איז דער צוטײלונגס פּלאַן פון ארץ ישראל אַ מתנה פון וועלכע מען קען שלאָגן קאַפּיטאַל און גלייכצייטיק שטערן דעם איצטיקן קאַמפּיין פארן קרן היסוד. מיט פארשידענע שפּיצלעך און מאַנכעסמאַל מיט אומגעלומפּערטע קאָמישע איינפאַלן ווערט די ציוניסטישע באַוועגונג באַשמוצט און באַליידיקט.

אנדערע „אויך מיר ציוניסטן" וועלכע האָבן אַ קנאַפּן באַגריף פון אידישע פּראָבלעמען ווערן מיטאמאָל אונזערע אומגעבעטענע בעלי טובות און וועלט פאַרזאָרגער, און קומען מיט ווילדע פאַנטאַסטישע בטלני'שע איינפאַלן און ווילן ארויפצווינגען זייער ווילן און זייער מיינונג.

אויב מען האָט פאר די לעצטע פּאָר יאָר געלעזן אין די צייטונגען וועגן פּלעבעסציטן און אָפּשטימונגען מיינט מען אז דאָס איז מסתמא אַ גוטע זאַך. אַ סימן אז היטלער אליין מאַכט אָפט פּלעבעסציטן און שרעקט אָפּ די דעמאָקראַטישע וועלט. פאַרוואָס זאָלן מיר אויך ניט מאַכן אַ פּלע־בעסציט פון אלע שקל קויפער אין דרום אפריקע און דערמיט וואַרפן אַ פּחד אויף ענגלאַנד? (אזא פארשלאַג איז דאָ לעצטנס געמאַכט געוואָרן). טשעמבערלין איז דאָך בטבע זייער אַ שרעקעדיקער (ער שרעקט זיך דאָך פאר היטלערן, פאר מוסאָליניען און פאר פראַנקאָן) וועט ער זיך געוויס דערשרעקן פאר די ד.א. שקל קויפערס און וועט זיך אָפּזאָגן פון פאַרטישן.

אַ צווייטער מדינה חכם וויל אויפווייזן פון דער תורה אז פאַרטישן איז אַ נעפאר פאר אידן אויף דור דורות. דער פריש געבאַקענער דיפּלאָמאַט האַלט אַ דרשה און ווייזט אָן די פינף מיליאָן דונאַם וועלכע לאָרד פּיל האָט אונז צוגעזאָגט קענען ניט אריינגעמען מער קיין אידן און שולדיק איז איינגאַנצן דר. ווייצמאַן וועלכער איז פאַראַנטוואָרטליך פאר פאַרטישן.

אונזער רעדנער באקומט רוח־הקודש און הויבט אָן צו שילדערן פון איין זייט אַ הייפעלע צושראָקענע אידן און פון דער אנדער זייט מעכטיקע און גרויסע אראבישע פארייניקטע שטאאטן. וואָס פאר אַ פּנים וועט ארץ ישראל דאן האָבן?

דער איד פון אַ גאנץ יאָר דער פּשוטער ציוניסט קען זיך דאָ נישט פונאנדערקלייבן און ניט ווילנדיק פאלט ער ארונטער אונטער דער השפּעה פון דעמאגאגישע פלוידער זעק און זעלבסט באשטימטע נביאים.

עס איז צייט אז די ברייטע שיכטן פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער גאנצער וועלט זאָלן ווערן אויפגעקלערט וועגן פּארטישן און די געשאפענע אומשטענדן. יעדער איד מוז איינמאָל פאר אלע מאָל וויסן אז דר. ווייצמאַן האָט דעם געדאנק פון פּארטישן ניט ערפונדן. דער צוטיילונגס פּלאן איז אַ דירעקטער פּועל יוצא פון די לעצטע געשעענישן וועלכע ווערן נאָך צו אונזער טיפן באדויערן פארשטארקט אין ארץ ישראל. לאָרד פּיל האָט אין זיין באריכט באטאנט אז אין ארץ ישראל קומט פאר אַ צוזאמענ־שטויס פון צוויי שטארקע נאציאנאלע שטרעבונגען אַ אידישע און אַן אראבישע.

ביידע צדדים זיינען איינגעשפּארט און אויך גערעכט אין זייערע פאָדערונגען. פארשידענע אומשטענדן האָבן געבראכט אז דער פירוד פון די ביידע נאציאנאלע באוועגונגען זאָל זיך פארשארפן אויף אזוי ווייט אז ער זאָל קומען צו בלוטיקע צוזאמענשטויסן.

די ענגלישע רעגירונג וויל ניט און קען ניט קאנטראלירן די לאגע. קיין פּשרה וועט צו קיין זאך ניט ברייבגען און דעריבער דיינקט די ראיאל קאָמישן אז דער איינציקער גלייכער און ראטזאמער וועג איז צו שאפן אַ אידן שטאאט און אַ טייל פון ארץ ישראל און אַן אראבישן שטאאט.

דר. ווייצמאַן און דער גרעסטער טייל פון אונזערע ציוניסטישע טוער האָבן זיך איבערציייגט אז אין פּרינציפּ איז דער געדאנק פון אידן שטאאט געוואונטשן ביי היינטיקע אומשטענדן, אָבער קיין פאראנטווארטלעכער אידישער כלל טוער קען ניט מסכים זיין צו לאָרד פּילס באגרעניצטן חלק פון ארץ ישראל אין וועלכן ס׳דארף געשאפן ווערן די אידישע מלוכה.

אויפן לעצטן קאָנגרעס איז דער פּראָיעקט באהאנדלט געוואָרן און עס איז כמעט ווי איינשטימיק באשלאָסן געוואָרן אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע באגריסט דעם געדאנק פון גרינדן אַ אידישע מלוכה אין

ארץ ישראל נאָר זי וואַרפט אָפּ דעם פאָרשלאָג פון די ראיאל קאָמישן וועגן די גרעניצן פון די אַזוי גערופענע אידישע מלוכה און דער קאָנגרעס האָט באַפולמעכטיקט די עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן פאַרגרעסערן דעם אידישן חלק אויף אַזוי פיל אַז די נייע געגרינדעטע אידישע שטאַאַט זאָל קענען אַריינגעמען ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט אימיגראַנטן אַ יאָר פאַר די קומענדיקע צוואַנציק יאָר. לויט די דאָזיקע דירעקטיוון ווערן געפירט די אונטערהאַנדלונגען אַ ספּעציעלן גערופענעם קאָנגרעס וועט האָבן די מעגליכקייט און די געלעגנהייט צו באַשליסן און באַשטימען די רעזולטאַטן פון די איצטיקע אונטערהאַנדלונגען.

קיינער, ווער עס האָט נאָר שכל הישר וועט ניט זיין אַזוי נאַריש און ווערן סענטימענטאַל אַז מיר מוזן האָבן גאַנץ ארץ ישראל „מדן עד באר שבע" פון ביידע זייטן ירדן און אויב ניט וועלן מיר וואַרטן און שפּילן אין סאָלדאַטלעך. מיר מוזן זיך געהעריק צוגרייטן צו אונזער היסטאָרישן שיקזאַל ווי אידן פרייע, גלייכע באַוואוסטזיניקע און שטאָלצע מענטשן.

יעדער פאַרשטייט אַז די אידישע לאַגע ווערט שווערער און אומטערגליכער פון טאָג צו טאָג אין פוילן, דייטשלאַנד, רומעניע, עסטרייך ווערן אידן צומאָלן אונטערן כוליגאַנישן קנאַפּל פון פאַשיזם און צובושעוועטן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. דער קריינק פון אידן האַס און די מגפה פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך דאָרטן ניט אָפּגעשטעלט. מערער און מערער ווערן איצט אַנדערע לענדער פאַרגיפטעט פון דעם שעדליכן סם.

די אידישע לאַגע אין די ענגליש שפּרעכענדע לענדער ווערט ערגער און די געפאַר וואַקסט אפילו אין אַמעריקע. אין קיין אָרט איבער די גאַנצע וועלט איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אונז און ווי די איצטיקע קאָנפערענץ אין עוויען באַווייזט אַז דער וועלט געוויסן ליגט אין הינער פּלעט און איז טויב און שטום צו אונזערע צרות.

קען זיך איצט געפינען אַ פאַראַנטוואָרטליכער כלל טוער און זיין קעגן דעם איינציקן אידישן ליכטיקן שטראַל פון 100,000 אימיגראַנטן אַ יאָר אין ארץ ישראל און לאָזן די עסטרייכישע און דייטשע אידן, און אפשר מאָרגן מיר אליין, זיך טרינקען.

מיר מוזן געדיינקען אַז דער אידישער פאָלק האָט שוין אַ מאָל דערגרייכט אַזאַ טראַגישן מאָמענט אין זיין געשיכטע און ווען ר' יוחנן בן זכאי

האָט געזען אַז בלויז מיט איין שטעטעלע אין ארץ ישראל קען ער ראַטעווען דעם פאָלק פון אונטערגאַנג האָט ער ניט געצווייפלט און געזאָגט „יבנה וחכמיה תתן לי". און די אידישע דיינקענדע וועלט האָט מיט צער דאַן צוגעגעבן אַז ער האָט געהאַנדלט ריכטיק לויט דער וויכטיקייט פון מאָמענט.

עס איז גענוג פינסטער אונזער קעגנוואַרט. אָבער אונזער צוקונפט וועט און מוז ווערן ליכטיק, פריי און שיין. קיין פעסימיזם און שוואַרצע נבואה וועט אונזער לאַגע ניט פאַרבעסערן.

צוואנציגסטער קאפיטעל.

דאָקטאָר קדמוני'ס געבורטס שטעטעלע

(אַ קאפיטל פון פאליטישן ראמאן „דער לעצטער אינטערנאציאנאל"

די קלייניקע שטעטעלע בירז, איז איינע פון די פארוואָרפענסטע ווינקלעך אין ליטע. בירז איז אַ שטעטעלע פון איינציקע הונדערט הילצערנע האלב־צובראכענע הייזקעס, אָנגעווארפן סתם אין דער וועלט אריין; אָן אַ פלאן, און אָן אַ סיסטעם. פשוט אויב זרח האָט זיך פארוועלט שטעלן אַ הויז פונקט דאָ איז געקומען ברוך און האָט אויף צולעהכעים זיך אויסגעבויט גראד אנטקעגן, אָדער דערביי און אויב שמעון האָט אָפגעפארבן זיינע לאדנס גרין, האָט ראובן גראדע — זיינע געפארבן געל.

האָט זיך אויסגעבויט אין בירז אַ לאנגע גאַס, האָט מען גלייך גענומען בויען נאָך איינע אַ קורצע, איז געוואָרן אַ שול גאַס; האָט מען גלייך געזען, אז עס זאָל ווערן אַ צווייטע שול גאַס. אויב איינינע גאסן האָט מען ווי ניט איז אויסגעברוקירט, זיינען גראדע אנדערע גאסן געבליבן בלאטיק. פארשטייט זיך, אז מען האָט געבויט אַ שול האָט מען געמוזט האָבן אַ בית המדרש, און אַ קלויז מיט אַ חסידישע שטיבל, און אַ שמשער מנין, און אַ שוסטער קלויז. איין באד האָט מען געהאט דערפאר זיינען אָבער געווען צוויי באד יונגן.

ווי פארשטיקט און געדיכט צענויפגעפרעסט זיינען געשטאנען די קליינע אָרימע הייזקעס אין בירז, האָט דאָך זיך בירז אויסגעצייכנט מיט איר בארימטן „שלאָס" אָדער, שטאָט־גארטן, וואָס האָט ניט געהאט זיין גלייכן אין גאנץ ליטע.

דער שלאָס איז געווען אַ גרויסער, פרעכטיקער גארטן, פארפלאנצט מיט פארשידנארטיקע פרוכט־בוימער, ווי עפל, בארנעס, פלוימען, אגרעסן, ווייַמפערליך און יאגדעס (וועלכער פלעגט ווערן פארדונגען יעדעס יאָר) און זעלטן שיינע בלומען. די בערג פון שלאָס זיינען געווען באדעקט מיט גרינע זאפטיקע גראז, וועלכע האָט געשמעקט, געדרייצט און גערופן זיך

צו זעצן און זיך קייקלען אויף זיי, וואָס מיר אינגלעך פּלעגן טאָקע טאָן ביז דער שלאָס וועכטער פּלעגט מיט אַ בייטש פאַרטרייבן.

ברייטע שיינע שטענגלעך זיינען געווען אויסגעשניטן איבערן גאַנצן לײַנג און ברייט פון שלאָס, וואו די אידישע איינוואוינער פון בירז פּלעגן שבת נאָכן שלאָף זיך ארויסלאָזן אויפן שפּאַציר. פון צוויי זייטן האָט דעם שלאָס ארומגערינגלט אַ ברייטע, טיפע אַזערע אָדער „שטאַוו", אומגעפער דריי קילאָמעטער די לײַנג און איינס און אַ האַלב די ברייט, מיט אַ קליינעם אינדזעלע („אויספּע") אינדערמיטן. דערצו האָט זיך אין שלאָס געפונען די היסטאָרישע חורבה פון אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דעם באַוואוסטן פּוילישן גרויספירשט ראַדזוויל. עס זיינען נאָך געבליבן צוויי און אַ האַלב ווענט. די הויכקייט פון די ווענט, זייער דיקקייט און מאַסיוויטעט, מיט די געדרייטע טרעפּ און פינסטערע קעלערן, זאָגן עדות, אַז דאָ האָט אַמאָל מיט יאָרן צוריק געמוזט זיין אַ גוואַלדיק גרויסע פעסטונג, וועלכע האָט ניט איין מלחמה דורכגעמאַכט, און ניט איין טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן אירע הויכע, שטומע קאַלטע ווענט.

פיל לעגענדעס גייען ארום אין בירז וועגן דעם שלאָס מיט זיין היסטאָרישע רייכע פאַרגאַנגענהייט, אָבער זיי האָבן ניט קיין היסטאָרישן ווערט.

די גערדיכטע אַלייען פון די דויפּטיקע מאַי בוימער און אַקאַציעס פּלעגט דינען דעם יונגט אַלס ליבעס באַהעלטעניש און פאַרטרוימטע פאַרלעך פּלעגן באַשיידן פאַנטאַזירן וועגן זייער צוקונפט.

נאָר ווי שיין, רייך און פילפאַרביק די נאַטור צוזאַמען מיט די אַמאָליקע שקלאַפן פון די רייכע צעבאַלעוועטע פּוילישע פּריצים האָבן באַוויזן צו מאַכן דעם שלאָס, אַלס איינעם פון די אַנגענעמסטע, הערליכסטע שפּאַציר פּלעצער אין ליטע — אַזוי האָט די שטעטעלע בירז ארויסגערופן אַ שאַרפן קאַנטראַסט מיט אירע שמאָלע, איינגע בלאָטיקע גאַסן, מיט אירע קליינע אָרימע הילצערנע הייזער באַדעקט מיט צינדלען, מאַנכע מיט בלעך, אָדער שטרוי. יעדעס הויז איז געלעגן איינע אויפן צווייטן, פּונקט ווי גרונט וואָלט געקאָסט אַ מטמון מיט גאָלד. אויב איינער האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל געהעפט האָט ער עס אַזוי פאַרבויט מיט אַ שטאַל פאַר אַ קו, אָדער פערד, מיט אַ קלייט פאַר תבואה אָדער פלאַקס און זאָמען. אַן אָפּדאַך פאַר האָלץ אָדער ארונטערצושטעלן אַ וואָגן, אַז עס איז ניט געבליבן קיין פּלאַץ פאַר בלומען אָדער גרינסן.

קיינע קאנקורסן פאר ארכיטעקטן זיינען אין בירז ניט געווען. ווער עס האָט געהאַט ג׳ אין הארצן און אַ פּאָר רובל אין קעשענע איז אוועק צום גראף טישקעוויץ (צו וועמען די שטעטעלע בירז האָט באלאנגט) און האָט אָפּגעדונגען אַ שטיקל פּלאַץ פאר 100 יאָר, געקויפט באלקענס אין דערבייאיקן וואלד, געדונגען אַ פּאָר פּויערים, וועלכע האָבן די באלקענס צוזעגט, ארומגעצעסעט און צוזאַמענגעלייגט זיי מיט מאך פאר ווענט, ארויפגעשטעלט אַ דאך, אריינגעשטעלט טירן און פענסטער, איינגעמויערט אַן אויוון מיט אַ הויכן קוימען און פּאַרטיג: עס איז געוואָרן אַ הויז. שפּעטער־צו, ווען ג׳ העלפט באקלעפּט מען די ווענט מיט ליים, און מען ווייסט עס אָפּ מיט קאַלך. מען צאמט אָפּ מיט ווענטלעך און עס ווערט געשאפן אַ פּארהויז, אַ זאַל, אַ שלאָף צימער און אַ קיך. נאָך שפּעטער שטעלט מען אריין דילן, דאן איז דאָך גאָר אַ פּאלאַץ. אזוי ווערט געבויט און געשאפן אַ הויז אין בירז און דער איינגנטימער ווערט געקרוינט מיטן נאָמען „בעל הבית״ און האָט שוין די רעכט צו פּאָדערן, אז מען זאָל אים געבן „שלישי״ אָדער „שישי״ אין שול און דער שמש און חזן דארפן נאָכן דאווגען צוגיין און אים זאָגן גוט שבת ר׳ ברוך!

ווען עס קומט אקלפּי אָדער אזוי אַן אסיפה מוז דער שמש קומען אים רופן, ווייל ער איז דאָך אַ בעל הבית ביי אידן מיט אַן אייגענע הויז, אַ ציג אין שטאל, אַן ענטל מיט אַ פּאָר הינער אויפן געהעפט, אלזא, דרך ארץ שקצים פארן בירזער בעל הבית!

אָט אין דעם שטעטעלע בירז אין אַ בלאָטיקע געסעלע, אין אַ קליינעם קעמערל פון א האלב איינגעפאלענע חורבה איז געבאָרן געוואָרן צבי קדמוני דער דערפינדער פון די „שלאָף ראקעטע״.

צבי קדמוני׳ס פאָטער איז געווען אַ גרויסער קבצן אָבער אבן תורה, אַ מענטש, וואָס האָט פארשטאנען זייער גוט אַ בלאט גמרא און פלעגט אמאָל אריינכאַפּן פארן עולם אַ פּרק משניות. אין לעבן איז ער געווען אלא יוצלח. צבי׳ס קדמוני׳ס מוטער איז געווען אַ יונגע, שיינע לעבנס־לוסטיקע פרוי, אַ טיפּישע אידישע טאָכטער פון ליטע.

ווען צבי קדמוני איז געוואָרן אלט פינף יאָר האָט אים זיין פאָטער איינגעוויקלט אין אַ טלית, ווי דער מנהג איז דאן געווען איז בירז און האָט אים אוועקגעטראָגן ביי ר׳ ירוחם דער דרדקי מלמד.

צבי קדמוני דערזעענדיק דעם פריינטלעכן אָבער פארצרהטן פּנים פון זיין רבי׳ן און די עטלעכע צענדליק פאר קינדערשע אויגעלעך קוקנדיק אויף אים האָט ער זיך דערשראָקן און זיך פונאנדערגעכליפּעט.

אַ בייזער פּון טאטן, און מיט דער הילף פון אַ פּאָר קאָנפּעקטן האָט זיך צבי איינגעשטילט און בארואיקט. האָט געגומען ארומקוקן דעם „חדר", וואָס איז באשטאנען פון אַ לאנגן שמאלן צימער איבערגעטיילט מיט אַ דינעם פארהיינגעל.

דער גרויסער שווערער טיש מיט די לאנגע הילצערנע ביינק ארום, אויף וועלכע ס'זיינען געזעסן צונויפגעטוליעטע קליינינקע אינגעלאך, דער גרויסער שטול מיטן צוריסענעם קישן, אויף וועלכן דער רבי איז געזעסן, די ספרים אויפן טיש צוזאמען מיטן בארימטן רימען, דער האָן אויפן בעט, די קאַץ אונטערן טיש, די קליינע פארקלעפּטע טאפעלטע פענסטער מיט די וואטע און פּאפּירענע בלומען, דער אלטער וואנט זייגער, מיט די שווערע אייזערנע געוויכטן און לאנגע מעשענע קייטן, דער אָפּגעריבענער ציפער־בלאט, דער לאנגער קרומער ווייזער מיט זיין לאנגזאם באוועגלעכן פארמיטיקל, וועלכער פלעגט מאנאטאניש מאכן טיק־טיק — דאָס אלץ האָט זיך צוזאמענגעגאָסן אין אַ בירזער סימפאניע און האָט אָנגעווארפן אַ געפיל פון שרעק אויפן יונגן צבי וועלכער האָט ניט פארשטאנען וואָס ארום קומט פאר.

איין־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

אזוי דארף זיין

(א קאפיטל פון א ראמאן „דער לעצטער אינטערנאציאנאל״)

(זיך געדרוקט אין „אידישן עקספרעס״ 1937 יאר)

דאקטאר צבי קדמוני א יונגער כעמיקער פון ירושלימער אוניווערזיטעט האט זיך לאנגזאם שפאצירט אין די געדיכטע אליען פון „גן הנביאים״ אויפן הר הזיתים.

דער שיינער פרעכטיקער בלויער קלארער הימל, די וואונדערבארע פאנאראמא פון גליל, די הויכע פארטרויערטע שטיינערדיקע הרי יהודה, דער שטילער אנגענעמער ווינטעלע פון ים כנרת און די געשמאקע לופט פון די אויסערגעוויינליכע פארשידענע רויצענדע בלומען פון „גן הנביאים״ האבן געווירקט דאס דער יונגער געלערנטער זאל זיך א מידער אוועקזעצן אויף איינע פון די ביינק און זיך פארטראכטן וועגן זיין גרויסער דערפינדונג.

ביסלעכווייז האבן זיך זיינע מידע אויגן געשלאסן און א רייע בילדער האבן גענומען דערשיינען פאר זיינע גייסטיקע אויגן, בילדער וועלכע האבן זיין בלוט פארקילט אין זיינע אדערן, און א שוידער האט דורכגענומען זיין גאנצעם וועזן וועלכע האט אים כמעט פאראליזירט מיט די דייטלעכע שטריכן פון אומגלויבלעכער רעאליטעט.

ער האט דערזען די פינסטערע כמארעס פון די צוקונפטיקע וועלט־מלחמה רוקט זיך אן, נענטער און נענטער, גרויסע מחנות פון אויטאמאטישע עראפלאנען באפאלן די פרידלעכע באפעלקערונג פון שטעט און דערפער און ווארפן זייער שרעקליכע משאות פון טויט און פארניכטונג.

אונטערוואסער שיפלעך שטעלן אפ און פאראליזירן די שיפן־באוועגונג אויפן ים, מעכאנישע ארמייען פון „ראבאטס״ (אויטאמאטישע גולמים) מארשירן מיט אומהעריקע שנעלקייט איבער די וועגן און פעלדער פון

אייראָפּע און אַזיע, איבעראַל וואו זיי קומען ווערט אַלעס חרוב, וויסט, צובראָכן און צושמעטערט.

די לופט איז געדיכט פון שווערע שאַרפע שטיקענדיקע גיפטיקע־גאַזן וועלכע מאַכן אוממעגליך צו אָטעמען סיי פאַר לעבעדיקע ברואים און סיי פאַר די פלאַנצן.

די גאַנץ אין אַלע וויכטיקע שטעט פון דער וועלט זיינען פאַרדעקט מיט אומצייליקע פּגרים, מיט צוקאַליעטשטע און צוקרימטע, צעריסענע און צוברעקעלטע קערפּערס פון פרויען און קינדער, זייערע צעוואָרפענע גלידער מישן זיך אויס מיט די נבלות פון הינט, קעץ, ציגן, שעפּסן, קעלבער, קי, אָקסן און פערד.

קיינע פלאַנצן, קיינע גרינס, קיינע בוימער איז ניטאָ וואו צו זען פאַר הונדערטער מיילן, וואו פריער האָט אויף יעדן קוואַדראַט מייל געלעבט, געלאַכט, געפרייט זיך געזונגען און געשפּילט הונדערטער קינדער, אַלעס איז פאַרברענט, פאַרניכטעט און צושטערט.

דאָ און דאָרטן וואַנדערן אַרום שאָטנס, האַלבע סקעלעטן פון געוועזענע מענטשן, פאַרשמאַכטע צושראָקענע און צוטראָגענע, דאָס זיינען די קרבנות וועלכע האָבן געהאַט דעם „גליק" איבערצולעבן דעם שרעקלעכן חורבן וואָס דער מענטשלעכער שיגעון האָט געקענט אויסטראַכטן.

דער פינסטערער שאָטן פון עלענד, נויט און הונגער בלאַנזשעט איבער בערג און טאָלן.

טייכן בלוט און טרערן שטראָמען האַסטיק און רוישן און שטערן די אַרומיקע טויטע שטילקייט, די גרויזאַמע גסיסה שטילקייט פון די צובלוטיקטע מענטשהייט.

איז דען ניטאָ אַ מיטל וועלכע זאָל קענען פאַרמיידן אַזאַ וועלט קאַטאַסטראָפע און איינמאָל פאַר אַלע מאָל צווינגען די מענטשהייט צו אָנערקענען די פּרינציפּן פון יושר, רחמנות פרייהייט, ברידערלעכקייט, גלייכהייט און אייניקייט?

איז דען ניט מעגלעך איינצוהאַלטן און קאָנטראָלירן דעם בלוט־דאָרשטיקן שאָוועניזם פון די מאָדערנע דייטשע באַרבאַרן וועלכע האָבן אויפגעוועקט זייערע לאַנג פאַרשלאָפענע קאַניבאַלישע אינסטינקטן און נוצן אויס די אַנטוויקלטע טעכניק פאַר זייערע צוועקן צו מאַכן גרעסער און שוידערלעכער דעם קומענדן וועלט בלוט־באַד.

פארוואָס זאָל די מענטשהייט לײדן און בלוטיקן כדי פּטור צו ווערן פון אַ הייפּעלע באַנדיטן וועלכע קאָנטראָלירן דייטשלאַנד און דאַרפן אין אמת'ן זיך געפינען אין דולהויז אַנגעטאָן אין די משוגענע העמדער און איזאָלירט פון דער וועלט אַז זיי זאָלן קיינעם קיין שאָדן קענען טאָן.

עס איז זיין היילִיקער חוב אַז ער זאָל זיין דערפינדונג פאַרטרויען צו דעם „פעלקער בונד" און באַזיצנדיק אַזאַ וויכטיקן ווירקזאַמער מיטל וועט דער פעלקער־בונד איינהאַלטן דעם שלום איבער די גאַנצע וועלט.

דאָקטאָר צבי קדמוני דערמאָנט זיך די יאָרן פון זיין שווערער אומדערמידלעכער אַרבעט, זיין געדולדיקן פאָרשן און זיינע פאַרשידענע עקספּערימענטן און אַנטוויקלונגען ביז ער איז ענדלעך דערגאַנגען צו זיין ציל, ער האָט אַנטדעקט דעם וויכטיקן סוד פון דער נאַטור, די קראַפט וועלכע ברענגט צו נייגונג צום שלאָף.

זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער אָפּגעגעבן צו שטודירן די קאָסמישע שטראַלן פון די נאַכט וועלכע ברענגט שלאָף און רו צו די מענטשהייט די פאַרשידענע קאָמבינאַציעס וועלכע קענען אַרויסרופן אָט די אַלע געהיימע כחות פון דער נאַטור און זיי רעגולירן דורך דעם אַפּאַראַט פון דערפינדער.

זיין אייזערנער געדולד און אַנטשלאָסענער ווילן האָבן אים געבראַכט דערפאָלג. אים האָט זיך איינגעגעבן צו דערגיין דאָס דער צוזאַמענשטעל פון פאַרשידענע כעמישע שטאָפן קען מען אַרויסרופן די אומזעבאַרע קאָסמישע שלאָף שטראַלן פון דער לופט און ברענגען דערצו דאָס מענטשן וועלן מוזן אַריינפאַלן אין אַ לעטאַרגישן שווערן שלאָף וועלכע זאָל אָנהאַלטן פאַר גאַנצע 150 שטונדן.

איין „שלאָף ראַקעטע" וואָס וועגט בלויז 80 פונט געוויכט קען פאַרשלעפּערן אַ געגנט אויף גאַנצע הונדערט קוואַדראַט מײלן און די שלאָפעדיקע זאָלן זיך ניט קענען באַוועגן פאַר גאַנצע 150 שעה.

דער שלאָף איז פעסט, שטאַרק, טיף, אָבער ער ברענגט ניט קיין שאָדן צו די נערוון אָדער אָרגאַניזם. פאַרקערט — ווען דער פּערזאָן כאַפּט זיך אויף נאָך אַזאַ שלאָף פילט ער זיך פריש, געזונט און מונטער און פיזיש פייאיק צו זיין געוויינלעכע טעגליכע באַשעפטיקונג.

די „שלאָף שטראַלן" זיינען אַזוי שטאַרק און דורכדרינגלעך דאָס קיינע גאַז מאַסקן אָדער גאַז באַשיצונג פּלעצער האָבן קיינע ווירקונג, ווייל די שטראַלן דרינגען אַריין ניט נאָר דורכן אָטעמען נאָר דורך דעם גאַנצן

קערפּער און קיין קענגשטאנד קען זיי פאַרשטעלן דעם צוגאַנג צו מענטשלעכן קערפּער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך דאָס אַזאַ מיטל אין די הענט פון פעלקער־בונד קען רעוואָלוציאָנירן די גאַנצע איצטיקע פּאָליטישע סטרוקטור און אוועק מאַכן מיט די קאָלאָסאַלע אוצרות באַוואָפענונג דער פעלקער־בונד קען דורך די „שלאָף ראַקעטע" בלוטלאָז אַנטוואָפענען דייטשלאַנד, פאַרניכטן אַלע אירע פּולווער סקלאַדן און מלחמה מאַטעריאַלן אַרויספירן אַלע שווערע מאַשינען כדי ניט צו געבן זיי די מעגלעכקייט פון דאָס ניי זיך צו באַוואָפענען און שטעלן אין געפאַר דעם שלום פון דער וועלט.

אַלע מיליטערישע עראָפּלאַנען, קריגס שיפן און אונטערוואַסער שיפן דאַרפן ווערן אַוועקגענומען און איבערגעמאַכט פאַר קאָמערציעלע צוועקן, אויפרייסן די אָנגעזאַמלטע גיפטיקע גאַזן און היטלערן מיט זיין באַנדע איבערגעבן צו אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט וועלכע זאָלן קענען אים מיט זיין כאַלאַסטרע אורטיילן לויט זיינע ווילדע אוממענטשלעכע שוידערליכע מעשים. און דייטשלאַנד אַליין שטעלן אונטער אַ אינטערנאַציאָנאַלן אויפזיכט פאַר אַ פּעריאָדע פון 50 יאָר ביז וואַנעט די בלאַנדע בעסטיעס זאָלן זיך צוגעוויינען צו ווערן צוריק מענטשן פון קולטור און אַנטוויקלונג.

דאַן וועט די פעלקער־בונד פאַרוואַנדעלט ווערן אין דעם לעצטן אינ־טערנאַציאָנאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער גאַנצער וועלט וואו יעדער פאָלק זאָל זיך קענען פריי אַנטוויקלען נאָך זיין אייגענאַרטיקן שטייגער. און די גאַנצע מענטשהייט זאָל ווירקלעך ווערן איין משפחה וואו אַלע זאָלן אַרבייטן פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע.

אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן און מיט פעסטע טריט איז ער געגאַנגען צו זיין לאַבאַראַטאָריע אויסצופירן און פאַרענדיקן זיין גרויסע אויפגאַבע.

נאָכן יריד

(איינדריקע און אַ איבערבליק פון קאָנגרעס פון באארד אָוו דעפיוטיס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1942 יאָר)

יעצט אַז דער קאָנגרעס האָט זיך שוין געענדיגט איז מעגליך צו באטראכטן אלזייטיג די פאזיטיווע און נעגאטיווע ארבייט, פאר די צוויי טעג וואָס דער קאָנגרעס האָט געדויערט.

צוגעגאנגען איז עס, מיט אלע קליפערליך, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. מיט א פרעזידיום א אימפאזאנטן, מיוחסדיגן און א פארזיצענדער וואָס איז אַ גרויסער בקי און „הלכות גניזה" ד.ה. ער ווייס גוט די קונץ ווי צו באהאלטן די וויכטיגסטע פונקטן פון טאגעס־אָרדענונג אזוי, אז מען זאָל זיי דעבאטירן אויף זיין שטייגער און אין איינקלאנג מיט דעם הייליגן רצון פון עקזעקוטיווע.

דער פארזיצענדער האָט זיך אויך ארויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער ספעציאליסט אין איינשטעלן אַז די „קאַזאָנע" רעדנער פון עקזעקוטיווע, זאָלן ריידן אסך און לאנג, ביז אַ נודנעס און א חלשות זאָל אָנכאפן די צוהערער, און דאָס זאָל צוגיין ווי אַ מזמור, איינער נאָך דעם צווייטן, לקיים מה שנאמר „עוד זה מדבר וזה בא", איינער אַן אָפיציעלער רעדנער האָט נאָך ניט באוויזן אוועקצוקערן זיך פון מיקראפאן, ווי גלייך אויף זיין אָרט האָבן שוין עטליכע אנדערע געווען מוכן ומזומן צו פארנעמען זיין פלאץ, ווען חלילה אַ דעלעגאט פון קאָנגרעס האָט זיך געוואָלט ארויס־זאָגן זיין מיינונג דאן איז זיין „ביטע פאר א וואָרט" אָבגעלייגט און אָבגעשטופט געוואָרן ביזן לעצט, ביז גאָר שפעט ווען אלע צוהערער האָבן זיך שוין געפילט גאָר מיד און אויסגעמאטערט. טאָמער איז דער דעלעגאט פארט געווען א יונגאַץ און האָט דאך געוואָלט ריידן פארן מיקראפאן דאן האָט דער פאָרזיצענדער זיך באזאָרגט מיט איינִיגע סגולות.

די ערשטע זאך, נאָכדעם ווי די „קאַזאָנע" רעדנער האָבן שוין ניט געהאט קיין כח מערער צו ריידן און אלע שבחים ותשבחות צום

עקזעקוטיווע פון באארד און דעפיוטים האָט זיך אויסגעשעפּט אזוי טרוקן אַז די אָפיציעלע „צימעס גיסער" האָבן גענומען איבערחזרן און מעלה גרה זיין איינער דעם אנדערן האָט דער פּאָרזיצענדער גלייך פאַרנעליינט אַז מען זאָל יעצט באַגרעניצן די צייט פון די רעדעס אויף בלויז פינף מינוטן.

ווי אָבער דער דעלעגאט נעמט ריידן און דער עולם קען נאָך אַמאָל פערלאַנגן און פאָדערן אַז מען זאָל אים לאָזן הערן ווייטער, אויף דערויף איז געווען די צווייטע סגולה. צוויי עלעקטרישע קאָלירטע לעמפּאַלעך איינער אַ געלער, און דער צווייטער אַ רויטער, מיט וועלכע דער סעקרעטאר איז געווען פארנומען מיטן שפּילן זיך, אָנצינדן זיי און גלייך פאַרלעשן. אָבער דער שפּילן זיך מיט די לעמפּאַלעך האָט געהאַט אַ צוועק. ווען דער סעקרעטאר האָט אָנגעצונדן דעם געלן לעמפּאַלע איז געווען אַ סיגנאַל פאַר די „אָפיציעלע טומעל מאַכער" וועלכע זיינען געווען פונאנדערגעטיילט סטראַטעגיש אין זאַל, אַז זיי זאָלן נעמען מורמלן און ריידן צווישן זיך.

אויב דער דעלעגאט האָט דערפון ניט גענומען קיין אכט, האָט דער סעקרעטאר גלייך אָנגעצונדן אויף אַ סעקונדע דעם צווייטן, דעם רויטן לעמפּאַלע, און דאָס איז שוין געווען אַ צייכן צו די „טומלער" אַז זיי זאָלן אָנגעמען שרייען „טיים" „עס איז צייט" און מאַכן אַזאַ מהומה, אַז דער דעלעגאַט ביי דעם מיקראָפאָן זאָל זיך דערשרעקן, זיך צוטומלען און פאַר־לירן וואו ער האַלט און אָבטרעטן פון פּלאַטפאָרמע, אַז ער זאָל זיך פאַרזאָגן אַ צענטן מער צו דעם מיקראָפאָן ניט צו צוגיין.

אגב, ווען דאָס געבן אַ לעסאָן צו די אנדערע דעלעגאַטן אַז זיי זאָלן פּאַרלירן דעם חשק צו גיין זיך ארויסזאָגן זייער מיינונג. דיזע טעכניק האָט זיך געאַרבייט אויסגעצייכענט גלאַט און גוט אַז עס איז געווען שווער פאַר די ניט געניטע צו באַמערקן, און מען האָט געקענט מיינען אַז דאָ קומט פאַר אַ נאַטירליכע ערשיינונג.

ווי געוויינטליך, „כדרך גברין יהודאין" האָט מען גלייך פאַרגלאָצט די אויגן און געעפנט מיט אַ תפילה צום רבונו של עולם און דער רב האָט מיט געפיל פאַרגעלייענט זיין תחינה, אויף לשון הקודש פאַר די שכינה און אויף ענגליש פאַר די פמליא של מעלה.

מאביליזאציע פון אידישן יוגענד

האָט מען זיך פונאנדערגעגאַרטעלט די לענדן און זיך א לאָז געטאָן פונאנדערפראלן אין „מה יפית" פאטריאטיזם. באוויזן און אריבערשטייגן איינער דעם אנדערן און זידלען דעם אידישן קבוץ אין דרום אפריקע פאר־וואָס זיי זיינען ניט אזוינע גרויסע בעלנים און לויפן ניט אזוי געשווינד זיך פארשרייבן אין מיליטער־דינסט ווי מען האָט עס ערוואַרטעט.

הכלל מען האָט גערעדט אויף טיש און אויף ביינק און דער עיקר, די עוולה פון די אידישע טאטעס און מאמעס וועלכע יאָגן ניט ארויס זייערע קינדער צו לויפן אין די רעקרוטינג אָפיסעס כדי צופרידן צו שטעלן אונזערע כלל פארזאָרגער, אומגעבעטענע בעלי טובות און סתם איבערגעברענטע פאטריאטן.

מען האָט פארגעסן דעם פונדאמענטאלן פאקט אז ביז יעצט איז די גאנצע ארמיי פון פרייוויליגע אין דרום אפריקע נאָר 194,000. 183,000 מענער און 11,000 פרויען וואָס מאכט אויס גענויע אכט און א האלב פראצענט פון א באפעלקערונג פון 2,300,000 נפשות, לויט די לעצטע רעגירונגס אָפיציעלע סטאטיסטישע ציפערן.

דער אָפרוף פון אידן ביז יעצט איז געווען העכער ווי 8,000 פערזאָנען וואָס איז אויך איבער אכט פראצענט פון אידישן ישוב אין דרום אפריקע וואָס ציילט אינגאנצן 94,000, דען אויב אזוי צו וואָס איז דער גאנצער ויצעקו ?

אמת, אלס אידן האָבן מיר גרעסערע חשבונות מיט היטלערן און זיינע משרתים, און דאריבער מוזן מיר אָנשטריינגן אלע קרעפטן מיטצוהעלפן דעם נצחון פון די דעמאָקראטישע וועלט.

אָבער מיר מוזן זיין ערליך צו זיך אליין און צוגעבן אז ווען מיר אנאליזירן ריכטיג די ציפערן פון די פרייוויליגע וואָס האָבן זיך שוין פארשריבן, זעען מיר אז די אידישע פרייוויליגע ברייגגן גרעסערע קרבנות מיט זייער פארשרייבן זיך ווי די ניט־אידישע.

עס איז העכסט אינטערעסאנט צו באמערקן דאָס די סטאטיסטישע ציפערן באווייזן אז דער עקאָנאָמישער צושטאנד, דער לעבענס־שטייגער

פון די אלע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין די אַרמיי, באַשטייט פון די פאָלגענדעס:

61 פּראָצענט זיינען די, וועמענס „שטאַנדאַרד אָוו ליווינג" איז געווען ניט צו גלייכן צו דעם ווען זיי זיינען געווען אין דער אַרמיי. זייערע ווייבער, עלטערן און קינדער האָבן זיך מיט אַ מאָל געפונען אין אַ בעסערע לאַגע ווי פריער, אין זייער אויסגעבונג־קראַפט, זייער „שפּענדינג פּאַוער" האָט זיך אומגעהעריג פאַרגרעסערט. דאָס ווייס יעדער איינער וועלכער קומט געשעפטליך אין קאָנטאַקט מיט די קאַטעגאָריע. 32 פּראָצענט זיינען די יענינע וועלכע האָבן פאַרלאָזן שטעלעס אין די „סיוויל סערוויס" מוניציפּאַליטעס, ריילוועס, מייגינג־הויזעס, און אַנדערע גרויסע אונטערנעמונגען וועלכע האָבן פאַרזיכערט די אַוועקגייענדע צו האַלטן אָפּן זייערע שטעלעס פאַר זיי, ווען זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים. און דערווייל האָבן די אַלע אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס דערלייגט דעם „דיפרענס" אין געהאַלט וואָס די אַרמיי צאָלט און וואָס זיי האָבן פריער פאַרדינט.

אַלזאָ פון באַקוועמליכקייט און קאָמפאָרט איז זייער לאַגע ניט געוואָרן ערגער דורך דעם וואָס זיי זיינען אַוועק אין מיליטער־דינסט.

7 פּראָצענט זיינען רייכע אָדער אַמווייניגסטענס גוט פאַרזאָרגטע וועלכע האָבן קיינע דאגות וועגן די יענינע וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזן אַהיים.

אָט איז דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון 100 פּראָצענט אין קלאָרע, קאַלטע אָבער ריכטיגע ציפערן.

נעמט באַטראַכטן די סטאַטיסטישע ציפערן פון די אידישע פריוויליגע, וועלן מיר דערזען גאָר אַנאַנדער בילד. בלויז 35 פּראָצענט אַנטקעגן די ניט־אידישע 61 פּראָצענט האָבן עטוואָס פאַרבעסערט זייער עקאָנאָמישער באַדערפנישן דורך דעם פאַרשרייבן זיך אין דער אַרמיי. אָבער 58 און אַ האַלב פּראָצענט האָבן אַסך פאַרערגערט זייער עקאָנאָמישן מצב, זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן באַשעפטונגען, פון וועלכע זיי האָבן געצויגן זייער חיונה, און זיינען אַוועק אין דער אַרמיי, ניט האָבנדיג קיינע אויסזיכטן, צו געפינען אין טאַקט, זייערע פריערדיגע שטעלעס, אָדער פרנסות, ווייל, פילע זיינען די יענינע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געאַרבייט פאַר זיך, אָדער פאַר קליינע בעלי בתים, וועלכע זיינען ניט אומשטאַנד צו שטיצן זייערע פאַמיליעס, מיטן דערלייגן דעם „דיפרענס" אין געהאַלט, ווי עס טוען די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען און אַנדערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען.

אמת, געוויסע אידישע פירמעס האָבן צונעצאָלט און צאָלן נאָך יעצט אויך צו, זייערע אידישע אנגעשטעלטע. צום באדויערן, איז זייער צאָל זייער קליין, און ער פארקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג.

מיר מוזן צוגעבן און באטאנען אז די אלע 58 און א האלב פראצענט האָבן מקריב געווען זייער לעבנס־שטייגער, זייער עקאָנאָמישע צוקונפט און זיי ווילן ערשט זיין פאר אונז א שווערע פראָבלעם וואס צו טאָן מיט זיי, ווען זיי וועלן זיך אומקערן אהיים פון די פארשידענע מלחמה פראָנטן.

די אנדערע 6 און א האלב פראצענט זיינען אזוי ווי די ניט־אידישע, קינדער פון רייכע עלטערן, אָדער עקאָנאָמיש פארזיכערטע און גוט פאר־זאָרגטע.

עס איז זייער לייכט צו ריידן, פון א פלאטפארם, פאר א מיקראפאן, אז מען זאָל גיין דינען, און אז יעדער איד, דארף טאָן זיין חוב, צום אידישן פאָלק, און זיין פליכט צו די לאנד, וואו ער לעבט, אָבער ווען דער קאנדידאט, אָדער „בעל דבר״ אליין, זעט מיט זיינע אויגן, אז ער צוברעכט זיין היים, און לאָזט זיין פאמיליע אויף הפקר, אין די צייט ווען אנדערע אזוי פּיזיש שטארק ווי ער, בלייבן איבער דאָ, און מאכן גרויסע פארדינסטן דערצו, ווייס איך ניט אויב מען קען אזא פּערזאָן פאראורטיילן אָדער פארדיינקן.

זאָל עס אָפן ארויסגעזאָגט ווערן, דאָס אויב די מדינה נויטיגט זיך, אז אירע בירגער זאָלן אָבגעבן זייער צייט, זייער מיה, זייער לעבן, דאן דארף די רעגירונג זען צו פארזיכערן אז די פאמיליע פון פריוויליגן בירגער, זאָל ניט נאָר ליידן דחקות און נויט, זאָל ניט דארפן אָנקומען צו צדקה אנשטאלטן, נאר זיי זאָלן זיין בעסער פארזאָרגט ווי פריער, און ניט גיין קלאפּן די טירן, און בעטלען, פון דעם פאנד, אָדער פון יענעם, פאר שטיצע. עס איז א גרויסער פארדרוס, אז מען האָט צוגעלאָזן עס זאָל ווערן דער גאווערנאר גענעראלס פאנד, דאָס איז א פלעק אויף אונזער געזעלשאפטליכן באוואוסטזיין. די פונקציעס פון דעם „ג.ג. פאנד״ האָט געדארפט טאָן די מדינה אליין, אלס א טייל פון איר פליכט, צו די מיליטערישע קרעפטן, וועמען זי מאביליזירט, און רייסט אוועק פון זייערע היימען. אָבער אז מיר אידן זאָלן נאָך צוגעבן א נייען הויקער און שאפן נאָך א פאנד, איז אבסירד, און לעכערליך.

כל זמן מיר וועלן דאָס ניט באגרייפן, אז די מלוכה איז פאראנט־װאָרטליך פאר אירע מאביליזירטע, וועט ניט העלפן אונזערע רעזאָלוציעס

און פּראָפּאַגאַנדע היסטעריקע, מיר דאַרפֿן קוקן אויף די פֿאַקטן מיט אָפֿענע אויגן. די ציפֿערן וועלכע זיינען דאָ פֿריער אָנגעוויזן געוואָרן, באַווייזן גאַנץ בולט, און דייטליך, דאָס ווען 93 פּראָצענט פֿון די ניט־אידישע סאָלדאַטן, ליידן ניט עקאָנאָמיש פֿון זייער אָנשליסן זיך אין דער אַרמיי, האָט איר גאַנצע 58 און אַ האַלב פּראָצענט אידישע פֿרייוויליגע, וועלכע האָבן אוועקגעגעבן אַלעס, מקריב געווען זייער קאָמפֿאָרט, זייער לעבנס־שטייגער, זייער עקאָנאָמישן צוקונפֿט, און אויך זייער לעבנס באַדערפֿעניש.

איז דען אַ וואונדער, אַז איר קריגט ניט אַזוי פֿיל בעלנים צו טאָן דאָס ווייטער, מען מוז פֿריער באַזייטיגן די סבות און געפֿינען אַ וועג, ווי צו באַזאָרגן די פֿאַמיליעס, פֿון די פֿרייוויליגע אויף אַ פּאַסענדן און אָנשטענדיגן אופֿן, דאַן קען מען פֿאָדערן פֿון יעדערן, אַז ער זאָל ערפֿילן זיינע פֿליכטן צום פֿאָלק און לאַנד.

עס איז ווערט צו באַצייכענען דעם פֿאָלגענדן עפּיזאָד וואָס איז ניט לאַנג פֿאָרגעקומען אין קייפּטאַון.

ווען די קייפּ קאָמיטע פֿון באָאַרד אָוו דעפּיוטיס האָט ניט לאַנג צוריק געהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ וועגן דעם קאָנגרעס, איז אָנגעקומען אַ דעלעגאַט פֿון קערנעל וועלדמולער, וועלכער איז אויך אַ ספּעציעלער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון באָאַרד אָוו דעפּיוטיס און ער, דער „שליח מיוחד" האָט זיך געווענדעט צו די אַלע פֿאַרזאַמעלטע, אין תלמוד תורה זאַל, בזה הלשון — „איך בין געקומען צו אייך, ריידן מיט באַק־ציינער, מיר אַרט ניט, וואָס מיט מיר וועט דאָ פּאַסירן. אידן האָבן אַמאָל אוועקגעהרג'עט דעם גרעסטן מענטשן אין דער וועלט, זיי האָבן פֿאַרטיג געמאַכט „יעזוס קראַיסט", אַלזאָ וועט מיר ניט אַרן, אויב מען וועט מיר אויך אוועקהרג'ענען". זעלבסטפֿאַר־שטענדליך, אַז אַ גרויסער געלעכטער, האָט ניט ווילנדיג אַרויסגעפּלאַצט ביי אַלעמען, און ווען ניט די טאַקטישע אַריינמישונג פֿון אַדוואָקאַט מאָרים אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט אַריינגעשושקעט דעם דעלעגאַט אין אויער און ער האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן, אַז ער האָט דאָס בלויז געמיינט אַ וויץ, וואָלט פֿון דעם נאַרישן אומגעלומפּערטן אינצידענט, געקענט אַרויסקומען אַ מיאוסער סקאַנדאַל.

ווען דער באָאַרד אָוו דעפּיוטיס ערלויבט זיינע פֿאַרשטייער אַרומצופֿאָרן און פֿאַרשפּרייטן אַזוינע וויצן, פֿאַלט אָן אַ מרא שחורה אויף די נשמה.

ווען מען האָט שוין די פֿריערדיגע רעזאָלוציעס אָנגענומען און מען האָט צופֿרידן געשטעלט דעם פּאַטריאָטישן אַפּעטיט, אַז מיר אידן אין

דרום אפריקע, זיינען זיך מתחייב צו טאָן, הונדערט מאָל מערער, פאר די מלחמה צוועקן, ווי אלע אנדערע, דאן איז דער קאָנגרעס צוגעטראָטן צו די צווייטע פראגע אויפן טאגעס אָרדנונג, דעם שאפן א פאנד צו העלפן די מלחמה קרבנות.

א פאלקס-באנק צו העלפן די געליטענע פון מלחמה

ווי געוויינליך האָט מען זיך צוהיצט און ז"ד געג.'מען ארומרייסן איבער „אקוצי של יוד" צו זאָל דער פאנד הייסן „פאר די מלחמה קרבנות" אָדער, ער זאָל הייסן, פאר די געליטענע פון דער מלחמה, און פאר צוריק־געקערטע סאָלדאטן, וועלכע וועלן ווערן דעמאָביליזירט, בפירוש, „ברחל בתך הקטנה" איבער דיזע פארמולע האָט מען ווייטער ארויסגעלאָזן די שווערע אַרטילעריע פון די אָפיציעלע „צימעס גיסער", און דער פרעזידענט אליין בכבודו ועצמו איז געלאָפן אלע ווײַלע צום מיקראפאָן, אָנזאָגן אז מען קען זיך פארלאָזן אויף זיין יושר, און מען זאָל עס רופן „דער פאנד פאר די מלחמה געליטענע קרבנות". אויב צווישן זיי וועט זיך געפינען, וועלכע ניט איז סאָלדאטן, אויך, וועט ער, דער פרעזידענט זיי ניט באַעולהן, און זיי אויך געבן צו געניסן פון די געלדער וועלכע וועט ווערן צוזאמענגעקליבן.

דער שרייבער פון דיזע שורות האָט זאגאר פארגעלייגט אַן אויסבעסערונג, דאָס מען זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל אָבגעבן דעם געדאנק, אז די צדקה־פושקע, איז אַ רפואה שלמה, צו אלע צרות, און אז מיט צדקה, (צאריטע) וועט מען קענען ערפאָלגרייך העלפן, די ליידנדע מלחמה קרבנות, דאָ, אויף אָנאָרט, און אין אייראָפע, ווען דער שלום וועט צוריקגעשטעלט ווערן.

מיר מוזן זיך פארמעסטן אויף אַ גרעסערן מאסשטאב, ווײַלע די נויט, איז אזוי גרויס, און דער חורבן, אזוי שטארק פארכאפענד, אז די הילף, דארף זיין נאָך גרעסער, און די מיטלען, נאָך בעסער.

דאריבער, האָט ער פאָרגעלייגט, אז מען זאָל זאמלען א סומע געלד, פון ניט וויניגער, ווי אַ האלב מיליאָן פונט, און דערמיט גרינדן אַ פאָלקס־באַנק, וואָס זאָל קענען געבן, ביליגע קרעדיטן, אויף לאנגע טערמינען, צו די אידישע האנדווערקער, בעל מלאכות, קליין־הענדלער, אונטערנעמער און פאך־לייטע, אויך פראפעסיאנעלע פערזאָנען.

דער פאָלקס־באַנק, זאָל קענען קויפן, מאַשינען, געציי, אינסטרומענטן פאַר די, וואָס וועלן זיך נויטיגן אין דעם, און זיי מיטהעלפן צו געפינען דעם פּאַסנדן אַבזאַץ־מאַרק, פאַר זייערע אינדוסטריעלע אויסאַרבייטונגען. דער פאָלקס־באַנק וועט העלפן פינאַנסירן, אַלע קליינע אונטערנעמער, וועלכע האָבן די מעגליכקייטן צו קריגן די נויטיגע קרעדיטן.

אויב מיר זענען דאָ, אין דרום אַפריקע, אַז איינע פון די גרעסטע צוויי ביינק, האָט געמאַכט לעצטן יאָר, אַ אומזאַץ (אַ טערנאָווער) פון העכער ווי 98 מיליאָן פונט, אין די צייט, ווען דער אָבגעצאָלטער קאַפּיטאַל פון די דאָזיגע באַנק, איז נאָר בלויז צוויי מיליאָן פונט, באַווייזט אונז, אַז מיט אַ נאָמינאַל קאַפּיטאַל פון אַ האַלב מיליאָן פונט, וועלן מיר קענען מאַכן טראַנסעקסאַנס, אויף ניט ווייניקער, ווי 15, אָדער 20 מיליאָן פונט.

אַזאַ סומע געלד, קענען מיר, זאַגאַר אין חלום, זיך ניט פאַרשטעלן, אַז מיר זאָלן עס קענען פאַרמעגן, אין צדקה, אין צאַריטע פאַנד.

אַ פאָלקס־באַנק מיטן פּרעסטיזש פון באָארד אָוו דעפּיוטיס, און דעם גאַנצן אַפריקאַנער אידנטום, וועט קענען קריגן און אָננעמען דעפּאָזיטס פון פּובליקום. זי וועט קענען קריגן אונטערשטיצע פון די רעזערוו באַנק, און אפשר אַמאָל אויך, פון די „אינטערנאַציאָנאַלע באַנק פאַר ווידעראויפבוי" וועלכע ענגלאַנד מיט אַמעריקע וועלן גרינדן, גלייך ווי זיי וועלן געווינען די מלחמה.

אַ פאָלקס־באַנק, וועט קענען טאָן אַסך מערער צו העלפן און לינדערן, פאַרקלענערן די נויט פון די מלחמה קרבנות דען וועלכע עס איז צדקה־פּושקע אָדער צאַריטע פאַנד.

מיר מוזן נעמען אין באַטראַכט, דאָס גלייך נאָך די מלחמה, צו מיר ווילן, צו ניט, אַ געוויסער שטראָם פון אידישע אימיגראַנטן, פון די חרוב־געוואָרענע לענדער, וועלן אַהער קומען, און מיר דאַרפן זיין צוגעגרייט צו דעם, און ניט זיך צופרידן שטעלן, דאָס מיט אַ פּאָר פונט צדקה, וועלן מיר זיי קענען אָפּפּאַטרן.

ניין, מיר וועלן מוזן זיי פינאַנסירן, די ערשטע צייט, און העלפן זיי זיך שטעלן אויף די פיס, ביז זיי וועלן זיך פאַלשטענדיג איינאָרדנען. אַזאַ אויפגאַבע, קען קיין צדקה־פּושקע ניט טאָן. דאָס מוז און קען נאָר אויסגעפירט ווערן ראַציאָנאַליש, מיט געשעפטליכע ערפאַרונג דורך אַ ברייטע, פאַרצווייגטע קרעדיט אַנשטאַלט, אין די פאָרם פון אַ פאָלקס־באַנק, וואָס

וועט קענען שאפן פראקטישע באדינגונגען און סטימולירן פריוואטע איניציאטיווע.

א פאָלקס־באנק וועט אויך קענען פּאָפּולאריזירן און פארשפּרייטן לאנדווירטשאפט צווישן אידן, און אויך ענטוויקלען פאך־אויסבילדונג. די אלע פונקציעס וועט א פאָלקס־באנק קענען ערפילן, און וועט זיין א מזל־ברכה פארן גאנצן אידנטום אין דרום אפריקע.

דער פארזיצענדער ניט פארשטייענדיג גוט קיין אידיש, האָט נאָר פארשטאנען איין זאך, אז ער מוז זיך ווענדן צו אלע פארזאמעלטע און בעטן פערזענליך, אז מען זאָל ניט שטעלן דעם „אויסבעסערונג" צום אפשטימונג, און האָט מאטיווירט דערמיט, דאָס די פראגע פון א פאָלקס־באנק איז יא דאָ, ערגעץ וואו, אויף די טאגעס אָרדענונג, דאריבער, וועט מען דאָס באהאנדלען, ווען מען וועט קומען צו יענעם פונקט. ער האָט אָבער ניט דערציילט דעם קאָנגרעס, אז דאָס איז נאָר א טאקטישער מאנעווער, זיך פון דעם ארויסצודרייען פון א פאָלקס־באנק, ווייל אלעם א באזונדערע רעזאָלוציע, וועט ער אָפּשטופּן און אָפּציען אזוי לאנג, אז דער קאָנגרעס וועט זיך דארפן פארמאכן, און ניט האָבן קיין צייט, וועגן דעם צו דעבאטירן, וועט עס בלייבן אין דער לופטן, ביז אַן אנדער קאָנגרעס וועט זיך פארזאמלען.

דערווייל האָט דער פארזיצענדער באשלאָסן, אז די הויפט ברענענדע פראגע פארן קאָנגרעס איז אויב די קייפ־קאָמיטע פון באארד אָוו דעפּיוטיס זאָל באשטיין פון 10, אָדער 12 מיטגלידער, און אויך האָט ער געפונען פאר נויטיג זיך פארנעמען מיט די ענדערונגען אין די פראזעלאָגיע פון די קאָנסטיטושן, וועלכע דער פרויען פאראיין האָט פארגעלייגט.

דער נוסח פון פריער און זייער יעצטיגע ענדערונג איז כמעט דער זעלבער, נאָר אַ תירוץ איז געווען און אַ גוטע געלעגענהייט דאָס אונזערע „לײדים דעלעגאטן" זאָל נעמען דאָס וואָרט, מיט די גאנצע ניין מאס רייד, קען מען זיך שוין פארשטעלן אז א האלבער טאָג איז אוועק אויף נאריש־קייטן.

בעזרת הבורא, אז מיר זיינען שוין אריבערגעקומען די שוועריקייטן און דער קאָנגרעס האָט איינשטימיג מסכים געווען, אז די קייפ־קאָמיטע קען האָבן 12, און אויב זיי ווילן מערער וועלן זיי אויך קריגן. אויך, האָט דער קאָנגרעס ערלויבט דעם פרויען פאראיין, איבערצושטעלן די אותיות אין קאָנסטיטושן פון באארד אָוו דעפּיוטיס ווי זיי ווילן, דאן איז מען צוגעקומען צו די עכטע געדיכטע, דעם תמצית פון קאָנגרעס, די פּראפּאַגאנדע פּאָליטיק פון באארד אָוו דעפּיוטיס.

פאליטיק און פראפאגאנדע

ווען מען האט באריהרט דיזע אנגעווייטיגטע פראגע, וואס עגבערט יעדן אידן, וועלכער פרעגט זיך שטענדיג, וואס טוט דער באארד אוו דעפיוטים האט דער פארזיצענדער פארקאשערט די ארבעל און גענומען מיטן גאנצן הארצן אויפקלערן דעם קאנגרעס, די געהיימניסע, די סודות „מאחורי הפרגוד", וואס עס קומט פאר לפני ולפנים אין די קאנצילאריעס פון באארד אוו דעפיוטים.

דאריבער האט ער געגעבן דעם ווארט צום גענעראל־סעקרעטאר פון באארד אוו דעפיוטים, הער סאראן און ער האט מיט א פעקל שמות אין האנט אויפגעוויזן אז מען זאל ניט מיינען חלילה, אז דער באארד אוו דעפיוטים שלאפט אין זיין קאמף מיטן אנטיסעמיטיזם, דאס איז א גרויסער טעות, דער באארד האט איינגעקויפט א גרויסע מציאה, ער האט געקראגן מאנאטליך 15,000 קאפיעס פון דעם מאנאט־שריפט „קאמאן־סענס" און דער באארד שיקט דאס פונאנדער צו אלע אידישע סאלדאטן אויפן פראנט, צו אלע אידן אין לאנד און א סברה צו עטליכע צענדליג מנינים ניט אידישע פערזאנען אויך.

דער גענעראל־סעקרעטאר איז אזוי געווארן באגייסטערט מיט זיין מעשה, אז ער איז אריין אין עקסטאזש און גענומען פאכען מיטן בינטעל שמות און זאגן, אז אים אינטערעסירט ניט דער מיינונג פון די אידישע פרעסע, ביי אים איז טייערער וואס איוואן זאגט, דען וואס דער רעדאקטאר פון א אידישע צייטונג אין יאהאנעסבורג האט צו קריטיקירן דעם באארד אוו דעפיוטים, און האט געוויזן א וויכטיגע ערגרייכונג פון פראפאגאנדע אפטיילונג און דאס איז געווען א רעצענזיע אויף א ביכעל וואס דער באארד האט פאר גוטע ממתקים געקראגן. די רעצענזיע איז געווען אן אויסשניט פון אנאטאלער ענגלישער צייטונג אויף דריי און האלב קאלומס און דער סעקרעטאר, הער סאראן איז געווען אזוי איבערגליקליך דערמיט, אז ער האט דאס אנגעקלעפט אויף א טאקטור און דערמיט געפאכט אז אלע זאלן דאס זען, עס איז מעגליך אז ער וועט דאס לאזן פאטאגראפירן און מאכן מיניאטורס וועלכע וועט ווערן געפאסט אין גאלד אדער זילבער, און יעדער חסיד פון די עקזעקוטיווע וועט זוכה זיין צו האבן אלס אנדיינקונג.

די איבעריקע זאכן פון פעקל שמות איז געווען, עטליכע בריוו פון אידישע סאלדאטן וועלכע זיינען צופרידן מיט דעם מאנאט־שריפט „קאמאן־סענס" און באדאנקען דעם באארד און דעפיוטים פאר אזא גרויסע מתנה. עס איז אויך געווען א פאר בריוו פון ניט־אידישע פערזאנען וועלכע זיינען אויך צופרידן פון דעם „קאמאן־סענס".

דער גענעראל סעקרעטאר האט ניט געקענט איבערצייגן דעם עולם ווי אזוי מען קען באקעמפן אנטיסעמיטיזם מיט א גלעזעל טיי אדער שארפערע משקה וועלכע איניגע פון די משולחים פון באארד זיינען באשעפטיגט דערמיט.

עס דוכט זיך, אויב אפילו, דער אדער יענער מאגיסטראט אדער מייער פון דעם אדער יענעם דארף, אדער שטעדטל וועט אפילו ווייזן א פריילִיכע מינע אונזערע „גודוויל משולחים" „כטוב לב המלך ביין וועט דער אנטי־סעמיטיזם דורך דעם ניט ווערן קלענער.

דעם אויסגעשפראכענעם אנטיסעמיט וועט קיין ארגומענטאציע ניט העלפן זאל אפילו דער באארד און דעפיוטים מאכן 10 באנקעטן א טאג פאר דאקטאר מאלאן וועט ער אלץ בלייבן א שונא ישראל.

מיר דארפן און מוזן קומען אין דירעקטן קאנטאקט מיטן פשוטן פאלקס־מענטש, מיטן איינפאכן פארמער וואס לעבט אויפן פעלד, מיט דעם „עמך" פון די ניט־אידישע באפעלקערונג, וועלכע זיינען די פלאסטישע מאטעריאל אין די הענט פון אונזערע ביטערע פארביסענע שונאים.

דער גענעראל סעקרעטאר האט אויך פארגעסן צו דערציילן אז א געוויסע צייט צוריק האט מר. י. פריינק, דער מאנעזשינג־דירעקטאר פון די „נו וויטס גאלד מיין", א פערזאן מיט א גלענצענדע מארך און געזונטן שכל הישר, א מאן וואס באזיצט גרויסע פייהיקייטן און אומגעהעריגע פראקטישע ערפארונג, האט דער מר. י. פריינק פארגעשלאגן אז דער פראפאגאנדע אפטיילונג פון באארד און דעפיוטים זאל זיך פארבינדן מיט איניגע געוויסע גוטע בארימטע גייסטליכע און געלערענטע, אידישע און ניט־אידישע, און צוזאמען זאלן זיי פארמירן א ביורא, וועלכע זאל אויס־ארבייטן א סיסטעם פון רעגולארע פריוואטע בריוו, וועלכע זאל יעדעם וואך אויסגעשיקט ווערן צו די פארמערס און מענטשן פון דארף און פעלד.

די אלע וואס ווייסן די פסיכאלאגיע פון פארמער, זיין רעספעקט פארן געדרוקטןווארט און די נאאיווע צופרידענהייט און פרימיטיוון שטאלץ פון קריגן א בריוו אדרעסירט צו אים פערזענליך, וועט פארשטיין דעם גרויסן איינדרוק וואס אזוינע בריוו קען מאכן.

אין אזעלכע בריוו זאָל ווערן קורץ, דייטליך, זאכליך באוויזן דאָס אידענהעצעריי איז איינג פארבונדן מיט היטלעריזם און זאָלן צונישט מאכן אלע טענות און בלבולים פון אונזערע שונאים.

די בריוו דארפן לאגיש אויפווייזן דעם אמתן פרצוף פון די היטלער משרתים און פיפט־קאלומניקעס און שטארק באטאנען אונטערשטרייכן, אז די אלע אידענפרעסער זיינען געדונגענע שפיאָנען פון דאָקטאר געבעלס, פארעטער, טרייטארס צו זייער לאנד און צום גאנצן בורישן פאָלק.

יעדעס וואָך דארף אזוינע בריוו צושיקט ווערן וועלכע זאָלן באהאנדלען פונקט פאר פונקט די שעדליכע אגיטאציע, די ליגענס און פאלשקייט פון די אנטיסעמיטן. קורץ גערעדט, מיסטער פריינק מיינט, א מין הארבונגס־פונקט (ליסענינג פאָסט) דורך בריוו, אזא ביורא וואָס זאָל שטענדיג זיין אויפן וואך, וואָס זאָל ניט נאָר פארענטפערן זיך נאָר האלטן כסדר אין אָנפאלן און אטאקירן אלע פאשיסטישע אגיטאטארס און אָפשוואכן אויב ניט אינגאנצן בטל מאכן זייער איינפלוס.

איך וואָלט וועלן צוגעבן דאָס זינט מיר האָבן אָנגעהויבן א קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם פאר די לעצטע 1900 יאָר, אנהויבענדיג פון יאזיפוס פלאוויוס, ווען ער איז צוערשט ארויסגעטראָטן מיט זיין בוך „נגד אפיון" און אויך אין די צייט פון מיטעל אלטער, ווען אונזערע זיידעס זיינען געווען געצוואונגען זיך צו באטייליגן אין די רעליגיעזע ויכוחים, אויך ניט לאנג צוריק אין לעצטן יאָר־הונדערט האָבן מיר אידן כסדר אָנגענומען די טאקטיק פון ענטשולדיגן זיך, פון פארענטפערן זיך, אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט אָנגעווענדעט דעם ווירקזאמען מיטעל פון סאטירע, וויץ, הומאר, אויסלאכן דעם שונא, חוזק מאכן פון אים, מאכן אים קאָמיש און אויסגעפינען און ארויסשטעלן די לעכערליכע זייטן פון זיינע באהויפטונגען. דאָס איז א שטארקע געווער אין די הענד פון די, וואָס זיינען געניט, און ווייסן עס ווי צו ניצן.

איז ניט געווען מעגליך אז דער באארד אָוו דעפיוטיס וועלכער שטיצט מאראליש און אפשר אויך פינאנסיעל געוויסע אויסגאבן זאָל פארלאנגען פון זיי איינצופירן יעדעס וואָך א ספעציעלע זייטל אין זייערע אויסגאבן, אז עס זאָל זיין געווידמעט בלויז פאר סאטירע און הומאר אנטקעגן אנטי־סעמיטישע אָנפאלער.

דער גענעראל סעקרעטאר האָט בחפזון פארבייגעגאנגען די קריטיק אז דער פראפאגאנדע אפאראט פון באארד אָוו דעפיוטיס, האָט ניט דעם

געהעריגן מוט, שטאָלץ און ווירדע, און איז דורכגעדרונגען מיט דעם הכנעה געפיל, פון אסימילאַטארישע פּחדנים, וועלכע האָבן מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן ווען מען דאַרף מוטיג פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון כלל ישראל. אלס גייט צו בסוד, שאַ, שטיל, קיינער און איבערהויפּט די אנטיסעמיטישע אידענפרעסער זאָל ניט דערהערן.

מיטן קריכן כסדר אויף די קני, קען דער אידישער קבוץ ניט ארויס־רופן קיין כבוד צו זיך, אפילו פאַרביסענע געגנער רעספּעקטירן דעם יענינגן וועלכער פאַרטיידיגט זיך העלדיש און שלאָגט צוריק, גיט קלעפּ וועלכע טוט וויי. דער גענעראל סעקרעטאַר וועלכער האָט גערעדט לאַנג אין אלגעמיינע פראַזן האָט אָבער גאָרניט דערמאָנט פאַרוואָס דער באַארד דאַרף ארויסגעבן פאַר זיך אליין אַ צייטונגל „דזשואיש אפעירס" (אידישע ענינים) אזאַ „טל ומטר'ל" צאַצקע, וועלכע נעמט אוועק צייט, געלט און ארבייט, די פּאַפּיר אליין, דעם דרוקן, דעם פונאנדערשיקן, צו וואָס איז דער מאכן שבת פאַר זיך?

עס איז דאָך דאָ ברוך השם אַ גרויסע פּרעסע אין דרום אפריקע אין אידיש, ענגליש און לשון הקודש „דער דזשואיש קראָניקל", „דער זייאניסט רעקאָרד", „די דזשואיש טיימס", „די דזשואיש העראלד", „די אידישע אפריקאנישע צייטונג" און דער „ברקאי". אָט די זעקס אידישע אויסגאַבן נעמען ארום אלע שיכטן פון די אידישע באַפעלקערונג אין דרום אפריקע, האָט דאָך דער באַארד געקענט אָפּמאַכן מיט די זעקס צייטונגען אַז זיי זאָלן מאָנאַטליך געבן אַ פולן באריכט צו זייערע לעזער, ווענן די טעטיקייט פון באַארד און די געלד וואָס עס קאָסט אָפּ די „בן פּקועלע" (די דזשואיש אפעירס), (די אידישע ענינים) האָט מען געדאַרפט אין פּראָפּאַרציע געבן די דערמאָנטע אידישע צייטונגען וועלכע קריסטאַליזירן און שפּיגלען אָפּ דעם געזעלשאַפטליכן מיינונג פון די אידישע באַפעלקערונג אין דרום אפריקע.

די סובסידיע צו די דערמאָנטע אידישע צייטונגען וואָלט אויך געהאָלפן די היגע אידישע פּרעסע און נאָך מערער וואָלטן זיי מיטגעהאָלפן די ארבייט פון באַארד צו מאכן באַקאַנט און פּאָפּולער זייערע אויפגאַבן.

און זאָל עס פאַרצייכענט ווערן מיט גרויס באַדויערונג אַז ווען דער גענעראל סעקרעטאַר האָט זיך אַזוי גראָב אויסגעדריקט ווענן די אידישע פּרעסע האָט זיך קיינער ניט געפונען אין זאַל וועלכער זאָל געהעריג ריאַגירן אויף אַזאַ אומגעהערטע חוצפּה.

אידישע דערציאונגס פראבלעם

שענער פון אלעם איז געווען די קאמעדיע ווען מען האט באטראכט די פראבלעמען פון אידישע דערציאונג. רבי זלאטניק, דער אפיציעלער דירעקטאר פון אידישע דערציאונג האט פארגעשלאגן די רעזאלוציע, אז דער באארד זאל נעמען א טיכטיגן אנטייל אין רעגולירן און ארגאניזירן א ברייטע פארצווייגטע אידישע דערציאונג פראגראם.

רבי ווײלער, דער רעפארמירטער רבי פון יאהאנעסבורגער רעפארם טעמפעל, האט מיטגעהאלפן רבי זלאטניק. אויבערפלעכליך האט אויסגעוויזן אז מיר לעבן אין משיח'ס צייטן ווען אידיש טראדיציאנעלישע רבנים זאל קענען זיין אויף איין פלאטפארמע מיט א רעפארם ראבינער. עס קלינגט אידיליעס זייער פיין, אבער די קאץ איז ארויס פון זאק. ווען די בעריע־שול האט צוגעלייגט אן אויסבעסערונג אז די פראגראם פון אידישע דערציאונג זאל זיין באזירט אויף די שטריינג נאציאנאלע אידישע טראדיציעס, דא האט זיך ענטפלעקט דער גאנצער תהום פון אידישע אסימילאציע און נאציאנאל־געזאנגענע דעלעגאטן.

מיט אמאל האט מען דערזען אז דער רוסישער דיכטער קרילאוו איז זייער גערעכט אין א פאבעל, דאס ווען מען שפאנט איין א וואגען מיט א שטארך און א ראקע, אז אייזעל און א פיש, קען אזא וואגן ווייט ניט פארן.

דער פרעזידענט אליין איז געקראכן פון הויט ז מען זאל צוריקציען די רעזאלוציע פון די בעריער־שול און ווען אים האט זיך דאס ניט איינגעגעבן האט מען אזוי היציק דעבאטירט און געזוכט פשרות ביז א חכם פון דער הגדה האט פארגעלייגט אז מען זאל דאס איבערגעבן צום עקזעקוטיוו אויף זייער יושר און אזוי ווי 60 פראצענט פון די דעלעגאטן האבן זיך שוין אבגעטראגן און אוועקגעגאנגען, און די איבעריגע 40 פראצענט האבן געוואורט מיט אומגעדולד אז דער קאנגרעס זאל זיך שוין פארמאכן, ווײלע זייערע קעפ איז געווען געגוג אנגעטומעלט האט מען דאס אנגענומען און אנגעכאפט ווי א אבן טוב און עס איז געבליבן ווי געווען ושלום על ישראל.

דער סך-הכל און מוסר השכל פון קאָנגרעס

ניט ווילענדיג מוז מען זאָגן אַז דער גאַנצער סך הכל פון קאָנגרעס קען מען פאַרמולירן אין די ווערטער פון „בשופר גדול יתקע וקול דממה דקה ישמע". מען האָט געבאַרעבאַנעוועט און געטרומייטעוועט אויף אַלע הויכע אינסטרומענטן, אָבער לײדער מען האָט אַרויסגעגעבן שוואַכע אומ-באַדייטענדע טענער.

עס איז קלאָר אַז די אידישע עפענטליכקייט טאָר בשום אופן אַזוי ניט לאָזן אַנגיין ווייטער. ווען מען קוקט זיך צו די סטאַטיסטישע ציפערן און דין וחשבון פון באָארד אָוו דעפּיוטים זעט מען אַ זעלטענע ערשיינונג.

אין גאַנצן פאַר די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר האָט דער באָארד געהאַלטן 77 זיצונגען אויף וועלכע נאָר איין פּערזאָן פון עקזעקוטיוו האָט זיך באַטייליגט אין 76 זיצונגען. צוויי האָבן באַזוכט 53, און 51 און דורכגעלאָזן 24 און 26 זיצונגען, דאָס איז אַ דריטל. דאַן גייען זיבן מיטגלידער פון עקזעקוטיוו וועלכע האָבן פאַרפעלט 35, 35, 34, 30, 40, 37 און 40 זיצונגען ד.ה. מער ווי אַ העלפט. דאַן גייט וואָס מען קען אָנרופן די „שלושים בריגאַדע" וואָס האָבן נאָר באַזוכט 30 זיצונגען פון די 77 און פאַרפעלט 47. און אַנדערע האָבן פאַרפעלט 52 זיצונגען. איך רייד ניט פון די וועלכע זיינען ניט געווען אין שטאָדט אָדער וועלכע זיינען ניט געווען געזונט.

דאָס ווייזט דעם גרויסן אינטערעס וועלכער דער עקזעקוטיוו האָט אַרויסגעוויזן צו זיינע התחייבות.

אפריקע איז היינט אפשר דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט וואו עס זיינען ניטאָ אפילו קיין שפּורן פון אַ וועלכע עס איז ניט עפענטליך רעכטליכער אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, אַנשטאַט דעם האָבן מיר אַ סוראָגאַט וואָס פאַרטרעט ניט די מיינונג פון די אידישע מאַסן אין דרום אפריקע. עס לוינט זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער לאַגע און אַ קלער טאָן, צו זאָלן מיר זיצן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און וואַרטן אויף אומבאַ-

שטימטע צייטן, וואָס וועלן אפשר ווען עס איז אונז ברייגגען נייע ווינטן.

צו וואָלט ניט געווען איינע פון די אויפגאבן פון יעדן רעכט־דיינקענדן אידן אויפצוהויבן די פראגע און אָרגאניזירן אין דרום אפריקע א נײַע פון דעמאָקראטישע ־ געוויילטע קהילות וואָס זאָל אָנפירן מיט אלע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע ענינים פון דער אידישער באפעלקערונג.

אפשר ווען די באארד אָוו דעפּיוטים זאָל ווערן רעאָרגאניזירט אויף ווירקליכע דעמאָקראטישע יסודות, אז יעדע אידישע קהלה זאָל דעלעגירן אירע דעלעגאטן נאָך דעם צאָל אידישע איינוואוינער פון די קהילה און עס זאָל פארקומען אלגעמיינע, געהיימע און דירעקטע וואהלן, דאן וועט די באארד אָוו דעפּיוטים באזיצן א געוואלטיגן מאראלישן פרעסטיזש און די דעלעגאטן וועלן אנערקענען די פאראנטוואָרטליכקייט, וואָס די אידישע מאסן האָבן אויף זיי ארויפגעלייגט. דאן וועט דער באארד אָוו דעפּיוטים ווירקליך זיין „א נאציאָנאל ראט" וואָס וועט מיט ענערגיע און ווירדע באטראכטן אונזערע פארשידענע פּראָבלעמען און געבן די געהעריגע געוויינטשטע רעזולטאטן.

איבערלאָזן די לאגע ווי זי יעצט, זיין און בלייבן פּאסיווע צושויער פון גבאישע אליינהערשונג (דיקטאטור) אלט־פריינקישקייט אין אידישן לעבן — וואָלט הייסן באגיין א גרויסן פעלער צו זיך אליין, און נאָך א גרעסערן חטא בנוגע צו די ברייטסטע אידישע מאסן אין דרום אפריקע.

אונזער לאזונג מוז זיין

עת לעשות!

דריי־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

גרונדלאגן פאר אונדזער געזעלשאפטלעכע אָרדענונג

ווען מען קוקט זיך צו, די פארשידענע זייטן אין אונזער געזעלשאפט־ליכן לעבן, באמערקט מען אַ זאנדערבארע ערשיינונג.

מיר האָבן כמעט יעדע זאך וואָס אַ קולטורעלע געזעלשאפט דארף האָבן און דאָך איז אלעם ביי אונז אזוי צופלוינן, צוווארפן, ניט נארמאל, ווי ביי אנדערע פעלקער אונטער אזעלעכע אומשטענדן. מיר האָבן דאָ אין דרום אפריקע גרויסע וויכטיקע רבנים וועלכע קענען זיין אַ שטאָלץ פאר יעדער קהילה. אנדערע באזיצן גרויסע לומדות, מאנכע פון זיי האָבן הויכע אייראָפּייאישע בילדונג, פילע פון זיי זיינען גוטע רעדנער, ערפארענע כלל טוער, ווייסן וואָס מיר דארפן און קענען זיין אַ מזל ברכה פאר אונזער אפריקאנעם אידנטום, דאָך הערשט אזא פירוד הלבבית צווישן זיי אַז איינער קען זיך מיט דעם צווייטן ניט באגעגענען און פרובירן זיך אויסצומיידן ווי ווייט מעגליך.

איך רייד ניט וועגן קייפטאַן אליין. דאָס זעט איר די רבנישע טראנעדיע און אנדערשוואו זעען עס אנדערע, און וואָס איז דער רעזולטאט? אַז זיי פארלירן דעם רעספעקט פון זייערע קאָנגרעגיישאנס און גייען אראָפּ ביס־לעכווייז פון די ארענע פון אונזער געזעלשאפטליכע טעטיקייט.

יעדער פון אייך ווייס, אַז דאָ געפינען זיך אַ גרויסע צאָל אידישע הויך געבילדעטע יונגעלייט וועלכע זיינען פייאיקע, ערפארענע פעדאגאגן, עקספערטן אין זייער פאך און דאָך איז אונזער ערציאונגס פראבלעם זייער אַ אָנגעווייטאָקטע, די אידישע לערער זיינען געצוואונגען צו קוקן אויף זייער פאך ווי אַ לאסט, אַ משא וואָס מען דארף וואָס גיכער דערפון פטור ווערן. ער, דער אידישער לערער, מלמד, רב, וואָס איר זאָלט אים ניט רופן זעט אין זיין בארוף קיין שום תכלית ניט, ער שטרעבט מיט אלעם מעגליכעס זיך דערפון ארויסצורייסן און ניט דארפן אָנקומען צו אזא פרנסה.

פילע פון אייך איז באקאנט אז מיר האָבן א גוטן שטודירענדן יוגנט, וועלכע ארבייט שווער און ביטער איידער ער קען וואָס דערגרייכן, דאָך ווען א אידישע אינסטיטושן דארף האָבן א סעקרעטאר אָדער אַן אנדער אָנגעשטעלטן, בעאמטן, הויבט זיך אָן א סדרה פון צרות, פון זוכעניש און ניט געפינען א פאסענדן פערזאָן פאר דעם צוועק.

ווער רעדט פון כלל טוער, האָבן מיר דאָך ניט קיין דוחק, איר וועט געפינען קיין עין הרע א סך אידן וועלכע ווילן זיך שטופן אין אלערליי קאָמיטעס און עקזעקוטיוועס וואָס א מויל קען ריידן.

א סך פון זיי זיינען אויפריכטיקע, ערליכע, גוטע איבערגעבענע טוער וועלכע ווילן ארבייטן לטובת הכלל מיטן גאנצן האַרצן און ניט קוקנדיק אויף דעם זיינען אונזערע סאָסייטיס א לאסט וועלכע מאטערן אוים די טוער און ברייינגען ווייניק נוצן פאר דעם צוועק צוליב וועלכע זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן. דער זעלבער מעמבער פון קאָמיטע וועלכער איז בטבע א פיינער מענטש, ווערט מגולגל אין א מין חיה ווען ער ווערט א קאָמיטע מיטגליד. און אזוי אויסרעכנדיק קען איך ארייננייין אין אלף השישי.

אלזאָ פרעגט זיך די פראגע וואָס טויג דא ניט? וואו ליגט דער פעלער? אויף די פראגן וויל איך פרובירן געבן אן ענטפער, אויב מיר וועט עס געלינגען וועל איך זיין העכסט צופרידן.

מיר דוכט זיך אז די סבה איז אין דעם, וואָס מיר האָבן ברעקלעך פון אלעס און קיין זאך ניט קיין גאנצעס. וואָס איך מיין איז, אז אונז פעלט פלאנמעסיקייט און אָרגאניזאציאָנס פיאיקייט. שטעלט זיך פאר, ווען אונז זאָל געלינגען אָנצוהויבן פון אלף בית איינאָרדענען אונזער געזעלשאפטליכן לעבן מיט א סיסטעם, וועלן מיר דארפן אָנהויבן דערפון:

1) אז אין יעדן אָרט וואו עס געפינען זיך א מינימום פון פופציק אידישע פאמיליעס זאָלן זיי זיך פארעגעסטרירן אלס א געזעליבע קהילה, יעדער קהילה פון דעם פראָווינץ אזוי ווי די קייפ, טראנסוואל, נאטאל און די פריסטייט זאָלן זיך פאראייניקן אין א פראָווינסאל קערפערשאפט פון דעם אָדער יענעם פראָווינץ.

2) אלע פיר פראָווינצן דארפן האָבן איין צענטראלע פארוואלטונג וועלכער זאָל זיין דער הויפט אָרגאן פון די פאראייניקטע קהילות.

3) יעדער מיטגליד פון די פאריייניקטע קהילות וועלכער האָט דערגרייכט 18 יאָר, מענער אָדער פרויען, דארפן האָבן וואהל־רעכט אויס צו קלייבן אָדער ווערן אויסגעקליבן אין פארוואלטונגס קאָמיטעט פון די קהילה.

4) יעדע דריי יאָר זאָל פארקומען אַ צוזאמענפאָר פון אלע קהילה דעלעגאטן וועלכע זאָל אויסקלייבן פארוואלטונגס מיטגלידער פאר די פיער פראָווינצן און פארן צענטראל קאָמיטעט.

5) דער צענטראל קאָמיטעט זאָל ארויפלייגן אַ גלייכן פראגרעסיוון אָבצאָל פאר אלע מיטגלידער מיט דעם איינשטימונג פון צוזאמענפאר אָדער קאָנגרעס פון די קהילה דעלעגאטן.

6) דער צענטראל קאָמיטעט זאָל גלייך זען צו שאפן אַ ראבינאט, אַ בית־דין פון ניט ווייניקער ווי דריי רבנים און ניט מערער ווי זיבן, וועלכער זאָל ווערן אנערקענט אלס דער העכסטער גייסטיקער אויטאריטעט פון אידן אין דרום אפריקע.

7) דער ראבינאט דארף אָנפירן מיט אלע גייסטיקע, רעליגיעזע און ערציאונגס ענינים פון די קהילה. דער ראבינאט דארף באשטימען די שוחטים, רעווערענדס, רבנים, לערער, מטיפים, פאר די אָדער יענע קהילה, און דער שוחט, לערער, אָדער לערערין דארפן קריגן זייער געהאלט פון די צענטראל פארוואלטונג פון ראבינאט און זיין פערזענליך פאראנטוואָרטליך בלויז צום ראבינאט אליין און ניט זיין אונטערווארפן אונטער דעם איינפלוס פון די אָרטיקע בעלי בתים.

דאָס וועט ברייגנען אז דער מאטעריעלער, אויך דער גייסטיקער צושטאנד פון די לערער זאָל זיין אויף דעם פאסענדן געהעריקן הויך, און די מיטגלידער פון זייערע באטרעפענדע קהילות וועט זיי באטראכטן ניט אלס פריוואטע יחידים אינדיווידואלס, וועלכע דארפן אָנקומען צום חסד, גנאדע פון דעם אָדער יענעם בעל הבית, אָדער קאָמיטע מאָן, נאָר זאנדערן אלס אָנגעשטעלטע פון צענטראל קאָמיטעט פון די פארייניגטע קהילות וועלכע האָבן נאָר איין בעל הבית איבער זיך און דאָס איז דער ראבינאט וועמענס אויפגאבע איז אכטונג צו געבן אז זיינע אָנגעשטעלטע זאָלן ערענהאפטיג און מיט ווירדע ערפילן זייערע פליכטן און יעדער זאָל טאָן זיין ארבייט לויט זיינע קענטעניש און ערפארונג.

8) דער ראבינאט וועט אויך דארפן האָבן אַ ספּעציעלן אָפטיילונג פון סאָציאלע פארזאָרגונג, וועמענס אויפגאבע דארף זיין צו אָרגאניזירן

און אויסהאלטן אלי וואלטעטיקע אנשטאלטן ווי א מושב זקנים, בית יתומים, כשר׳ע קיכן, גמילות חסדים, לינת הצדק, ליי און שפאר קאסעס און אזוי ווייטער און ווייטער.

9) פארשטייט זיך אז דער ועד הקהילות און די צענטראל פאר־וואלטונג וועט מוזן האבן אן עקאנאמישן אפטיילונג, וועמענס פונקציעס וועט זיין צו העלפן געשעפטליך די יעניגע וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. זיי וועלן דארפן זען צו פארשפרייטן און פאפוליזירן לאנדווירטשאפט און זען צו היטן אז עס זאל זיין א גלייך געוויכט צווישן האנדל, פראפעסיעס און פארמעריי.

די אורזאכע וואס מיר האבן ווייניק אידישע פארמערס, איז ניט ווײַלע פארמעריי איז א שווערער לעבן. איך ווייס פון קליינע שאפ־קיפערס, וועלכע האבן פאר די מלחמה געשוויצט און געהארעוועט, געלאפן, געכאפט, געשמאיעט און קוים אויסגעארבייט מיט דחקות א לעבן, ווען די זעלביקע ענערגיע וואלטן אויסגענוצט אויף לאנדווירטשאפט וואלט ער געמאכט דעם גרעסטן ערפאלג.

די סבה פארוואס אידן האפן זיך ניט צו לאנדווירטשאפט איז מערער צוליב דעם, וואס מיר זיינען בטבע, געגנויגט צו לעבן אין קאמפאניע, א איד דארף האבן כשרע פלייש, ער דארף א מאל האבן א מנין, היטן א יאר־צייט, ער גלייכט צו קומען אין קאנטאקט מיט זיינע קרובים, פריינט און באקאנטע. ער קען ניט לעבן פאר זיך אפגעזונדערט פון דער וועלט.

דעריבער איז, אויב מיר ווילן אז אידן זאלן זיך פארנעמען מיט ערד ארבייט דארפן מיר גרינדן קליינע אידישע ישובים פון 30 ביז 50 פאמיליעס, שאפן א אידישן דארף וואו דער אידישער פארמער זאל קענען האבן זיין שוחט, זיין לערער פאר זיינע קינדער, זיין מקום קדוש און זיין בעל תפילה. אזא זאך קען א פריוואטער פארמער ניט ערגרייכן, דאס מוז געמאן ווערן דורך א גרויסע ארגאניזאציע וועלכע זאל קענען טראגן די ערשטע צייט אלע הוצאות ביז זיי ווערן אליין זעלבסטשטענדיק. עס איז ניט שווער צו קריגן אין אנהויב א שטיקל גרונט פון עטליכע טויזנט מארגען און גרינדן א אידישן מוסטער דארף, א מאדעל פון א קבוץ וואו יעדערער זאל האבן די באקוועמליכקייטן פון שטאדטישן לעבן, אבער ער זאל אין די זעלבע צייט זיך ערנערן פון ערד ארבייט.

יעדער מיטגליד פון די קהילה וועט וויסן אז די אָדער יענע סומע געלד וואָס ער גיט אויף די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג גייט ניט נאָר פאַר זיין מושב זקנים אָדער כשר קיך פון זיין שטאָדט נאָר עס ווערט פאַרניצט אויף אַלע ערטער וואו עס איז דאָ א אידישע באַפעלקערונג און די נויטוועגדיקייט פאָדערט אז דער אָדער יענער אנשטאַלט זאָל עקזיסטירן. דאָס וועט שאַפן א גרעסערן פאַרנעם און וועט אויסברייטערן די וועלט־אנשויאונג פון יעדן אידן.

יעדערער כלל טוער וועט ווייסן אז ער איז ניט אמר ב"ר אשי, א דיקטאַטאָר פון זיין טל ומטר סאָסיטי, נאָר א שרייפעלע אין די גרויסע מאַשין פון אידישע געזעלשאַפטליכקייט, דעריבער וועט ער אַרבייטן אַנדערש, מיט מערער מוט, און מערער פאַראַנטוואָרטליכקייט. די שטענדיקע פאַר־בינדונג פון גרויסן צענטער מיט די קלענערע שטעטלעך, וועט העלפן שאַפן א אינטימע פריינדשאַפט א מין חברשאַפט וואו יעדער מיטגליד וועט פילן אז ער טוט און גיט לטובת הכלל.

דערמיט אליין וועט געשאַפט ווערן א אָנהויב פון א אידישע סיוויל סערוויס וואו דער יוגנט וועט ווייסן אז ער האָט אַן אָרט וואו ער קען מאַכן זיין קאַריערע, די אַלע אָפיסעס וועלן דאַרפן האָבן א שטאַף פון פייאיקע טיכטיקע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע.

פיר־און־צוואנציגסטער קאפּיטעל.

וואָס איז נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע?

(בעארבייט און איבערזעצט לויט העברעאישע קוועלן)

דער געדאנק פון אווטאנאמיע נעמט ארום אַ פאלשטענדיקע זעלבסט־פארוואלטונג. ד.ה. די נאציאָנאלע מינדהייט פון די אָדער יענע געגנט האָט די רעכט צו פאָדערן אַז איר מוטער־שפראך זאָל זיין די אנערקענטע שפראך אין אלע רעגירונגס געזעלשאפטליכע און מוניציפּאלישע אנשטאלטן.

די נאציאָנאלע מינדהייט קען אויך פאָדערן, אַז דער „שול וועזן", אָנהויבנדיק פון אַ פאָלקס־שול ביז די העכערע בילדונגס קורסן זאָל זיין צוגעפּאסט צו אירע נאציאָנאלע אינטערעסן אין אלע געזעלשאפטליכע אויך צדקה אנשטאלטן זאָלן זיך צופּאסן צו אירע נאציאָנאלע פאָדערונגען.

דער וואָרט „אווטאנאמיע" איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי גריכעשע ווערטער, „אוטאס", פאר זיך און „נאמאס", געזעץ דאָס הייסט „אַ געזעץ פאר זיך".

דער באגריף פון נאציאָנאלע אווטאנאמיע איז די שטרעבונג פון יעדער פאָלק זיך צו אנטוויקלען קולטורעל לויט זיין אייגענארטיגע טראדיציעס, און ניט ארונטערפאלן אין גאנצן אונטער די השפעה פון זיינע שכנים, פעלקער מיט וועלכע ער לעבט אויף זיין שטח, אויף איין טעריטאָריע. אין איין מדינה. די שטרעבונג פון אייגענארטיקע אנטוויקלונג איז באמערקבאר ביי אונז אידן וועלכע זיינען שוין פון אור־אלטע צייטן געלעבט אלס אַ באזונדערער פאָלק.

די ערשטע פּראבע פון שאפן אַ נאציאָנאלע אווטאנאמיע, איז געמאכט געוואָרן אין גלות בבל. אין יענע צייט, ווען גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק האָבן געמוזט פארלאָזן ארץ ישראל, און זיינען געוואָרן אונטערדריקט פון די כשדים, האָבן דאן די פארטריבענע געוואָלט פאָרזעצן זייערע מנהגים, אין די פרעמדע פיינדליכע סביבה. די פארטריבענע האָבן זיך אָרגאניזירט און לאנדסמאנשאפטן פון איין שטאָט האָבן זיך גרופּירט צוזאמען ווי מיר געפינען אין עזרא ונחמיה („אנשי בית אל", „אנשי בית לחם", אנשי

ענתות) און זא ווייטער, די עלטערע אויסגעוויילטע זיינען געווען די פירער, די לידערס פון זייערע קהילות, ווי דער נביא יחזקאל דערמאַנט. זקני ישראל (קאפיטל יד, כ׳).

די פארטריבענע האָבן ארויסגעגעבן גרויסע פערזענליכקייטן, דעם נביא יחזקאל און צוויי גרויסע פּאָליטישע מנהיגים, זרובבל וישוע בן יוצדק, וועלכע האָבן געהאט דעם גליק צו פירן אַ גרויסן טייל פון די בני הגולה צוריק נאָך ארץ ישראל און בויען די לאנד צוזאמען מיטן פאָלק די אווטאָנאמישע אָרגאניזאציעס זיינען געבליבן און זיך ענטוויקעלט אין בבל אפילו נאָכדעם ווי אַ טייל האָבן זיך אומגעקערט נאָך ארץ ישראל.

איבערהויפט באמערקן מיר אז די השפעה פון די קהילות אין חוץ לארץ איז געווען גרויס, דאָס 100 יאָר שפּעטער האָט בבל ופרס אַרויסגעגעבן צוויי גרויסע גייסטיקע פּאָליטישע פירער ווי עזרא ונחמיה וועלכע האָבן זיך גענומען רעגולירן און באפעסטיקן דעם האלב צופאלענעם אידישן קבוץ אין ארץ ישראל.

זייערע תקנות זיינען געוואָרן אַ מוסטערהאפטער ארכיטעקטור פאַר די קומענדיקע דורות און דאָס זיינען געווען פון די בני הגולה וועלכע זיינען געבאָרן און געלעבט אין גלות.

אין יענע צייט זעען מיר דאָס אין מצרים האָט זיך אויך ענטוויקעלט אַן אווטאנאמישער צענטער, דאָס אידן האָבן זאגאר אין די שטאָט אלפענטינע אויסגעבויט אַ בית המקדש און געהאט אַ כהן גדול.

פון יענע תקופה הויבט זיך אָן אין די אידישע געשיכטע 2 שטרעבונגען ארץ ישראל און חוץ לארץ, אָדער יהודה און גלות.

דער נעץ פון אידישע קבוצים אין גלות, האָט זיך גענומען פארברייטערן ווען די גריכישע מלוכה איז ערשינען אויף די פּאָליטישע ארענע פון אזיע. ווען אלע לענדער און פראווינצן פון אזיע און צפון אפריקע האָבן גענומען ארונטערפאלן אונטער די ממשלה פון די סיליקים דינאסטיע אין סיריע, און די „בית תלמי” דינאסטיע אין מצרים.

דאן זיינען געקומען צוויי נייע אידישע קיבוצים אלעקסאנדריא, מצרים, און אנטאיוכיא אין סיריע און דאָ זעען מיר אין קעגנזאץ צו די אידישע ממשלה פון די כהנים און זקנים אין ארץ ישראל געפינען מיר די זקני הקהלה אַ מין קאנסול אוו עלדערס אין די קבוצים פון גלות..

ווען די חשמנאים האָבן זיך באפרייט פון די גריכעשע הערשאפט איז דער שטח פון גלות ניט געוואָרן קלענער — פארקערט די בני הגולה האָבן

געשטרעבט צו פארברייטערן די פונקציעס פון זייער אווטאנאמיע, דורך די דירעקטע אויפמונטערונג פון יהודה פון איין זייט האָבן די בני הגולה געשיקט געלט „כסף הקדשים" נאָך ירושלים פאַרן בית המקדש, אָבער פון די צווייטע זייט, האָבן די בני הגולה געפירט אַ העפטיקן קאַמף מיט זייערע גריכעשע שכנים, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז די אידישע איינוואוינער זאָלן זיך אונטערוואַרפן נאָך זייער שטאָט פאַרוואַלטונגען און זייערע געריכטן.

ניט אַלעמאָל איז די אידן אָנגעקומען לייכט צו בלייבן זעלבסטשטענדיק אין די גריכעשע שטעט. עס האָט פיל מאָל פּאַסירט, דאָס די גריכעשע שכנים האָבן קאָנפיסקירט די געלדער וואָס מען האָט געקליבן פאַרן בית המקדש, און האָבן זיך אויך אַריינגעמישט אין אידישע ענינים.

הגם דער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן פון ערשטן מאָמענט ווען די רוי־מער האָבן אַריינגעשטעלט זייערע פיס אין ארץ ישראל. דאָך וועט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס אויב איך וועל זאָגן דאָס פאַר דער רוימישער פּאָמפּיאָס, וועלכער האָט גענומען פאַרכאַפּן די אַזיאַטישע פּראָווינצן און אַרויסשטויסן די גריכן, האָבן די „בני הגולה", די אידישע קבוצים פון די גריכעשע קאָלאָ־ניעס גענומען אָטעמען פרייער. אמת די רוימער האָבן אונטערדריקט אידן אין ארץ ישראל, אָבער זיי האָבן אויך ניט געלאָזט הערשן די גריכן און האָבן ביי יעדע געלעגנהייט אויפגעפּאַסט, דאָס די גריכן זאָלן ניט קענען צונעמען די רעכט פון אידן.

דער היסטאָריקער יוסיפוס ברענגט אין קדמוניות דאָקומענטן וועלכע די רוימישע גובערנאַטאָרן און די גריכעשע מוניציפּאַליטעטן פון לידקיה, סאַרדיס, דולאָס ווערן שטרענג פאַרזאָגט, ניט צו שטערן די אידישע איינ־וואוינער אין זייערע אָנגעלעגנהייטן, ניט רופן קיין אידן צום געריכט, ווען עס געפאַלט שבת, אָדער יום טוב און אויך ניט צווינגען זיי צו דינען אין מיליטער און ערלויבן זיי צו לעבן לויט זייערע אייגענע געזעצן און טראַ־דיציעס.

דער אידישער צענטער אין אַלעקסאַנדריע האָט געקענט דינען אַלעס מאָדעל פון אַ אווטאָנאָמיע קהילה צו אַלע גלות לענדער, זיי זיינען געווען די ערשטע וועלכע האָבן זיך גענומען די איניציאַטיוו, איבערזעצן אונזער תורה אויף גריכיש, כדי צו באַווייזן פאַר די ניט אידישע וועלט די הויכקייט פון אונזער מאָראַל און די טיפקייט פון אונזער עטישע לערע. דאָרטן זיינען אידן געווען געדיכט באַזעצט אין צוויי ווירטשאַפטלעכע פאַרשטעט, און אידן האָבן געהאַט אַ ברייטע זעלבסט פאַרוואַלטונג ווי עס גיט איבער „פילאָן האַלעק־

סאנדרוני" דער בארימטער אידישער פילאזאף, זיין ברודער אלעקסאנדער, איז געווען איין צייט ראש הקהילה, און איז אויסגעשטאנען גרויסע צרות פון די גריכן ווען זיי האבן געמאכט פאגראמען אויף אידן אין די צייטן פון קאיוס קאליגולה, אין ערשטן יאר הונדערט איידער די קריסטליכע צייט רעכענונג האבן אידן געהאט זעלבסט פארוואלטונגען אין פארשידענע שטעט אין סיריען און צפון אפריקע.

דער חורבן ירושלים און שפעטער דער חורבן ביתר האט ניט אפגעשאפט די צוויי שטרעמונגען פון ארץ ישראל און חוץ לארץ. דער גייסטיקער צענטער איז נאך אלץ געווען ארץ ישראל אין פארלויף פון כמעט 500 יאר ביז די קריסטלעכע רוים האט אפגעשאפט די „נשיאות" ביי אידן.

אין די עטליכע הונדערט יאר נאך דעם חורבן האבן יבנה, צפורי טבריה אין ארץ ישראל, און נהרדעה מחוזה ופומפידיתא אין סיריען געשמידט די אידישע קייט פון אונזער עקזיסטענץ, דארטן איז געשאפן געווארן די געזעצן דארטן איז געווארן דער לאבאראטאריום, וואו עס איז פאבריצירט געווארן די אידישע אייביקייט, אדער ווי ביאליק רופט אן „נשמת האומה".

מיר דארפן ניט פארגעסן דאס די אויבנדערמאנטע שטעט זיינען ניט געווען איינפאך ישיבות, ווי מיר פארשטייען אין דעם זין א לערע אנשטאלט וואו יונגע, אדער עלטערע מענטשן פארנעמען זיך מיט מוח גימנאסטיק און לעבן נאר מיטן „עבר" מיט די פארגאנגענהייט, זייענדיק ווייט פון די נעגנוואַרט, און פראקטישן לעבן. נאר יענע ישיבות זיינען געווען אידישע פארליאמענטן, געזעץ־געבערישע אנשטאלטן, וואו געלערנטע נאטור פארשער פסיכאלאגן, אקאדעמיקער, געשעפטסלייט, און גרויסע דיינקער, די בעסטע ערהאבענסטע כחות פון אונזער פאלק האבן זיך פארנומען מיט זייער אומשטערבליכע ארבייט, צו שאפן געזעצן ניט נאר פאר זייער דור און אומשטענדן, נאר אויך פאר די קומענדע דורות, געזעצן וועלכע די איצטיקע מאדערנע וועלט איז נאך ניט מסוגל, ריכטיק צו באגרייפן און געהעריק אפשאצן. דער רעזולטאט פון זייער ארבייט געפינען מיר קאנצענטרירט אין די תקנות, גזירות און הלכות פון תלמוד בבלי און ירושלמי, דער גייסטיקער אוצר פון אונזער אומה.

ווי די „נשיאות" איז בטל געווארן אין ארץ ישראל איז דער גייסטיקער צענטער אריבער צו בבל און זיך פארשטארקט אין די צייט פון די אראבישע הערשאפט פון 7־טן יארהונדערט ביז דעם 10־טן יארהונדערט. די „ראשי הגולה" פון בבל האבן גענומען פארטרעטן די „נשיאים" פון ארץ ישראל.

פון בבל האָט דער גייסטיקער צענטער געגומען; וואנדערן אין די אנדערע אראבישע מדינות ווי מצרים, מאראקא, אלזשיר, און א טייל פון שפּאניען, וואו עס האָבן זיך גענומען ענטוויקלען די אווטאנאמישע ממשלה פון די נגידים און גאונים.

אין 10־טן יאָרהונדערט, ווען אידישע קבוצים האָבן זיך גענומען באַווייזן אין אייראָפּע, האָט דער נאציאָנאלער צענטער גענומען זיך אריבערדרוקן פון מזרח נאָך מערב. ביז דעם 10־טן יאָרהונדערט געפינען מיר דאָס די אידישע ישיבים פון איטאליע, אראבישע שפּאניע, פראנקרייך, דייטשלאנד, און זאגאר די חאזארען דאָס זיינען די כוזרים וועלכע האָבן געלעבט צווישן קאספּישן און שווארצן ים. די גובערני אסטראחאן און די איצטיקע קרים זיינען געווען באזעצט פון די כוזרים, די אלע ישיבים האָבן זיך געפונען אונטער די דירעקטע השפעה פון ארץ ישראל. אין יאָר 960 שרייבט דער מלך הכוזרים א בריוו צו חסדאי אבן שפּריט „אנחנו עיננו אל חכמי ישראל הישיבה שבירושלים ואל הישיבה שבבל” אָבער נאָך דעם 10־טן יאָרהונדערט געפינען מיר שוין אז עס וואקסען ארוים אידישע צענטערס אין קארדאווע, גראנאדא, שיביליע, שפּאניען. אין די אידישע קהילות אין מזרח, און אזיע, גייען ביסלעכווייז אונטער און פארלירן זייער וויכטיקייט.

גלייכצייטיק באווייזט זיך אווטאנאמיע קהילות אין דייטשלאנד און מאגענצא, וואו ר׳ גרשם דער מאיר הגולה האָט געלעבט און געווירקט און אין טרויעס, וואו רבינו שלמה יצחקי אָדער ווי באוואוסט מיט זיין ליטעראַרישן נאָמען ר״שי. דאָן באמערקן מיר, אז פון 10־טן יאָרהונדערט ביז די ענדע פון מיטלאלטער ווערט די אידישע נאציאָנאלע השפעה צוטיילט אויף צוויי טיילן. אלע לענדער פון איטאליע, צפון אפריקע, פּאָרטוגאל, געפינען זיך אונטער די שפּאנישע ספרדישע השפעה, און ענגלאנד, פראנקרייך, פּוילן אונטער די דייטשע השפעה.

אין שפּאניען האָבן די אידישע קהילות געהאט פאלשטענדיקע אווטאַנאמיע פון די אראבישע און נאכהער פון די קריסטלעכע רעגירונג. די רבנים און דינים האָבן געהאט די רעכט צו משפּטן אפילו טויט שטראָף. יעדע קהילה איז געווען פארוואלטעט פון עטליכע פּרנסים וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער די איינפלוס פון די רבנים וועלכע זיינען געווען באשטעטיגט פון די רעגירונג.

די קהילה קאָמיטעטן אָדער ועד האָט געהאט די רעכט צו באשטימען תקנות וואָס זיינען געווען א חוב פאר אלע מיטגלידער פון די קהילה. דער

זער האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע חדרים, ישיבות, האָספּיטאַל און צדקה אַנשטאַלטן, און אויך מיט אַלע טאָג טעגליכע פּראָבלעמען.

דער וואָרט תקנה איז אריין אין די שפּאַנישע שפּראַך און איצט ווען די מלוכה ארכיוועו פון שפּאַניען איז אָפן פאַר אַלע געלערנטע, וויזט אויף פּראָפעסאָר ריגני, אַז אין באַרצעלאָנע אַליין געפינט זיך אין מלוכה ארכיוו 3,000 דאָקומענטן וועלכע באַווייזן די באַציאונגען און קאָרעספּאָנדענץ פון די רעגירונג מיט די אידישע קהילה פאַרוואַלטונג איבער פאַרשידענע אַנגעלעגנהייטן פאַר אַ פּעריאָדע פון 1263 ביז 1403 אַן ערך פון 140 יאָר.

אין 1432 וויזט אָן קייזערלינג, צונץ און דובנאוו און גרעץ, איז פאַרגעקומען אַ קאָנגרעס פון אַלע אידישע קהילות אין די שטאָט וואַלידאַלידאַ, וואו עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרן אַ מין קאָנסטיטוציע פאַר אַלע אידישע קהילות אין שפּאַניען. הגם מען האָט שוין דאַן גענומען קוקן קרום אויף אידן און מען האָט שוין געזוכט „הבה נתחכמה לו" דאָך האָט די רעגירונג אין יענע יאָרן ניט געוואָלט אָנרירן זייערע אווטאָנאָמיע רעכטן.

אויך אין רוים וואו אידישער קבוץ איז געווען ענטוויקעלט אין די ערשטע 400 יאָר פון די קריסטליכע צייט רעכענונג זיינען אידן געווען אָרגאַניזירט אין קהילות. מיר געפינען אַז אין 15־טן יאָרהונדערט האָט דער ועד הקהילה פון רוים געהאַט 23 חברים. הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער פּויפּסט ערלויבט צו פאַרגרעסערן דעם צאָל צו 60 חברים.

נאָר דערפאַר אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד גלייך נאָך רבינו גרשום און ר"שי, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די בלוטיקע „מסעי הצלב" און אין גאַנצן 12־טן יאָרהונדערט האָבן זיך גענומען שיטן גזירות אויף די אידישע קעפּ. נאָר דאָס איז געווען אויסערליך, אָבער אינערלעך צווישן זיך, האָבן אידן זיך איינגער פאַרבונדן און מערקווירדיג איז, דאָס די רעגירונג און פאַרשידענע מוניציפּאַליטעטן וועלכע האָבן גערודפ'ט אידן מיט אַלע אומענשליכע אכזריות האָבן ערלויבט דאָך אידן צו האָבן אַ באַגרעניצטע מאָס פון אָרגאַניזאַציעס.

ניט ווילענדיק האָבן די מאַכטהאַבער געמוזט איינזען, אַז עס איז גלייכער פאַר זיי צו האָבן צו טאָן מיט אַן אָרגאַניזירטן קהל, וועמען זיי קענען האַלטן פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע פאַרשידענע נאָגעס, און אָפּצאָלונגען, דען זיך פאַרנעמען מיט יחידים, נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין,

דער פאַקט בלייבט, אַז אין מיטל אַלטער, האָבן אידן געהאַט זעלבסט פאַר־וואַלטונג אין די גהעטאָס פון שפּייערן, וואָרעמס, קעלן, מאַענץ אָרלעאַניש און פּאַריז.

אין יאָר 1160 האָט דער רבינו תם פאַרופן אין פראַנקרייך אַ קאָנ־פערענץ פון רבנים און כלל טוער, וואו זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן אויס־אַרבייטן תקנות ווי צו פאַרשטאַרקן די אידישע זעלבסט פאַרוואַלטונג, אַיין פּראַזע פון רבינו תם גיט אונז אַ קלאָרן פאַרשטעלונג, ווי ווייט מען האָט געוועלט זיך האַלטן די ביסעלע רעכט, וואָס די שונאים האָבן אונז געגעבן, ער זאָגט „נמנו וגמרו, לאסיר על כל יהודי, לילך בערכעות של גוים ולהכריחו שיציית לדין ישראל. ואסיר על כל איש ישראל, לשאת ולתת עם בעלי השלטון הנוצרים, בצרכי הפרט והכלל, בלי ידיעת ראשי הקהל". ד.ה. עס איז איינשטימיג געוואָרן באַשלאָסן דאָס יעדער איד טאָר זיך ניט ווענדן צו ניט אידישע געריכט, און מוז פאָלגן די באַשליסן פון בית דין. אויך איז פאַרבאָטן יעדן אידן סיי אין פּריוואַטע און סיי אין קהלשע ענינים זיך צו ווענדן צו די ניט אידישע אַדמיניסטראַציע אָנע די ערלויבעניש פון דער ראשי הקהילה.

ענדע מיטל אַלטער, ימי הבניים, ווען די אידישע צענטערס אין מערב אייראָפּע זיינען חרוב געוואָרן ,נאָכן גרוש צרפת גרוש ספרד, די רדיפת אין דייטשלאַנד, האָט זיך גענומען אַרויסרוקן דער פּוילישער אידנטום און געוואָרן אַ נייער פאַקטאָר אין אידישן לעבן.

דער דאַמאָלסדיקער פּאָליטישער מצב פון פּוילן און ליטע איז געווען נינסטיג, אַז אידן זאָל האָבן פאָלשטענדיקע אויטאָנאָמיע געזיכערט דורך די רעגירונג.

דער אידישער קהל, אין פּוילן און ליטע איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ גרויסער פּאָליטישער כוח און זינט עס איז בטל געוואָרן די נשיאות אין ארץ ישראל און דער אינסטיטוט פון ראשי הגולה אין בבל, איז דעם ערשטן מאָל אין אידישע געשיכטע, אַז אידן זאָלן האָבן אַ צענטראַלע מאַכט אין דעם פאָרם פון „ועד ארבע הארצות", וועלכער האָט פונקציאָנירט בייגאַהע 200 יאָר פון ענדע 16־טן יאָרהונדערט ביז דעם ענד פון 18־טן יאָרהונדערט.

דער „ועד ארבע הארצות" האָט קאָנטראָלירט אַלע ענינים פון די אידי־שע קהילות אין פּוילן און ליטע, און האָט געזען צו פאַרשטאַרקן אידישקייט אין אַלע פאָרמען. די היסטאָריקער דיינקען, דאָס נאָר דער ועד האָט געקענט דורכטראָגן די אידישע מאַסעס און זיי אָפּהיטן פון שמד אין די שרעקליכע

רדיפות וועלכע האָבן געבראַכט צו די אונטערגאַנג פון די פּוילישע מלוכה אַז זי זאָל צוטיילט ווערן צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד.

וואָס אידן זיינען אויסגעשטאַנען פון די קאַטוילישע רעאַקציע

אין אייראָפּע ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט ווען עס האָבן גענומען בלאָזן פרישע פרייהייט ווינטן, אָנהויבענדיק פון די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ גאַנצער איבערקערעניש אין די אידעאָלאָגיע פון די גהעטאָ.

ביז איצט האָט יעדער איד אַלס אַ בירגער אין זיין קהילה זיך באַטראַכט אַלס אַ פרעמדער אין די מדינה, אָבער איצט, אַז זיי האָבן גענומען פאָדערן בירגער רעכט האָבן פילע געדיינקט, אַז מען מוז אָפּגעבן די אינערלעכע אויטאָנאָמיע וויילע, זיי האָבן געדיינקט, דאָס זייענדיק אַ בירגער גלייך מיט אַלעמען, איז ניט נויטיק צו האָבן אַ געזעלשאַפטליכע פאַרוואַלטונג.

ווען די ערשטע פראַנצויזישע גרינדונג פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָבן די דעלעגאַטן פון פּאַריזער קהילה געמאָלדן דאָס איצט זאָגן זיי זיך אָפּ, פון זייערע זעלבסט פאַרוואַלטונג, און די אידישע סנהדרין וועלכע נאַפּאָליאָן דער 1־טער האָט צוזאַמענגערופן אין יאָר 7—1806 האָבן באַשלאָסן דאָס פון איצט אָן, זיינען אידן ניט מער קיין נאַציאָן, זיי זיינען אַ טייל פון פראַנצויזישן פאָלק.

די רעזאָלוציע פון „סנהדרין" האָט אַ ביסל שפּעטער געגעבן די מעג־ליכקייט די דייטשע אידן זיך אָפּשאָקלען פון זייערע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. און האָבן געמאָלדן דאָס אידן זיינען ניט קיין פאָלק נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע, מיט אַנדערע ווערטער דייטשן פון משה רבינו'ס גלויבן.

אין זייערע פיסטריט זיינען נאָכגעלאָפן אונזערע משכילים אין רוסלאַנד און פּוילן, און האָבן איינשטימיג געוועזן דערפאַר דאָס דער אידישער קהל זאָל ווערן אָפּגעשאַפט.

נאָר די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אויף די אידישע גאַס, האָט זיך געשטעלט אַנדערש די פראַגע, צו איז דען דאָ אין אמתן אַ געגן־זאַץ צווישן בירגער רעכט און נאַציאָנאַלע רעכט?

דער ענטפער איז געווען קלאָר, דאָס עס איז ניט קיין געגנזאַץ, פאַרקערט איינע מאַכט פולקום די אַנדערע ד.ה. עס איז דאָ אַ פּערזענליכע פרייהייט און עס איז דאָ אַ נאַציאָנאַלע פרייהייט. אַ מענטש מעג האָבן אַלע גלייכע רעכטן מיט אַלע זיינע שכנים, און דאָך איז ער ניט פריי, פאָלשטענדיג,

אויב ער קען ניט ענטוויקלען זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, זיין אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, זיינע אייגענע יום טובים, זיין פאָלקלאָר, און די וועלט איז געקומען צום באַשלוס נאָך די גרויסע וועלט מלחמה, אַז אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וועלכע לעבט מיט אַן אַנדער נאַציאָנאַלע מערהייט דאַרף האָבן גלייכע בירגערליכע רעכטן אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, אָבער גלייכצייטיק מוז די נאַציאָנאַלע מינדהייט האָבן די געלעגנהייט צו ענטוויקלען איר אייגענע קולטור, שפּראַך, שול, מנהגים און טראַדיציעס.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן דאָס עסטרייך איז געווען די ערשטע וואו דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע האָט גענומען באַקומען ממשדיגע פאָרמען אין אונזער צייט.

ווי אייך איז באַקאַנט איז דער פּאָליטישער און געאָגראַפישער צוזאַמענשטעל פון עסטרייך געווען אַזוי, אַז זי איז געווען צוזאַמענגעשטוקעוועט פון עטליכע נאַציאָנען. רוטינער, פּאָליאַקן, דייטשן, מאַדיאַרען, סערבען, בולגאַרן, אַלבאַנער, טשעכן, יעדער נאַציע האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די מלוכה באַרוואַלטונג און שטאַט פאַרוואַלטונג פאַר זיך, אַלזאָ האָט מען שוין אין יאָר 1899 פּראָיעקטירט וועגן שאַפן אַ מין פעדעראַציע פון אַלע פעלקער, וועלכע יעדע זאָל זיך פאַרוואַלטן אויטאָנאָמיש אַליין, נאָר, די וואַלוטע, מיליטער, אייזנבאַן, פּאָצט און טעלעגראַף, זאָל זיין אַלגעמיינע, אָבער די וועלט מלחמה און רעוואָלוציע האָט געבראַכט דאָס די פעלקער זיינען אוועק אַ ביסל ווייטער, און זיינען געוואָרן זעלבסט שטענדיק אינגאַנצן. אין רוסלאַנד ווידער, האָבן צום ערשטן די סאָציאַליסטן, און אויך די ציוניסטן, ניט געווען שטאַרק איבערגעבן פאַר דעם געדאַנק פון נאַצאָנאַלע אווטאַנאַמיע די ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן געדיינקט, דאָס דער אידישער נאַציאָנאַליזם קען שאַדטן די קלאַסן באַוואוסטזיין פון אידישן אַרבייטער און די דאַמאָלסדיגע ציוניסטן האָבן זיך געהאַלטן ביי לאָזונג פון „שלילת הגלות", אַז די גאַנצע אַרבייט דאַרף נאָר זיין פאַר ארץ ישראל און דאָ זיינען מיר אָפּן וועג.

די ניט-געלונגענע רעוואָלוציע אין 1905 האָט אַ ביסל אויפגערודערט און אויפגעוועקט די נאַציאָנאַלע געפילן ביי די פאַרשידענע פעלקער פון רוסלאַנד און דער רעזולטאַט איז געווען דאָס דער בונד האָט אריינגעשטעלט אין זיין פּראָגראַם אַ פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע קולטורעלע אווטאָנאַמיע און די ציוניסטן האָבן אין אַ יאָר שפּעטער אַזי 1906 אָנגענומען אַ רעזאָלוציע

אין העלזינגפארס וועגן ניט נאָר אַ קולטורעלע נאָר אויך אַ פּאָליטישע אווטאָנאָמיע. עלף יאָר שפּעטער, ווען די גרינדונגס פאַרזאַמלונג האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען האָבן אַלע אידישע פּאַרטייען געפאָדערט איינשטימיג אַ פולשטענדיקע אווטאָנאָמיע.

אוקראַינע איז געווען די ערשטע מדינה, וועלכע האָט געפּרובירט געבן אידן, אַ פולשטענדיקע אווטאָנאָמיע. דעם 1־טן יולי 1917 איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער סעקרעטאַריאַט. דעם 1־טן אָקטאָבער האָט די „ראַדאַ" ראַטיפיצירט די תקנות פון אידישע קהילות און דעם 9־טן יאַנואַר 1918, האָט דער מיניסטאַרן קאַבינעט באַשטימט, אַז די וואַלן צום אידישן פאַר־לאַמענט זאָל פאָרקומען אין אַפּריל 1918. דריי מאָנאַטן שפּעטער זיינען די דייטשע מיליטער אריין אין אוקראַינע און דער אַטאַמען סקאָראָפּאַדסקי האָט אין זיין באַפעל צוריק גערופן די געזעץ פון אידישע אווטאָנאָמיע, נאָר פונדעסטוועגן האָט דער אידישער סעקרעטאַריאַט פונקציאָנירט און זאַגאַר דער קאַבינעט האָט באַשטימט אַ אידישן מיניסטאַר פאַר אידישע ענינים, נאָר ווי די סאָוועטן זיינען אריין אין אוקראַינע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פון פּעטלורע מיט זיינע באַנדעס, וועלכע האָבן געבראַכט די שרעקליכע, שווידערלעכע, בלוטיקע פּאָגראָמען, איז די אידישע אווטאָ־נאָמיע בטל געוואָרן און עס איז געוואָרן חורבן אוקראַינע.

אין ליטע האָט די אידישע אווטאָנאָמיע געהאַט פאַר אַ ווײַלע מער מזל. ווען ליטע האָט געקראָגן איר מלוכה פון פעלקער בונד, האָט זי זיך אונטער־גומען דורכצופירן אַ נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע פאַר אידן.

אין ליטע האָבן זיי ניט אָנגעפאַנגען פון אויבן ווי אין אוקראַינע, מיטן עפענען אַ אידישן סעקרעטאַריאַט, נאָר זיי האָבן גענומען בויען פון אונטן. זיי האָבן צוערשט געזען צו וויילן דעמאָקראַטישע קהילות און נאָכהער האָבן זיי צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון די דעלעגאַטן פון די קהילות, און די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ נאַציאָנאַל ראַט.

דער מלוכה אָרגאַן „ליטיוואַס זינאַס" גומער 174—14 מעלדעט, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעל אידישער מיניסטער, פאַר אידישער ענינים און איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון מיניסטאָרן קאַבינעט.

דער „נאַציאָנאַל ראַט" האָט געהאַט די רעכט צו באַשטייערן די אידישע באַפעלקערונג אויף אַלע הצטרכות, יעדער נאַציאָנאַל ראַט איז געווען אויס־געקליבן נאָר אויף אַ יאָר און ער האָט קאָנטראָלירט דעם גאַנצן שול וועזן און אַלע צדקה אנשטאַלטן, האָספּיטאַלער, פאָלקס ביינק און א.ז.וו.

אזוי האָט זיך געצויגן ביז 1924. אין יוני 1924 האָט זיך געבילדעט אַ נייער קאַבינעט און דעם מאָל איז דער אידישער מיניסטער ניט געווען אין קאַבינעט. דעם 17־טן דעצעמבער 1924 האָט דער ליטווישער „סיים" באַשלאָסן פונאַנדערצולאָזן דעם נאַציאָנאַל ראַט און די קאָמיטעטן פון די קהילות. און דעם 10־טן מאַרטש 1925 האָט די מלוכה שוין אינגאַנצן בטל געמאַכט די אידישע אווטאָנאָמיע.

אַ זכר לחורבן, איז נאָר געבליבן דער גרויסער פּאַרצווייגטער נעץ פון אידישע גימנאַזיעס, אין פאָלקס שולן וועלכע די רעגירונג האָט ניט געצעפּעט, אָבער די קהילות האָבן אויף זיי קיין איינפלוס ניט, זיי געהערן דעם מיניס־טעריום פון פאָלקס בילדונג און ער רעכנט זיך זייער ווייניק מיט די אידישע דעמאָקראַטישע עפענטליכקייט.

אויך לעטלאַנד, אָדער אמאָליקע קורלאַנד האָט פּרינציפּעל אַנערקענט אידישע אווטאָנאָמיע פאַר קולטורעלע צוועקן, אָבער די צדקה אַנשטאַלטן, קרעדיט געזעלשאַפטן און קראַנקען קאַסעס האָבן מיט די אווטאָנאָמיע ניט צו טאָן.

נאָר די איינציקע מדינה וועלכע האָט ווירקלעך דורכגעפירט נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע איז עסטלאַנד. דאָרטן האָט די רעגירונג באַשטימט אַז אויב אַ גרופּע מענטשן, ניט ווייניקער ווי דריי טויזנט, פאָדערן דאָס די אונטער־ריכטס שפּראַך אין די שולן זאָל זיין די מוטער שפּראַך, מוז די רעגירונג, זיי באַפרידיקן, און זיי מעגן האָבן זייער אייגענע שפּיטעלער און אַנדערע אַנשטאַלטן, וועלכע די מלוכה סובסידירט נאָך די פּראָפּאָרציע פון די שטייערן, וואָס זי קריגט איין, נאָך די פּראָפּאָרציע פון איר בודזשעט מעג־ליכקייטן, און אַבוואָל אידן זיינען דאָרטן דאָ קנאַפּע פיר טויזנט נפשות, האָבן זיי דאָך באַוויזן צו שאַפן מוסטערהאַפטע געזעלשאַפטלעכע און קול־טורעלע אַנשטאַלטן, וועלכע מעג דינען אלס מאָדעל פאַר גרעסערע קבוצים.

פּוילן האָט אפילו אַ פּונקט אין איר קאָנסטיטוציע וועלכע זאָגט דאָס נאַציאָנאַלע מינדהייטן דאַרפן האָבן פאָלשטענדיקע אווטאָנאָמיע, נאָר דער פּונקט 109 איז נאָר געבליבן אויף פּאַפּיר. און מיט פרייד מוז באַצייכנט ווערן דאָס דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע האָט באַקומען איר תיקון אין ארץ ישראל, ווען די כנסת ישראל קאָנסטיטוציע איז פאַרעפענט־ליכט געוואָרן אין 1928, וואָס אירע תקנות זיינען אַלע אין גרונט גענומען די אמת'ע פּרינציפּן פון אַ אידישע נאַציאָנאַלע זעלבסט פאַרוואַלטונג.

פינף-און-צוואנציגסטער קאפיטעל.

די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון מלאכה ביי אידן

(באארבעט און איבערזעצט פון העברעאישע קוועלן לויט א.א. א.וו.ס. א.א. י.א.ג. און פילע אנדערע)

ארײנפיר!

מיר אידן ווערן באשולדיקט איבעראל און זאגאר מאנכע פון אונז אליין ווארפן זיך פאר, דאָס מיר זיינען ניט גענוג פּראָדוקטיוו. מיר האסן פיזישע ארבעט און מיר שעמען זיך דערמיט. מיר זיינען לופט־מענטשן, וועלכע גלייכן צו זוכן בלויז לייכטע באשעפטונגען און גרינגע פארדינסטן.

ווער פון אייך געדיינקט נאָך די נארישע, פּוסטע בארימערייי פון אונד־זערע באָבעס אַז ביי זיי אין משפחה איז ג׳ צו דאנקען ניטאָ קיין „בעל מלאכה״.

דיזע באהויפּטונגען זיינען ניט ריכטיק, פאלש און גרונטלאָז! מלאכה פארנעמט און האָט אלעמאָל פארנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין אידישן לעבן אין אלע צייטן פון אונדזער געשיכטע, ביז קאטאסטראפעלע אומשטענדן האָבן געבראכט דערצו, אַז מיר זיינען געוועזן געצוואונגען אָפּצוגעבן זיכערע פּרנסות און נעמען זיך צו די באשעפטיקן וועלכע מען האָט אונז ערלויבט. איר וועט פארשטיין דאָס אין אַ קורצן ארטיקל איז ניט מעגלעך פאר מיר צו געבן אַ גענויען באריכט פון די גאנצע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון אונדזער פאָלק פאר די לעצטע 3000 יאָר, דערצו דארף מען שרייבן גרויסע, דיקע ביכער. איך וועל זיך נאָך פארגינען צו געבן אַ דייטלעכן איבערבליק ווי מלאכה האָט זיך ענטוויקעלט. די ראלע וואָס מלאכה האָט געהאט אין אונדזער לעבן, די באציאונג און שטעלונג פון אונזערע גרויסע דיינקער, צו פיזישע ארבייט, און די אומשטענדן וועלכע האָבן געבראכט אַז אונדזערע בלוטיקע שונאים זאָלן קענען אוועקנעמען פון אונדז די קוואלן פון פּרנסה.

דער באַגריף פון וואָרט בעל מלאכה!

דער ריכטיקער, דייטלעכער באַגריף פון וואָרט „בעל מלאכה" מיינט — אַ פּערזאָן וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אין זיין פאַך. ער לערנט זיך אויס גרינדלעך זיין טאַלאַנט און געברויכט געוויסע געציַיג, אינסטרומענטן צו זיין אַרבעט.

פּאַרצייטן האָבן זיך די בעלי מלאכות גענומען צו אַזעלכע אַרבעט וואָס ניט נאָר מען דאַרף זיי גרינדלעך פּאַרשטיין און זיין דערצו צוגעוויינט, נאָר מען דאַרף אויך באַזיצן גרויסע פעאיקייטן פון קונסט, גענויקייט און שכל.

אויך בצלאל, דער וואָס האָט געמאַכט דעם משכן זאָגט דער חומש „וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת".

וועגן די איבעריקע אַרבעטער, וועלכע האָבן גענומען אַן אַנטייל אין בויען דעם משכן דערציילט אונדז די תורה „ויעשו כל חכם לב בעשי המלאכה את המשכן". אין די תקופה פון חומש און אַ ביסעלע שפּעטער אין די אידישע דערפער אין ארץ ישראל איז די מערסטע אַרבעט געטאָן געוואָרן דורך יעדן הויז באַזיצער מיט זיין הויזגעזינד. זיי אַליין האָבן צומאַלן דעם קאָרן און געבאַקן זייערע ברויט, געשפּונען און געוועבט זייער פלאַקס און וואָל, זיי האָבן אַליין גענייט זייערע קליידער, געמאַכט לייליכער, דעקעס און פאָרהאַנגען.

מאַנכעס מאָל פלעגן אַנדערע נאָך באַוויזן צו פאַרקויפן זייערע האַנט־אַרבעט ווי שלמה המלך שילדערט די אידעאַלישע אידישע פרוי אין „משלי" „סדין עשתה ותמכור וחגיר נתנה לכנעני" ד.ה. זי האָט אויסגעמאַכט אַ ליילעך און האָט עס פאַרקויפט און דעם גאַרטעל האָט זי דערלאַנגט דעם סוחר..

מיר געפינען אין תנך דאָס פילע האָבן געקענט בויען הייזער פאַר זיך אַליין, עס דערציילט זיך דאָרטן ווי די בני הנביאים האָבן געזאָגט צו אלישע „אונז איז דאָ איינג, לאָמיר גיין צום ירדן וואו יעדער פון אונדז וועט אויסשניידן אַ באַלקען פון וואַלד און מיר וועלן זיך מאַכן אַ פּלאַץ צום וואוינען".

די צוטיילונג פון אַרבעט!

מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן דאָס די ערשטע צוטיילונג פון אַרבעט, ד.ה. דער אויסבילדן פון פאַרשידענע פאַכן איז געווען אייזן, קופּער און טעפּ פאַבריקאַציע. אין אַלגעמיין איז דער כלל אָנגענומען, אַז די ענטוויקלונג

פון האנדווערקער ווענדט זיך אָן די טעכנישע און עקאָנאָמישע פּראָגרעס פון די גאנצע מדינה. ד.ה. אויב די געצייג און אינסטרומענטן ווערן אויסגעבעסערט, קען דער בעל מלאכה מערער שאפן, מערער פּראָדוצירן און דערצו פארשענערן זיין פּראָדוקציאָן. איבערהויפּט איז וויכטיק די ארבעט צוטיילונג, דער ספּעציאַליזירן זיך אין פאַך־לייט, דאָס יעדער זאָל קענען גרינדלעך ערלערנען זיין ארבעט און זיך אָפּגעבן מיט איין זאָרט ארבעט, אין וועלכעס ער קען ווערן גענִיט און האָבן ערפאָלג.

דעריבער איז כל זמן דער אידישער ישוב איז באשטאנען מייסטנס פון קליינע לאנדווירטן, פארמערס, האָט זיך ניט געקענט אנטוויקלען קיין ארבעט צוטיילונג ווייל נאָר אַ גרויסער שטעדטישער קבוץ וואו עס לעבן אַ סך מענטשן צוזאמען, גיט די מעגליכקייט דאָס פארשידענע האנדווערקער זאָלן קענען אין גאנצן אָפּגעבן זיך מיט זייער פאַך און האָבן גענוג חיונה. דערפאר איז פארשטענדליך דער עפּיזאָד אין תנך וואו עס ווערט דערציילט דאָס ווען דוד המלך האָט פּראָיעקטירט זיך צו בויען אַ פּאַלאַץ האָט ער געמוזט אימפּאָרטירן בעלי מלאכות פון צור „וישלח חירם מלך צור מלאכים אל דוד, ועצי ארזים וחרשי אבן־קיר, ויבנו בית לדוד". אויך שלמה המלך האָט צום בויען דעם בית המקדש און זיין אייגענעם פּאַלאַץ געדארפט ארויסברייגען אַן ארכיטעקט אָדער ווי דער „דברי הימים" רופט אָן „איש חכם מצור".

גלייך פון שלמה המלך'ס צייטן, האָט זיך דער אידישער פאָלקס־ווירטשאפט גענומען אנטוויקלען. די פּאָליטישע לאגע פון שלמה'ס מלוכה איז געווען זייער אַ גינסטיקע, אלע שבטים זיינען געווען פאראייניקט אין איין מלכות־ישראל און האָבן געהאט שטילע פרידלעכע רואיקע יאָרן. דער אימפּעט דערצו איז געווען דער בויען פון בית המקדש. אַזאַ גראנדיעזע גרויסארטיקע ריזיקע געביידע און אויך זיינע טויזנטער פּאַלאַצן פאר זיינע פרויען, פארשטייט זיך דאָס די רייכערע טיילן פון די אידישע באפעלקערונג און אויך די הויכע מלוכה באאמטע האָבן נאָכגעטאָן שלמה'ן און האָבן אויך גענומען בויען גרויסע שיינע הייזער, לויט ווי יעדערער האָט געקענט אָדער אפשר מערער ווי ער האָט געקענט, ווי עס פירט זיך ביי אונדז אידן און אזוי איז דאן געוואָרן דער ערשטער אזוי־גערופענער „בילדינג בום" אין ארץ ישראל.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ „דעמאנד" אַ נאָכפראגע פאר פארשידענע בוי ארבעטער און מיר זעען שוין דאָס הונדערט יאָר שפּעטער, אין די צייטן פון יהואש מלך יהודה האָבן מיר שוין „חרשי עץ" בונים, גודרים וחוצבי

אבן העושים מלאכת בית ה׳ ד.ה. קארפענטערס, בויער, שטיין־העקער וועלכע באשעפטיקן זיך מיט די ארבעט פון די געטליכע הויז, דער בית המקדש.

א ביסל נאך שפעטער, אין די צייטן פון יכנהו מלך יהודה באשרייבט אונז דער תנך אז נביכדנצר מלך בבל האט דערפארטירט פון ירושלים „את החרש, המסגר אלף איש" ד.ה. אינזשינירס, מעכאניקער, טויזנט מאן.

די געצייג אין די הויפט מלאכות!

די הויפט מלאכות וועלכע ווערן דערמאנט אין די תורה איז—קופער און אייזן שמידעריי.

די געצייג פאר לאנד ארבעט און אויך די געווער צו פירן מלחמה האבן פאבריצירט די קופער און אייזן שמידן.

ווען די פלישתים האבן אונטערדריקט אידן האבן זיי אויך פארשיקט אלע שמידן פון ארץ ישראל און די אידן זיינען געווען געצוואונגען צו גיין צו די פלישתים „ללטוש את מחרשתו ואת אתו ואת קרדומו, ד.ה. צו שלייפן זיין אקער אייזן, זיין שניידמעסער און זיין האק!

די געצייג וועלכע ווערט דערמאנט אין תנך זיינען דער האמער, דער צוואנג, דער פייער־בלאזער און דער צירקעל אויך דער קילען און קאלך־אויוועז. מיר געפינען אויך דאס אין די צייטן פון חומש איז שוין געווען ענטוויקעלט די קונסט פון גראווירן. יעדער חשובער מענטש האט זיך געהאט זיין שטעמפל, ווי די מעשה יהודה אין תמר. פילעס מאל ווערט אויך דערמאנט אין תנך דער טעפ־מאכער נאר וועבעריי און שטיקעריי ווערט שוין דערמאנט אין חומש ביי די ארבעט פון משכן. ווי עס ווייזט אוים איז די ארבעט פון וועבעריי און אויסהעפטער געווען נאר פאר די רייכע און געציילטע אריסטאקראטיע, די מלכים, מיט זייערע סוויטעס, די כהנים, די הויכע באאמטע, וועלכע האבן געטראגן גרויסארטיקע אוניפארמס, ווי דער „נביא יחזקאל" זאגט „ואלבישך רקמה, ומלבושך שש, ומשי ורקמה" אבער דער המון, די מאסן, זיינען געגאנגען איינפאך אנגעטאן.

אין די קעניגלעכע פאלאצן איז דער קאכן און באקן פארוואנדעלט געווארן אין א ספעציאלן פאך, ווי שמואל הנביא, וועלנדיק אפריידן אידן פון גרינדן א מאנארכי האט ער זיי פארויס געזאגט וואס דער מלך וועט טאן „ואת בנותיכם יקח לרקחות, לטבחות, ולאופות", אייערע טעכטער וועט דער קעניג מאכן פאר בעקערינס און קעכינס, זאגאר די טיטולען „שר

הטבחים, שר האופים, שר המשקים" באוויזן אז די דערמאָנטע ארבעט איז געווען א פאך.

דער אָנהויב פון אָרגאניזירן זיך אין פּראפעסיאנעלע פאריינען!

הגם, לויט ווי דער פסוק זאָגט אויף בצלאל „ולהורות נתן בלבו", הייסט עס אז די קינסטלער האָבן געלערנט אנדערע זייער פאך פונדעסטוועגן, איז גאָר קיין ספק ניטא, דאָס די מערהייט פון די בעלי מלאכות האָבן געלערנט זייער פאך נאָר צו זייערע אייגענע קינדער, ווײַלע מיר געפינען דאָס פילע פאך־לייטע האלטן זיך אז זיי זיינען פון איין פאמיליע, אין „נחמיה" זעען מיר „משפחת הסופרים, הצירפים, הרוכלים והרקחים", וואָס דארפן מיר מער, אין חומש „בראשית" ווערט אָנגעוויזן דאָס אלע אייזן און קופּער שמידן שטאמען פון בני תובל קין, און אלע מוזיק ארטיסטן קומען ארויס פון בני יובל.

אין ירושלים האָט יעדער פאך געהאט א באזונדערע גאס אָדער פאר־שטאט, ווי למשל, „חוץ האופים", „שער הדגים", „שדי כובס", „גיא חרשים" יוסיפוס דערמאָנט אויך „שוק הצמר", „רחוב האופים" און „שיק הבגדים". מערסטן טייל האָבן די בעלי מלאכות נאָר געארבעט אויף באשטעלונג. יעדער איינער וועלכער האָט געוואָלט וואָס ניט איז מאכן, האָט באזאָרגט די מאטע־ריאל און עס געגעבן דעם האנדווערקער צו מאכן, ווי מיר זעען אין „שופטים" ביי מיכה, אז ער האָט געגעבן דעם מעטאל־גיסער 200 שטיקער זילבער, כדי ער זאָל אים מאכן פסל ומסכה.

נאָך דייטליכער שילדערט אונדז ישעיהו הנביא „עץ לא ירקב יבחר, חרש חכם יבקש לו", ד.ה. ער זוכט זיך אוים א האָלץ וואָס ווערט ניט גיך פארפוילט און זעט עס צו געבן א גוטן קינסטלער.

מעגליך, אז דער בעל מלאכה פלעגט טאָן זיין ארבעט אין דעם באשטע־לערם היים.

נאָר די טעפּ־מאכער האָבן שוין געארבעט פאר זיך און האָבן געהאט אייגענע איינגעשטעלטע מאסטערקאיען מיט אלע נויטיקע מכשירים, ווי עס שטייט געשריבן דאָס ירמיהו הנביא איז געגאנגען צוקוקן „לבית היוצר" זען ווי ער ארבעט. פון די ארבעטס־געבער זיינען געווען פריוואטע פערזאָנען און אויך געזעלשאפטלעכע קערפערשאפטן, דער בית המקדש האָט געהאט א שטענדיקע צאָל בעלי מלאכות און האָבן גענומען געהאלט פון „קופת הצבור", אויך די ארבעט פארן מלך דער פארפעסטיקן פון די קרעפאסטן,

דער פּראָדוצירן פון געווער פאר מלחמה צוועקן האָט געפאָדערט ספּעציעלע פערזאָנען וועלכע זאָלן זיך דערמיט אָפּגעבן, ווי עס ווערט דערמאָנט אין „דברי הימים", „המה היוצרים יושבי נטעים וגדרה, עם המלך במלאכתו ישבו שם".

ווי האָבן זיך באַציוגן צו מלאכה און צו בעלי מלאכות אונזערע גרויסע געלערנטע!

אין תלמוד און אין די גאַנצע ליטעראַטור פון די תנאים און אמוראים באַמערקן מיר, דאָס מלאכה איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט און פּאָפּולער ביי די אידן אין ארץ ישראל, בבל און אַנדערע לענדער פון גלות דאָס עס האָט זיך אָפּגערופן און אָפּגעשפּיגעלט אין די „הלכה" און „אגדה".

עס וועט זיין גענוג אָנצוציכענען „ר' יהודה אומר, חיב אדם ללמוד את בנו אימנות, ומי שאינו מלמדו אומנית מלמדו ליסטות". מערסטן טייל איז געווען דאָס די, אָדער יענע פאַרם פון מלאכה איז אַריבערגעגאַנגען פון פאָטער צום זון, און עס איז געוואָרן אַ משפּחה טראַדיציע, ווי דער „מכילתא" זאָגט „תפסו להם אומנית אבותם".

שוין אין די צייטן פון תלמוד זיינען געווען טרייד־יוניאַנס, חברות פון בעלי מלאכות, וועלכע האָבן באַזאָרגט זייערע מיטגלידער מיט אַלעס וואָס זיי דאַרפן, אָדער האָבן געהאָלפן זיי זיך איינאָרדנען אויב זיי האָבן געמוזט עמיגרירן פון איין שטאָדט צו אַ צווייטע. דעם פאַקט דערמאָנט אונדז דער מאמר חז"ל וואו זיי לויבן אויס די שטאָדט אַלעקסאַנדריע אין מצרים און דערציילן אונדז אַז דאָרטן אין אַלעקסאַנדריע איז געווען דער האַנדלס צענטער איינגעשטעלט אַזוי „שלא היו יושבים מעירבבים, אלא יושבים כל אומנות ואומנות בפני עצמה, שאם יביא אכסנאי יהי מודבק בבני אימנתו ומשם פרנסתו יצאה".

עס ווערט אויך דערמאָנט דער טערמין „ראשי האומנות" די לידערס פון די האַנדווערקערס.

ווי האָבן אונדזערע חכמים זיך באַציוגן צו שטרייקברעכער

פאַרשטייט זיך ווען אַ געוויסע טרייד אָדער פּראָפעסיע האָט געהאַט צופיל בעל מלאכות פון דעם אָדער יענעם פאַך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנ־קורענץ און אויך סכסוכים, דאָס צייטענווייז האָט עס געבראַכט צו קנאה

און שנאה. ווי דער „מדרש תנחומא" דערמאָנט אין בראשית „כל אימן שונא בני אומנתו" איין פאַך־מאַן גלייכט ניט קיין אנדערע פאַך־לייט און דער תלמוד האָט באטראכט אלס פארברעכער דעם פערזאָן וועלכער גייט שאָדן טאָן דעם צווייטנס חיונה. עס רעדט זיך וועגן „היורד לאומנית חברו".

ווער עס איז באקאנט מיט די מאָדערנע באוועגונג פון די טרייד יוניאַנס פּראָפעסיאָנעלע פאריינען ווייסן דאָס יעדער מאָל ווען דער ארבעטער וויל אויסבעסערן זיין לאגע למשל, פאָדערן העכערע שכירות, קלענערע ארבעטס־שטונדן אָדער אנדערע בעסערע באדינגונגען — איז ער געצוואונגען אין מערסטע פאלן צו שטרייקן. די ארבעטס־געבער געוויינטלעך שרעקן זיך ניט אָפּ און קריגן גלייך אויף זייער פּלאַץ אנדערע ארבעטסלאָזע, וועלכע פארנעמען די פּלעצער פון די שטרייקענדע ארבעטער.

די נייע ארבעטער ווערן אָנגערופן „סקעבס" אָדער שטרייק־ברעכער, און די רעגירונג דאָ אין אפריקע ווי אויך אין ענגלאנד און זאגאר אין די פרייע דעמאָקראטישע אמעריקע, געבן דיזע שטרייק־ברעכער פולע שוץ, פּראָטעקשאַן און לאָזן ניט צו ווער ניט איז זאָל זיי שטערן. אויב די שטרייקערס מאכן פאָרט טומלען, ווערן זיי ארעסטירט, געשלאָגן און זאגאר געשאָסן. דער רעזולטאט איז, אַז פילע מאָל מוזן די שטרייקערס פארלירן זייער קאמף און זיך אומקערן צו זייערע בעלי בתים פאר ארבעט נאָך אויף ערגערע באדינגונגען ווי פריער.

דעם פּראבלעם פון שטרייק ברעכעריי קען מען זאָגן מיט שטאָלץ, דאָס דער תלמוד האָט עס באזייטיקט מיט די פריער־דערמאָנטע פּראקלעמאציע „דאָס היורד לאומנות חברו" ווערט פארעכנט אלס אַ קרימאנעל פארברעכער און ניט נאָר ער קען ניט קריגן קיין פּראטעקשאַן פון אידישן געזעץ נאָר ער ווערט זאגאר באשטראפט.

די עקאָנאָמישע לאגע פון אידישן בעל מלאכה!

אין אלגעמיין איז די עקאָנאָמישע לאגע פון בעל מלאכה אין די צייטן פון תלמוד געווען ניט שלעכט, ווי ר' גמליאל דריקט זיך אויס „כלמי שיש לו אומנית למה היא דומה, לכרם שמוקף גדר". מלאכה איז געווען זייער אָנגעלייגט ביי די אידישע „תנאים" און זיי האָבן עס געהאלטן אז ארבעט קענען איז דער חוב פון יעדער מענטשן. דאָס ווערט באטאנט אין דעם בליציקן געדאנק „כל האומנות אדם הראשון למדם" ד.ה. אַז גלייך ווי דער ערשטער מענטש איז נאָר געקומען אויף דער וועלט האָט ער זיך גלייך גענויטיקט צו קענען אַ פאַך.

עס איז ווערט צו באַמערקן דאָס אין יענע תּלמודישע צייטן האָט די ניט אידישע וועלט, די גריכן און די רוימער, די וועמענס קולטור האָבן איבערגענומען דיאיצטקע מאָדערנע פעלקער, האָבן זיי געקוקט מיט בטול און פאַראַכטונג און אויך מיט עקל אויף וועלכע ניט איז פיזישע אַרבעט. קיינע אַרבעטער האָבן די גריכן און רוימער ניט געהאַט נאָר שקלאַפן. דער שקלאַף איז געווען דער גאַנצער אייגענטום פון זיין בעל הבית און ער האָט געמעגט טאָן מיט זיין שקלאַף ווי זיין קאַפּריז האָט אים דיקטירט. דער גריכישער היסטאָריקער טאַקיצידאַס דערציילט אַז איין מאָל האָט מען זיך אַרומגעזען אין שטאָדט לאַקאַדאַמינים אַז זיי האָבן צופיל שקלאַפן, האָט מען 2000 ערמאָרדעט גאַנץ קאַלט-בלוטיק.

די באַציאונגען פון די ניט אידישע וועלט צום אַרבעטער!

דער מענטש האָט קיין שום ווירדע ניט געהאַט ביי די רוימער און גריכן, אין די צייטן פון דעמיסטיאַנים איז די ווירדע פון אַ פערד געווען דריי מאָל אַזויפיל ווי אַ מענטשלעכער שקלאַף. אויף בהמות פלעגט מען נאָך האָבן אַמאָל רחמנות, געווען אַ זאָרט צער בעלי חיים-ניקעס דאַן אויך, נאָר דער קנעכט האָט פון קיינעם ניט געקענט ערוואַרטן קיינע רחמנות.

סאַנקע, דער באַריממער רוימישער פילאָזאָף און היסטאָריקער דערציילט דאָס אין זיין צייט האָט מען די קנעכט באַשטראָפט זייער גרויזאַם פאַר די קלענסטע קלייניקייט. פאַר אַ הויכן וואָרט האָט דער בעל הבית פון שקלאַף געמעגט אים פאַרשמייסן אָדער מאַכן אים פאַר אַן אייביקן קאַליקע, אָפּהאַקן אַ האַנט, אַ פוס, בלינד מאַכן, אויסברעכן שטיקער פלייש אָדער סתם אוועקהרגענען.

זעלבסטפאַרשטענדלעך דאָס ביי אַזוינע אומשטענדן האָט זיך דער פרייער בירגער געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת הכבוד אַ ערנידערונג צו טאָן וועלכע ניט איז אַרבעט. אפילו אַריסטאָטעל דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף זאָגט אויך אין זיין „פּאָליטישן טראַקטאַט" אַז אַרבעט איז אַ מיאוסע זאַך און עס פּאַסט ניט פאַר אַ פרייען בירגער ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט פיזישע אַרבעט און ער שטימט איין מיטן פילאָזאָף פּלאַטאָן אַז די גריכישע רעפּובליק זאָל ניט געבן קיין בירגער-רעכט זאָגאַר צו אַן אַרטיסט אָדער קינסטלער.

די פאַרצייטיקע רוימער האָבן אַרבעט גערופן מיטן נאָמען „לייבאָר" וואָס מיינט „ווייטאָק". לעבן אויף יענעמס פראַצע, שיכורן, הולטייענען,

ראבעווען און מאָרדן האָט געפּאַסט פאַר די אדעלע און פאַר די אַריסטאָק־ראַטיע, אָבער מיט ארבעט און ארבעטער האָט מען זיך געשעמט.

אין קעגנזאַץ צו די רוימישע און גריכישע באַציאונגען צו ארבעט, האָבן די אידישע חכמים אויפגעהויבן הויך דעם ארבעטער און געשעצט ארבעט „אהוב את המלאכה ואל תאמר ממשפחה גדולה אני" „איני רשאי לעשות מלאכה ולהבזות" (מדרש הנעלם).

די אידישע עטיק איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז זיי האָבן געזאָגט אין מסכת ברכות „גדול הנהנה מיגיע כפו מירא שמים". די צערעמאָניע פון כהן גדול און קדשי־קדשים, אום יום כיפור, און די ארבעט פון האָקן האָלץ ווערט באַצייכנט מיט דעם זעלבן נאָמען — עבודה ארבעט.

אין „אבות" ווערט געזאָגט „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה, וגורמת עון", ד.ה. יעדער לערע וואָס דער מענטש קען, איז נוצלאָז, אויב ער האָט ניט קיין פאַך אין האַנט. רבינו הקדוש, זאָגט „קנה לך אומנות עם התורה". אַ סך פון די תנאים און אמוראים זעלבסט זיינען געווען בעלי מלאכות, ווי ר' יהושיע בן חנינה, ר' יוחנן הסנדלר, ר' יצחק נפחא און פילע אַנדערע.

דער תלמוד האָט זייער רעספּעקטירט בעלי מלאכות און האָט ביי יעדע געלעגנהייט געוועלט און געטאָן אַלעס אויסצובעסערן די לאַגע פון ארבעטער.

מיט פאַרגעניגן וויל איך אָנמערקן אַז אונדזערע חכמים פון די תלמו־דישע צייטן זיינען געווען מערער פּראָגרעסירט ווי די סאָציאַלע פאַרזאָרגער פון אונדזער 20־טן יאָרהונדערט.

ווי אַלעמען איז באַוואוסט דאָס דאָ אין אַפריקע ווי אויך אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער איז די מאָדע צו צאָלן ארבעטער וועכנטלעך זייערע שכירות און דער רעזולטאַט איז דאָס דער ארבעטער איז געצוואונגען צו באָרגן זיינע לעבנס־באַדערפענישן פאַר די וואָך, דורך דעם האָט זיך געשאַפן דער סיסטעם פון קרעדיט, און קרעדיט ברענגט דערצו, אַז דער פּערזאָן וועלכער נויטיקט זיך אין דעם דאַרף צאָלן טייערער פאַר די פּראָדוקטן, וועלכע ער ברויכט צו קויפן און קען זיך ניט פיל איבערקלייבן וואָס אים געפעלט בעסער, ער מוז נעמען וואָס ער קריגט.

די תורה האָט דאָס אָבער פאָרויסגעזען און האָט אַוועק געשטעלט דעם געזעץ „לא תלין פעולת שכיר עד בוקר" און דער תלמוד האָט עס פאַרברייטערט און געפאָדערט אומבאַדינגט אַז ווי נאָר דער ארבעטער ענדיקט זיין ארבעט פאַרן טאָג מוז ער גלייך קריגן זיין געצאָלט.

דער תלמוד גיט אָפּ אַ סך אָרט פאַר די באהאנדלונג פון די יורידישע זייט פון אַרבעט און אַרבעטער. די פראגע פון געצאָלט אַז מען טאָר דעם בעל מלאכה ניט עקספּלאטירן און אויסניצן זיין אָרעמקייט אַז ער זאָל זיין אַרבעטספּייאיקייט פאַרקויפן פאַר ביליק, אויך די פראגע ווען אַ בעל מלאכה ספּאילט, פירט איבער די מאַטעריל און נאָך פאַרשידענע פּראָבלעמען און ביי יעדע אָפּהאַנדלונג פילט מען די תלמודישע פאָרמולע „יד הפועל על העליונה" אַז „דער אַרבעטער האָט די אויבערהאַנט".

די פאַכן וועלכע זיינען געווען פּאָפּולער ביי אידן!

מער פון אַלעס האָבן די חכמי התלמוד געגליכן ערד־אַרבעט „מי שאין לו קרקע איני קרוא אדם" אָדער ווי ר' אליעזר זאָגט אין „יבמות" „עתידים כל בעלי אומנות, שיעמדו על הקרקע" ד.ה. עס וועט קומען אַ צייט ווען אַלע אַרבעטער וועלן זיך איבערצייגן אַז די לאַנדאַרבעט שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין זייער עקזיסטענץ.

אין די גלות לענדער האָבן אידן זיך נאָר באַשעפטיקט מיט מלאכות. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטאַס שרייבט „דאָס אידן זייענדיק בטבע פיזיש שטאַרק און פייאיק האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשידענע מלאכות, אַז אַ סך האָט מען גערופן ספּעציעלע אידישע, ווי צום ביישפּיל וועבן קליידער האָבן אידן ערלערנט אַזוי גרינטלעך אַז זיי האָבן עס קאָנטראָלירט אין ארץ ישראל און אַנדערע לענדער".

אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים און אין הערופּאַלים האָבן אידן געהאַט טעכנישע שולן פאַר וועבעריי. דער רוימישער פּאָעט קלאַודיוס קלאַדיאַנים וועלכער האָט געלעבט אין 4־טן יאָרהונדערט קען זיך ניט אָפּלויבן פון די אידישע טעפּיכער (קאַרפּעטס) פּראָדוצירער אין די טעפּיכער (קאַרפּעטס) רופט ער אָן אַ אידישער פּראָדוקט. אין בירות זיינען אידן געווען באַרימט אַלס זייד וועבער, און אַזוי איז אויך געווען זייער פאַרשפּרייט דער פאַך פון פאַרבעריי. אין 2־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין היראַפּאַלים געפונען פילע אידישע פאַרבערס און זאַגאַר ספּעציעלע טעכנישע שולן פאַרן לערנען זיך פאַרבן קליידער. פּראָפעסאָר א. קיסא אין זיין בוך „דאָס גלאָז און אַלטערטיהם" ווייזט אויף דאָס אין 7־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין דרום פראַנקרייך באַזעצט פילע גריכעשע גלאָז־מאַכער וועלכע האָבן זיך זייער פאַך אויסגעלערנט פון די אידן.

דער בארימטער אידישער וועלט רייזנדער בנימין פון טידילה וועלכער האָט געווען די וועלט אין די 70 יאָרן פון 12־טן יאָרהונדערט דערציילט דאָס האָדעווען זייד־ווערם איז געווען די גאַנצע באַשעפטיקונג פון אידן אין סאלאניקי, קאָנסטאַנטינאָפּעל און טאַבריץ.

ר' עובדיהו מברטנורא, אַ גרויסער אידישער געלערנטער און רייזנדער דערציילט אין זיינע שריפטן פון 1488 דאָס אין קליין אזיע פאַרנעמען זיך אידן מיט זייד וועבעריי, קליידער פאַרבעריי ווערט באַטראַכט פאַר אַ אידישע ערפינדונג. אין קאָנסטאַנטינאָפּעל, אנטיוכיה און צור זיינען אידן געווען בארימט מיט זייער ספּעציאַליטעט אין גלאָז פאַבריקאַציע, וועבעריי, אייזן גיסעריי, און שניידעריי.

אין סיציליע, און איבערהויפּט אין גאַנץ איטאַליע האָבן אידן זיך באַשעפטיקט הויפּטזעכליך מיט מלאכות, אידן זיינען געווען די בעסטע וועבער און פאַרבער, אייניקע צידאַטן פון די פאַרבן אינדוסטריע האָט זיך גערופן אידישע.

ווען פערדינאַנד האָט באַפוילן ארויסצוטרייבן אַלע אידן פון סיציליע, ווייל דאַן האָט זיך אַ טייל פון איטאַליע געפונען אונטער די שפּאַנישע הערשאַפט האָבן די באַפעלקערונג זיי געבעטן מען זאָל אָפּלייגן די גזירה, ווייל עס האָט זיך ארויסגעוויזן דאָס אידן זיינען געווען די איינציקע שמידן און פאַך־לייט וועלכע האָבן פּראָדוצירט פּאָדקוועס פאַר די פערד, אַקעראייזנס שנייד מעסערס, און טיילן פאַר וואָגנס און זיי האָבן מורא געהאַט דאָס אויב אַלע אידן וועלן מיט אַ מאָל פאַרלאָזן דעם אינזשעל וועט אויף אַלעס ארויפגיין די פּרייזן.

דער אינזשעל סאַרדיניען האָט געהאַט אַזוי פיל אידישע קאַרפּענטערס, שמידן, שלעסער און וועבער, דאָס דער קעניג פערדינאַנד האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרבאָטן אידן צו אַרבעטן אין די טעג פון די קאַטוילישע חגאות, ווייל זיי פאַרטומלען די קעפּ פון די מתפּללים אין די קירכעס. אויסער דעם האָבן אידן אין סאַרדיניען זיך פאַרנומען מיט בוי אַרבעט און שטיין האַקעריי.

אויף דעם פּירינייאישן האַלב־אינזשעל און אויך אין דרום פראַנקרייך פלעגן אידן באַשעפטיקן זיך מיט וועבעריי, די וואָל פלעגן זיי דאַן קויפן אין ענגלאַנד, נאָר גלייך ווי די קריסטלעכע וועבער האָבן גענומען פילן די קאָנקורענץ האָבן זיי גענומען פאָדערן ביי די שטעדטישע פאַרוואַלטונגען דאָס מען זאָל איינפירן באַגרענעצונגען און ניט ערלויבן אַז אידן זאָלן קאָנטראָלירן דעם פאַך.

דער רעזולטאט איז געווען דאס אין 14־טן יאָרהונדערט האָט מען וועבן און שפינען פארבאָטן אז אידן זאָלן זיך דערמיט באַשעפטיקן סיידן זיי וועלן זיך שמד'ן.

דער גרויסער געלערנטער ראב"ד שרייבט דאָס זייד וועבעריי האָבן אידן אריבערגעבראכט פון ארץ ישראל נאָך שפאניען און די ערשטע זייד פאבריקן אין שפאניען אין 10־טן יאָרהונדערט איז געווען א אידישע.

אין סיציליע, בארצעלאָנע פלעגן אידן זיך ערנערן דערפון וואָס זיי פלעגן האָבן פלעצער אויף די מערק וואו זיי פלעגן פארקויפן זייערע אייגענע אויסארבעטונגען.

אין אראגאניען האָבן די אידישע שניידער געהאט זייער אייגענעם האָספּיטאל. אידן האָבן זיך דאָרטן ספּעציאליזירט אין בוך־בינדעריי, זייגער־מאכעריי, גאָלד־שמידעריי, אידישע קינסטלער פלעגן קריגן באשטעלונגען צו מאכן צלמים און אנדערע באַפּאצונגען פאר די קאטוילישע קירכעס.

דער פויפּסט בענעדיקטוס דער 13־טער האָט אין יאָר 1415 ארויס־געגעבן א באפעל דאָס אידישע איינבינדער טאָרן ניט איינבינדן קיינע ביכער וואו עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען יעזוס אָדער מערי נאָר מען האָט אים נאָך דאן וויניק וואָס געהערט.

אין די ארכיוון פון קאסטיליע פון יאָר 1443 ווערט אויסגערעכנט א גרויסע צאָל אידישע פאך־לייט, זילבער, גאָלד און קופּער שמידן, שוסטער, שניידער, שטריק מאכער, טעפּ מאכער און לעדער ארבעטער.

ווען מען האָט אידן ארויסגעטריבן פון שפאניען און א סך זיינען אוועק נאָך פּאָרטוגאל האָבן די אידישע שמידן, אייזן גיסער, שלעסער און מעכאַ־ניקער געדארפט צאָלן נאָר א העלפט פון דעם אָפּצאָל וואָס אלע האָבן געדארפט צאָלן ביי דעם אריבערגיין דעם גרעניץ.

אין שפאניען זיינען אידן געווען די בעסטע שפינער און וועבער, און ווען זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פארלאָזן די מדינה האָבן זיי כמעט ווי געמוזט אוועקשיינקען זייערע וועבשטולן און קיינער פון די שפאנישע האָבן ניט געוואוסט ווי דערמיט צו ארבעטן.

אין מיטן אלטער איז דרום פראנקרייך געווען דער צענטער פאר אידישע האנדווערקער און פארשידענע פאכן ווי וואָל אויארבייטונג, בוך־בינדעריי, און גאָלד שמידן, איבערהויפּט האָבן אידן אין ליאנס און טרעווערס געשאפן די בארימטע אינדוסטריע פון זילבער פעדים און גאָלד פעדים.

אין קעגנזאץ פון דרום אייראָפּע וואו אידן האָבן גענאסן די ערשטע הונדערטער יאָרן א געוויסע מאָס בירגערליכע פרייהייט, האָבן דערפאר אידן

אין צענטראל אייראָפּע ניט געהאט די מעגלעכקייט צו נעמען זיך צו וועלכע ניט איז פאך. די ערשטע „צעכן" וועלכע האָבן זיך געשאפן אין דייטשלאנד אין 12־טן יאָרהונדערט האָבן גלייך איינגעפירט אין זייערע תקנות דאָס אידן זוערן ניט אָנגענומען אלס מיטגלידער.

אמת, דאָ און דאָרטן האָבן זיך יאָ געפונען אידישע עה״ר, פריזערער, קצבים, און שניידער, אָבער זייערע קונדן זיינען געווען אידן, ווי נאָר אַ אידישער קצב האָט פּרובירט פארקויפן פלייש צו אַ ניט אידן, טריפה אָדער בשר'ע איז גלייך געוואָרן אַ גערואלט. דאָך געפינען מיר אפילו דאן אין דאר־שטאט אַז צוויי אידישע שניידער האָבן געקראַגן די ערלויבעניש צו האלטן קריסטלעכע ארבייטער.

אין יאָר 1313 האָט דער גרויספירשט „פרידריך דער שיינער" באפוילן דאָס אידן טאָרן זיך ניט פארנעמען מיט שניידעריי און אויב מען וועט געפינען אַ אידישן שניידער נייענדיק זאָל מען קאָנפיסקירן די סחורה.

אַט אזוי האָט מען פארמאכט די טירן פאר אידישן בעל מלאכה, און דער אידישער האנדווערקער זייענדיק ארויסגעשטופּט פון זיין פאך האָט זיך ניט ווילענדיק געמוזט זיך נעמען צום האנדל און אנדערע לופט פרנסות.

דער ביטערער קאמף פון די קריסטלעכע „צעכן" קעגן אידישן ארבעטער

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאפּיטאלן געשילדערט די לאגע און ענט־וויקלונג פון אידישן ארבייטער אין ארץ ישראל פאר חורבן. אין מיטל און קליין אזיען נאָכן חורבן, אויך ביז דעם מיטל־אלטער אין דרום אייראָפּע. עס וועט זיין רעכט צו באשרייבן די ענטוויקלונג פון אידישן ארבייטער אין מערב און מזרח אייראָפּע כדי צו האָבן אַ גאנצע בילד פון דעם שווערן לעבן וואָס דער אידישער בעל מלאכה האָט געדארפט פירן.

אין פוילן און ליטע האָבן אידן אויך זיך באשעפטיקט מערסטן טייל מיט מלאכה און ניט ווי עס איז פארשפרייט דער מיינונג אַז אידן האָבן זיך בלויז פארנומען מיט ארענדעס, ד.ה. זיי פלעגן אָפּדינגען פון די פריצים זייערע הויפן, קרעטשמעס, שיינקען און אבצאָלונגען, און אויך מיט האנדל מסחר.

דער נאטירלעכער צוואוקס פון די אידישע באפעלקערונג אין פוילן און ליטע, ווי אויך דער שטענדיקער שטראָם פון אימיגראציע וועלכער איז געפלאָסן נאָך פוילן און ליטע, ווייל דאָרטן איז געוואָס די פאָליטישע לאגע

פון אידן געווען בעסער, ווי אין אנדערע טיילן פון אייראָפּע, דאָס אַלעס האָט גורם געווען, אַז דער עקאָנאָמישער לעבן האָט זיך גענומען פונאַנדער־וויקלען און פאַרשפּרייטן איבער פאַרשידענע פאַכן, וועלכע האָבן אין יענע צייטן פאַרזיכערט דעם מינימום פון פּרנסה באַדערפעניש. איבערהויפּט איז די לאַגע געוואָרן בעסער, ווען די צוויי מדינות פּוילן און ליטע, האָבן זיך פאַראייניקט אונטער איין מלוכה־סיסטעם דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1569. לויט די קריסטליכע צייט רעכענונג.

די גראָדנער קהילה, האָט שוין אין יאָר 1389 געקראָגן פון די ליטווישע רעגירונג ספּעציעלע רעכטן זיך צו פאַרנעמען מיט אַ גאַנצע ריי פון פאַר־שידענע מלאכות. אין 15־טן יאָרהונדערט, געפינען מיר, צווישן די פּוילישע אידן, ניט נאָר קצבים, און שניידער, נאָר אויך היטל־מאַכערס, גאַרבערס וועבער, און גלעזער. אין קראָקאָוו האָבן אידישע שניידער און קירזנער, ניט נאָר געאַרבייט אויף באַשטעלונגען, נאָר זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו פּראָדוצירן פאַר די פאַרשידענע מערק, ירידים, וועלכע זיינען יעמאָלט געווען דער גאַנצער אַבזאַץ פּלאַץ, פאַר אַלערליי אויסאַרבייטונגען.

אידישע שניידער וועלכע מאַכן פאַרטיקע קליידער, כדי זיי צו פאַרקויפן צו פּויערים, געפינען מיר אויך אין לעמבערג, אין לוצק, נאָר דאָרטן האָבן שוין די קריסטליכע „צעכן" (אַ צעך" האָט זיך גערופן אַ „טרייד יוניאָן") זיך גענומען אריינמישן און מאַכן פאַרשידענע שוועריקייטן.

איבערהויפּט האָבן דיזע „צעכן" זיך באַמיט צו ווירקן ביי די פאַר־שידענע מוניציפּאַליטעס, שטאָדט פאַרוואַלטונגען, דאָס מען זאָל אידישע בעלי מלאכות פאַרבאָטן צו האַלטן קריסטליכע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע. שווערע שטראָף האָט באַקומען דער קריסטליכער אַרבייטער, אויב ער האָט געהאַט די העזה ניט צו פאָלגן זיין „צעך". און גיין אַרבייטן ביי אידן. דער פאַרביטערטער איינגעשפּאַרטער קאַמף פון די קריסטליכע „צעכן" אַנטקעגן אידישע בעלי מלאכות אין 16־טן יאָרהונדערט באַווייזט, אַז די אידישע קאָנקורענץ אויף דעם געביט, איז געווען זייער אַ שאַרפער.

און עס איז ניט קיין וואונדער, ווילע גראַדע דאַן, האָט מען פון אידן אָפּגענומען די רעכט צו דינגען אין אַרענדע די אָפּצאָלונגען, די הויפן, פון די פּריצים, און זייערע מילען. דערצו, האָט מען אידן פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט תבואה, און דאָס געמאַכט אַ מאָנאָפּאָל, אַ קאָנצעסיאָן פאַר די שלאַכטע, ד.ה. פּוילישע פאַראָרעמטע אַריסטאָקאַטיע, דאַן האָבן אידן שוין קיין ברירה

ניט געהאט, און זיי האָבן זיך גענומען צו פאַרשידענע פאַכן. אמת, עס נעפאַלט זייער שווער, דייטליך, אָנצוווייזן אין ציפער, די צאָל פון אידן, וועלכע זיינען געוואָרן בעלי מלאכות, נאָר די אַלע דאָקומענטן אין די ארכיוון פון 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט דערציילן אונז, אז אין פוילן איז געוואַקסן די צאָל פון גאָלד שמידן, קופער און אייזן־שמידן, מעטאַל־גיסער, געווער־מאַכער, דישלער, שלעסער, בויער, מייערער, איינבינדער, גארבער, שוסטער, זייגער מאַכער, הארנעס מאַכער, זאָקן שטריקער, זייף מאַכער און קנעפּ פּראָדוצירער.

די קריסטליכע „צעכן" אָבער, האָבן אָנגעהויבן אָן רחמנות צו פאַרפאָלגן יעדן האנדווערקער, וועלכער פלעגט ניט געהערן צו זייער „צעך" אין דעם זין האָבן זיי ניט געמאַכט קיין אונטערשייד, סיי אַ איד סיי ארמענער, טאַטאַר אָדער פּאָליאַק, ביי זיי האָט געהערשט די מיינונג, אז נאָר דער, מעג זיך ערנערן פון זיין פאַך, אויב נאָר, ער געהערט צו אַ „צעך" אַ פרייער און וועלבסטשטענדיקער ארבייטער, פלעגט ווערן פאַרפאָלגט מיט גרוים ביטער־קייט. אָבער דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון דאַמאָלסדיגע קריסטליכע „צעכן" איז געווען אזוי, אַז אַ איד האָט בשום אופן ניט געקענט ווערן אַ מיטגליד פון אַ „צעך", ניט אין דייטשלאַנד און אויך ניט אין פוילן אָדער ליטע.

דער אָנהויב פון אידישע „צעכן" זייער אָרגאַניזאַציע און זייערע תקנות!

ניט קענענדיק מער ליידן, די נגישות פון די קריסטליכע „צעכן", האָבן זיך די אידישע בעלי מלאכות גענומען אָרגאַניזירן אייגענע אידישע „צעכן" און אויסנוצן די רעכט אויף ארבייט, וועלכע זיי האָבן געקראָגן פון די פוילישע מלכים. צוזאַמען מיט די אידישע קהילות איז זיי געלונגען אויס־צופויעלען ביי די קריסטלעכע „צעכן" געוויסע אנערקענונג, און אויך וועלכע ניט איז לייכטע פּריווילעגיעס.

צום ביישפּיל, אין גראָדנע, נאָך אַ לאַנגען סכסוך, וועלכער האָט זיך געצויגן עטליכע יאָר, זיינען די קריסטליכע און אידישע „צעכן" געקומען צו אַ פּשרה, אין יאָר 1652. די פּשרה איז באַשטאַנען אין דעם: — א) אידי־שע שניידער, קירזנער און פּעלץ מאַכער מעגן פאַרזעצן מיט זייער ארבייט אומגעשטערט, און מעגן אויך פאַרקויפן זייערע אויסארבייטונגען אין קראַמען מערק ירידים, און אין אַלגעמיין צו יעדן איינעם, וועלכער וויל קויפן פון זיי.

ב) די אידישע בעלי מלאכות דארפן צאָלן יעדן יאָר דעם קריסטליכן „צעך" 6 גאָלדענע דיקאטן (אזא מטבעה) און 2 פונט געוויכט פולווער.

ג) אידישע בעלי מלאכות איז ערלויבט געוואָרן צו האָבן קריסטליכע העלפער, ארבייטער, אָבער די אידישע ארבייטער, מוזן זיין געגרייט צו העלפן קריסטליכע בעלי מלאכות, ווען זיי וועלן זיך אין דעם נויטיקן.

ד) אידישע בעלי מלאכות מעגן האלטן קריסטליכע לערן-אינגלעך בתנאי, אז זיי מוזן צאָלן א געוויסן צינז צו די קריסטליכע „צעכן", און אויך זיך לאָזן עקזאמינירן ביי די דאָזיקע „צעכן". דער הסכם באפרייט אידישע בעלי מלאכות, אז זיי דארפן מערער ניט צושטעלן ליכט פאר די קירכע, נאָך צו גיין זייערע לויות, אָדער פארזאמלען זיך אונטער די פאָן פון די קריסטליכע „צעכן".

דער וויכטיקסטער פונקט איז געווען, דאָס אידישע בעלי מלאכות אין גראדנע, זיינען ניט מער אונטערוואָרפן יורידיש אונטער דעם ספּעציעלן געריכט פון די „צעכן", נאָר די קריסטליכע „צעכן" האָבן אָבער דאָס רעכט, פון צייט צו צייט, צו קאָנטראָלירן די אויסארבייטונגען פון די אידישע בעלי מלאכות און זען, אז זיי זאָלן האָבן דעם זעלבן קוואַליטעט וואָס עס פאָדערט זיך, לויט די תקנות פון די קריסטליכע „צעכן".

דער הסכם באווייזט אונז, אז די קריסטליכע „צעכן" האָבן זיך געמוזט שוין רעכענען מיטן אידישן בעל מלאכה און איינגיין אויף א פּשרה.

זאגאר, אין די ערטער, וואו מען האָט קיין קאמפּראמיס ניט געקענט צורעכט קומען האָבן אָבער די קריסטליכע „צעכן" שוין מער ניט געקענט אָפּשטעלן די ענטוויקלונג פון אידישן בעל מלאכה, ווייל דאן, האָט זיך אריינגעמישט א נייער פאקטאר, דער פוילישער פּריץ, וועלכער איז געווען זעלבסט-הערשער אויף זיינע אומעניעס און שטעטלעך, און ער, דער פּריץ, האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט די תקנות פונדי „צעכן", דער איד איז געווען אונטערוואָרפן דעם פּריץ, און ער האָט שוין פאר די „צעכן" ניט געדאַרפט מורא האָבן.

די ערשטע אידישע גרויסע „צעכן" אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין 17-טן יאָרהונדערט זיינען געווען די חברה שניידער אין פּערעמישעל אין יאָר 1613, חברה שניידער לעמבערג אין יאָר 1627, גאָלדשמידן אין קראקאוו אין יאָר 1605.

מיר האָבן ניט גענוג מאטעריאל פעסט צו שטעלן די נעמען פון די יעניקע, וועלכע זיינען געווען די ערשטע פּיאנערן, צו אָרגאניזירן דעם אידישן

ארבייטער. צי די קהילה פארוואלטונגען, וועלכע האָט אַלעמאָל געשטיצט און אָנגענומען זיך פאר די אידישע בעלי מלאָכות, אין זייער קאַמף מיט די קריסטליכע „צעכן", אָדער די אידישע בעלי מלאָכות זעלבסט, האָבן עס געטאָן, איז אַ זאַך, וועלכער מיר מוזן איבערלאָזן צו די קומענדיקע פאָרשער, פון די געשיכטע און ענטוויקלונג פון די אידישע ארבייטער באַוועגונג.

מיר וועלן זיך נאָר האלטן ביי די פאַקטן, וועלכע אונז איז באַוואוסט אין דעם ענין.

די אידישע חברות אָדער ווי מיר וועלן זיי מאָדערניזירן און רופן „טרייד יוניאָנס" האָבן געהאַט זייער אייגענע קאָנסטיטוציע געשריבן אויף פארמעט. יעדער מיטגליד האָט זיך געדאַרפט אונטערשרייבן אויף דעם פאַרמעט, ווי נאָר מען האָט אים אריינגענומען אין פאראיין.

אין די שטעט אָדער שטעטלעך, וועלכע האָט באַלאַנגט צו די ווירטשאַפט פון די פריצים, האָט דער פריץ געהאַט די רעכט צו גרינדן, אָדער באַשטעטיקן אַזאַ חברה, אָדער „טרייד יוניאָן".

די שטעט, וועלכע האָבן געהאַט אויטאָנאָמישע פאַרוואַלטונג, אָדער האָבן אָנגעהערט צו די מלוכה, דאָרטן האָט דער באַאַמטער פאר אידישע ענינים, אָדער די אידישע קהילה פארוואלטונג, געהאַט דעם קאָנטראָל איבער די דאָזיקע חברות. אין קראָקאָוו האָט אָפט פאַסירט, דאָס די קהילה פאַר־וואַלטונג פלעגט ענדערן פאַרשידענע תקנות פון די חברה'ס קאָנסטיטוציע. די הויפּט תקנה פון יעדע חברה איז געווען, אַז יעדער בעל מלאָכה מוז זיך צושרייבן צו די געהעריקע חברה, אויב ניט, האָט ער זיך ניט געטאָרט באַשעפטיקן מיט זיין פאַך.

דער קאָמיטעט פון די חברה האָט פאַרפאָלגט די יעניקע, וועלכע זיינען ניט צוגעשטאַנען צום „טרייד יוניאָן" און האָט זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות. עס האָט פּאַסירט דאָס מען האָט אַנדערע אַזוי איינגג געמאַכט, אַז זיי האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון שטאָט, און זייערע סחורה האָט מען קאָנפיסקירט.

דער קאָמיטעט, אָדער „ועד" פון די „טרייד יוניאָן" האָט אויפגעפּאַסט אויף די אינטערעסן פון די בעלי מלאָכות אַנטקעגן די אויסערליכע וועלט, און האָט זייער שטריינג אכטונג געגעבן אַז די קוואַליטעט פון די אויסאַר־בייטונגען זאָלן שטיין אויף דעם געהעריקן הויך, און עס זאָל הערשן אָרדנונג און דיסציפּלין, צווישן די חברים פון „טרייד יוניאָנס".

דעם אדמיניסטראַטיוון „ועד" פלעגט מען אויסקלייבן נאָר אויף איין יאָר, און ער איז באַשטאַנען פון פינף מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך גערופן

„גבאים". יעדער „גבאי" האָט רעגירט אַ חודש, איינער נאָכן אַנדערן, אויסער דעם, פֿלעגט מען קלייבן אַ ספּעציעלן „ועד" פֿאַר שאַפֿן נייַ תקנות, אַ קאָמי־טעט, אכטונג צו געבן, אויב מען פֿאָלגט אויס די תקנות, אויך „רואי חשבון", „אָדיטאָרס", משגיחים, אָדער אינספּעקטאָרס און שמשים.

דער צאָל פֿון די באַאַמטע און זייערע פֿונקציעס איז געווען פֿאַרשידן ביי יעדער חברה.

אַ דין האָט יעדער חברה געהאַט אַן אייגענעם, וועלכער פֿלעגט אויסהערן אַלע סכסוכים אין בייוועזנהייט פֿון די גבאים, אַ מין דעמאָקראַטישער געריכט, (קאָרט). אין די שטאָט בראַד האָבן די שניידער באַשטימט דעם רב, אַלס זייער „דין". די חברה וועלכע האָט געהאַט אַ סך כּיטגלידער און האָט געהאַט גענוג געלט־מיטלען האָט געהאַט אָנגעשטעלט אייניקע דינים אין זייער חברה.

דער איינפֿלוס, די השפּעה פֿון דין איז געווען זייער אַ גרויסער, און מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג ווען מען האָט געדאַרפֿט צונעמען אַ נייעם מיטגליד אין די חברה. אין פֿאַזנען פֿלעגט דער דין פֿירן די פּראָטאָ־קאָלן פֿון זייערע אסיפֿות, און האָבן אין זיין רשות, דעם פּנקס, דעם אוסטאַוו, קאָנסטיטוציע פֿון די חברה.

דער „דין" פֿלעגט ניט קריגן קיין באַשטימטע געהאַלט, נאָר ער פֿלעגט האָבן אַ חלק פֿון די איינקינפֿטע פֿון די שטראָף־געלט, וואָס פֿלעגט ווערן ארויפֿגעלייגט אויף די חברים, וועלכע האָבן ניט ערפֿילט פּינקטלעך זייערע פֿליכטן, אָדער וועלכע האָבן געבראָכן וועלכע ניט איז אָפּמאַך.

דער אויסקלייבן פֿון די עקזעקוטיווע איז געווען זייער קאָמפּליצירט און עס איז באַשטאַנען לויט פֿאָלגענדעס:

א) יעדער חבר פֿון טרייד יוניאָן האָט געהאַט שטים־רעכט און האָט געדאַרפֿט ווילן דורך צעטאָלעך, וואָס מען האָט דאַן גערופֿן „קלפּי" — אַ קאָמיטעט פֿון 7 אָדער 9 פּערזאָן.

ב) די 9 אָדער 7 האָבן צווישן זיך אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פֿון פֿינף, וועלכע איז געווען די עקזעקוטיווע און זיי האָבן שוין באַשטימט אַלע נויטיקע באַאַמטע, פֿאַר די חברה.

ג) דער בעל מלאכה וואָס האָט געאַרבייט צו ערשט צוויי יאָר אַלס אַ לערן אינגל, און נאכהער איין יאָר אַלס אַ קוואַליפֿיצירטער אַרבייטער, האָט געקענט ווערן אַ מיטגליד. אַנדערע חברות ווידער, האָבן געפֿאָדערט, דריי יאָר צו זיין אַ לערן אינגל. אין די שטעטל קיידאַן האָט זיך געפֿאָדערט

זעקס יאָר דורך־צומאַכן דעם קורס פון אַ לערן אינגל און קוואַליפיצירטער אַרבייטער, כדי צו ווערן אַ מיטגליד אין חברה.

יעדער מיטגליד פון חברה, האָט געניאָסן פילע פּריווילעגיעס, דערפאַר איז פאַרשטענדליך, דאָס עס איז געווען ניט לייכט צו ווערן אַ נייער מיטגליד.

אַן אנדער אינטערעסאַנטער פּונקט, אין זייערע תקנות איז געווען, אַז נאָר אַ באַווייבטער אַרבייטער האָט געמעגט געהערן צו אַ טרייד יוניאָן, אָבער אַ בחור האָט ניט געטאָרט אַרבייטן זעלבסטשטענדיק, ער האָט געמעגט אַרבייטן ביי יענעם, אַלס אַ האַנט, אָבער ניט פאַר זיך.

דורך אַזאַ תקנה, האָבן זיך די פאַרהייראַטע געוואָלט באַשיצן אַנטקעגן קאָנקורענץ, ווײַלע, אַ בחור האָט קלענערע הוצאות, קען ער זיך פאַרגינען צו אַרבייטן ביליגער, וועט ער דאָך שאַטן טאָן די אַנדערע, דורך דעם ווארפן די פּרייזן. אַלזאָ, האָבן זיי, די ניט פאַרהייראַטע ניט אַריינגענומען אין זייערע טרייד יוניאַנס.

אַ פרישער מיטגליד האָט געדאַרפט איינצאָלן אײַנטריט געלט, און האָט נאָר געקענט ווערן אַ פולשטענדיקער מיטגליד, אַז ער איז שוין געווען פאַר־שריבן אין חברה ניט ווייניקער ווי דריי יאָר. אין די ערשטע דריי יאָר האָט דער נייער מיטגליד ניט געטאָרט האַלטן אַרבייטער אָדער לערן אינגלעך אָדער גיין אָנבאָטן זיין אַרבייט, אָן די ערלויבעניש פון די עקזעקוטיווע, ער האָט אויך ניט געהאַט נאָך קיין שטים־רעכט אין די „קלפּי״.

נאָך די דריי יאָר, איז ער געוואָרן אַ פול בארעכטיקטער מיטגליד, וועלכער האָט געהאַט שטים־רעכט און געמעגט אָננעמען אַרבייטער אָדער לערן אינגלעך.

אינטרעסאַנט איז, אָבער, צו באַטאָנען, דאָס אַ מיטגליד האָט נאָר געמעגט אָננעמען ניט מערער ווי צוויי אַרבייטער, און צוויי לערן אינגלעך.

איין בעל מלאכה האָט ניט געטאָרט ערלויבן זיין אַרבייטער געהילף, צו גיין געבן אַ האַנט און העלפן אַ צווייטן בעל מלאכה אפילו אויף אַ שטונדע צייט, נאָר אין אויסערגעוויינטליכע פאַלן, האָט דער טרייד יוניאָן ערלויבט, וועמען ניט איז אָנצונעמען אַן עקסטרען אַרבייטער געהילף.

אַ לערן אינגל האָט געדאַרפט קריגן פון זיין אַרבייטס־געבער קוואַרטיר און עסן. אָבער קיינע געהאַלט. אַן אַרבייטער האָט געדאַרפט קריגן, ניט נאָר קוואַרטיר און עסן, אָבער אויך געהאַלט, לויט די קוואַליפיקאַציע פון זיין קענטעניש. דער מינימום צייט פון אַ קאָנטראַקט וועלכער דער בעל הבית

האָט זיך געקענט פאַרבינדן מיט זיין אַרבייטער געהילף, אָדער לערן אינגל, איז געווען ניט ווייניקער, ווי דריי חדשים, און ניט מערער ווי 18 חדשים. פון אַרבייטער געהילף האָט זיך געפאָדערט ער זאָל „באַדינען" און פאָלגן, און זיין געטריי צו דעם, ביי וועמען ער אַרבייט. די שטעטישע איינוואוינער, האָבן געהאַט די פאָר־רעכט, צו קריגן אַרבייט, און ווען זיי האָבן שוין געהאַט אַרבייט, דאַן האָט מען געמעגט אָננעמען אַ פרעמדן, פון אַנאַנדער שטאָט, פאַר אַן אַרבייטס געהילף.

די אַלע חברות, וועגן וועלכע מיר באַשרייבן דאָ, האָבן געהאַט, זייער הויפט אויפגאַבע, צו פאַרזיכערן דעם עקסיסטענץ פון זייערע מיטגלידער. דערפאַר האָבן זיי געשטרעבט אין זייערע תקנות איינצופירן, דאָס עס זאָל קיין קאָנקורענץ ניט הערשן, צווישן די מיטגלידער פון איין פאַך, ווי ווייט מעגלעך, אָדער עס פאַרקלענערן צו אַ מינימום.

זיי האָבן אויך איינגעשטעלט, אַז יעדער מיטגליד האָט געהאַט אַ באַשטימטן פּלאַץ אויפן מאַרק, און ער האָט בשום אופן ניט געטאָרט אוועקרופן דעם צווייטנס קונדן. אויב איינעם איז געלונגען איינצושאַפן זיך אַ געוויסע צאָל קונדן, איז דאָס געווען פאַררעכנט, אַלס זיין אייגנטום, און ער האָט עס געמעגט איבערגעבן בירושה, צו זיינע קינדער, אָדער געבן אין נדן צו זיין איידעם. אָבער איין פונקט אין די תקנות פאָדערט, אַז די יורשים מוזן זיין מיטגלידער פון די זעלבע חברה, אויב ניט, מוזן די קונדשאַפט איבערגיין צו די חברה זעלבסט.

די טרייד יוניאָן האָט געהאַט גרויס קאָנטראָל אויף דעם איינצעלנעם מיטגליד. די תקנות פון לוצקער שניידער פאַראיין, אין יאָר 1720, לויטעט „אַז אַ מיטגליד פון דעם שניידער פאַראיין, מעג נאָר אָננעמען זעלבסטשטענדיקע באַשטעלונגען ביז אַ סומע פון 40 גילדען. אויב דער באַשטעלונג באַטרעפט מערער ווי 40 גילדען, דאַן געהערט עס צום שניידער פאַראיין, און זיי דאַרפן באַשטימען דורך אַ גורל, צו וועמען דער באַשטעלונג זאָל געהערן".

איבערהויפט איז צו זען, אַז די אידישע „צעכן" האָבן באַקעמפט זייערע ניט מיטגלידער מיט די זעלביקע שאַרפקייט ווי די קריסטלעכע פּוילישע „צעכן" האָבן באַקעמפט זייערע קאָנקורענטן, וועלכע האָבן צו די „צעכן" ניט אָנגעהערט.

אַזוי איז געווען די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט, דאָס אַ בעל מלאכה האָט געמוזט זיך אָנשליסן צו אַ באַשטימטע חברה פון זיין פאַך.

א באַרימטער ענגלישער עקאָנאָמיסט האָט מיט רעכט אָנגעוויזן „אַז עס קען קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, דאָך איז אַ פאַקט, דאָס יעדע געזעלשאַפט, וועלכע שאַפט פאַר זיך געוויסע גרויסע פּריווילעגיעס, הערשט אַ דעמאָקראַטישער גייסט בנוגע אירע אייגענע מיטגלידער און מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון איינעם ביז דעם צווייטן".

די אַרבייטס „צעכן" אָדער חברות זיינען געווען אין אַ געוויסן זין ביוראָקראַטיש, ווײַלע זיי האָבן פאַר זיך געשאַפן אַ מין מאָנאָפּאָל אָדער קאָנצעסיאָן אויף אַרבייט און האָבן דורך דעם שאַדן געטאָן פרעמדע, אָדער האַלבע ניט אין גאַנצן קוואַליפיצירטע אַרבייטער, דאָך האָט אין זייערע רייען געהערשט אַ פולשטענדיקער אחדות, און אַ דעמאָקראַטישער גלייכגעוויכט.

די הכנסות פון די דערמאָנטע חברות, איז באַשטאַנען פון איינטריט געלט, וואָס יעדער האָט געמוזט איינצאָלן ווען ער ווערט אַ מיטגליד, אויך באַשטימטע מאָנאַטליכע אָפּצאָלונגען, וואָס יעדער מיטגליד איז געווען באַשטייערט, דערצו די שטראָף געלט פאַרן ניט פאָלגן די תקנות פון חברה. אויך אַ געוויסער פּראָצענט פון געוויסע קאָנטראַקטן, וואָס יעדער מיטגליד פלעגט אַריינקריגן.

די אויסגאַבן פון די זעלביקע חברות איז געווען אַדמיניסטראַטיווע פאַר די הוצאות פון זייערע קאַנצעלאַריעס, לערנען אַ פאַך די יתומים, פון די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער. אַ גרויסער טייל פון זייערע הוצאות איז געגאַנגען אויף דעם צוועק צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט, אַנטקעגן די אָפּטע אָנפאַלן פון די קריסטליכע „צעכן".

יעדער טרייד יוניאָן איז אין אַ געוויסן מאָס געווען רעליגיעז און געזעלשאַפטלעך. כמעט די אַרעמסטע חברה האָט געהאַט איר אייגענע שול, בית המדרש, אָדער מנין, וואו אַלע חברים האָבן געמוזט קומען שבת און יום טוב, דאַווענען, תפילה בצבור, טאָמער איז ווער געשטאָרבן, זיינען אַלע געווען מחויב זיך צו באַטייליקן אין הלוית המת. בקור חולים און גמילת חסד איז געווען גוט אָרגאַניזירט ביי זיי, און זייער הויך ענטוויקלט, זיי האָבן אפילו געהאַט דעם מנהג פון מאַכן אַ באַנקעט יעדן חול המועד פסח, ווען זיי פלעגן אויסקלייבן אַ נייעם „ועד", דאָס וואָרט באַנקעט איז אַ ביסעלע צו מאָדערנע, זיי האָבן עס גערופן אַ „סעודה".

די קהילה פאַרוואַלטונגען, פלעגן אַכטונג געבן אויף די פאַרשידענע חברות פון די בעלי מלאכות, און זיי האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן די „גבאים" אָדער אַדמיניסטראַציע פון די זאַ גענאַנטע חברות.

אין פערעמישל האָט די קהילה פאַרוואַלטונג פאַרבאָטן די גבאים פון די חברות צו מאַכן נייע תקנות, אָדער זאַמלען, וועלכע ניט איז געלדער, אָנע די ערלויבעניש פון די קהילה.

אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון ליטע, האָט יעדער אידישער „טרייד יוניאָן" געהאַט אַ העלפּט גבאים, וועלכע זיינען געווען „פּרנסי הקהילה" אויך, האָט יעדער קהילה געהאַט די רעכט צו באַשטימען רעוויזאָרן וועמעס אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן, אַז די פאַרשידענע אויס־אַרבייטונגען פון די בעלי מלאכות, זאָלן האָבן די געהעריקע קוואַליטעט, און אויך זען, אַז די מאָסן און געוויכט זאָלן זיין ריכטיק, כדי צו באַשיצן די אינטערעסן פון די געברויכער.

פאַרשטייט זיך, דאָס ניט איינמאָל פלעגט אַרויסקומען גרויסע סכסוכים, צווישן די קהילה פאַרוואַלטונגען, וועלכע פלעגט פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די רייכערע עלעמענטן פון די אידישע באַפעלקערונג, און די חברות, וועלכע האָבן גערעדט אין נאָמען פון „עמך", די פּשוטע אָרעמע מאַסן. עס איז געקומען דערצו, אַז אין מינסק האָבן די חברות פון די בעלי מלאכות אָנגעקלאָגט די קהילה פאַרוואַלטונג אין געריכט פון די רעגירונג, און זיי, די בעלי מלאכות האָבן דערנאָך געכאַפּט פון די מינסקער קהילה, אַ פּסק **דערפאַר.**

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, דאָס קיידאַנער בעלי מלאכות האָבן אַמאָל דעמאָנסטרירט אויף אַן איינענאַרטיקן אופן, אַנטקעגן די קהילה, און טרעפט וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זיינען אַלע געקומען שבת אין שול, אָנגעטאָן מיט יאַרמולקעס (אַ יאַרמולקע האָט דאַן געמעגט טראָגן אַ גרויסער למדן, אָדער אַ חשובער בעל הבית) אַלס אַ פּראָטעסט, וואָס מען באַגייט זיך מיט זיי ניט ווי עס דאַרף זיין.

אָבער, דער פּראָטעסט, האָט זיי געקאָסט זייער טייער, יעדער בעל מלאכה, וועלכער האָט יענעם שבת געטראָגן אַ יאַרמולקע, האָט אַריינגעכאַפּט אַ פּאַרציע מלקות (שמיץ) פאַר אַזאַ חוצפּה.

(ענדע)